STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05345

MILHOME

Ludwig Renn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לודוויק רען

מלחמה

אויטאָריזירטע איבערזעצונג

פון

עלים באָרנשטיין

פאַרלאַג י. א. צוקער, וואַרשע

1930

Druk. B-ci Wójcikiewicz, Warszawa, Pawia 10, tel. 265-82.

פאָרויסמאַרש

פאַרברייטונגען.

אין טאָג פון דער מאָביליזאַציע בין איך געוואָרן קאַפּראַל. צו מיין מוטער האָב איך שוין נישט געקאָנט פאָרן און האָב זיך מיט איר געזעגנט שריפטלעך. אין טאָג פונם אַרויסמאַרש האָב איך באַקומען איר ענטפער:

מיין יינגל! פאַרבלייב געטריי און האַלט דיך לייטיש. דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן דיר שרייבן. מיר האָבן דאָ אַ סך צו טון. דיין ברודער איז אויך אַוועק אין מיליטער, און מיר, צוויי פרויען, מוזן זיך אַן עצה געבן מיט אַלעם. אויף די איינציקלעך קאָן מען נאָכנישט רעכענען. איך שיק דיר מיט אַ פּאָר וואַרימע זאָקן.

פאַרבלייב געזונט!

דיין מוטער.

כ׳האָב אַריינגערוקט דעם בריוו אין בוזימטאַש און בין אַוועק אין די קאַנטינע, כדי מיר איינצוקויפן נאָך אַביסל בריוו־פּאַפּיר. מענטשן זענען געלאָפן אַהין און צוריק איבער די קאָרידאָרן. אין דער קאַנטינע איז דער עולם געשטאַנען אַרום דעם שענקטיש.

— דו, לודוויק! — צישע האָט מיר לאַכנדיק אונטערגע־רוקט אַ גלעזל שנאַפּס. — אויף די ערשטע רוסן!

מיר האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך.

מאַקס דאָמסקי, די „פּערל״, איז געזעסן אויף אַ טיש און

געשאָקלט מיט די פיס. ער האָט אָנגעקוקט איינעם נאָכן אַנ־דערן און זיך געפרייט.

אין הינטערגרונט האָט אַ בערדיקער, דיקער יעפרייטער געהאַלטן אַ רעדע: — זיי וועלן שוין דערשפירן, די יוכעס, וואָס דייטשי־שע קלעפּ זענען! — ס'האָט אים עפּעס אַ ריס געטון — איך קען גוט דידאַזיקע כאַלאַסטרע! — בין נישט בחנם געווען דריי יאָר אין פּאַריז! — זאָל זיך נאָר איין דייטשישער לאַנדשטור־מער באַווייזן, מאַכן זיי תיכף פּליטה!

כ'האָב געקויפט בריוופּאַפּיר און בין אַרויסגעגאַנגען. די „פּערל" איז מיר נאָכגעלאָפן. כ'האָב אים צומאָל רעכט נישט אָנגעקוקט.

— פרייסטו דו דיך נישט? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— אַוודאי! — האָב איך געזאָגט קאַלט.

— אַלמאַי ביסטו נישט געבליבן אונטן?

— כ'קאָן נישט ליידן דאָס פּוסטע געדעדעריי!

ער האָט געשוויגן. כ'האָב באַמערקט, אַז ער האָט מיר גע־וואָלט עפּעס זאָגן.

בעת מיר זענען געווען אין אונזער צימער, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געפרעגט: — נו, וואָס־זשע ווילסטו נאָך?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און מיך אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס דערוואַרט פון מיר. מיין פראַגע איז פאַר אים משמעות כּלל נישט געווען קיין פראַגע.

— האָסטו מורא פאַר דער מלחמה? — האָב איך געפרעגט.

— זיי פרייען זיך דאָך אַלע.

כ'האָב זיך פאַרטראַכט. דאָס, וואָס אים באַשעפטיקט גראָד, האָט געוויס געהאַט אַ שייכות מיט דער מלחמה און דער סכּנה פון טויט.

— לודוויק!

כ'האָב זיך דערשראָקן. ער האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט אָנגערופן לודוויק.

— כ'האָב נישט קיין פאָטער. — ער האָט דאָס אַרויסגע־

זאָגט, פונקט ווי מען לייגט פאַר צמעצן אַוועק אַ שטיקל ברויט. וואָס־זשע זאָל איך טון? — דערלאַנגען אים די האַנט? — דער־דאָזיקער מענטש איז כּלל נישט געווען רירנדיק.

— מאַקס — האָב איך געזאָגט, — דו האָסט אָבער אַ ברו־דער! — כ׳האָב מיך פאַרשעמט.

ער האָט מיך רויק אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען! און ער פלעגט דאָך אָפט נישט פאַרשטיין די פשוטסטע זאַכן.

ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פרייד. ער האָט אויך גאָרנישט געזאָגט, נאָר האָט זיך גרייט געמאַכט אין וועג אַריין. כ׳האָב גענומען דעם שווערן רוקזאַק אויף די פּלייצעס. כ׳האָב אויך פון אים שוין גאָרנישט דערוואַרט. עטלעכע זעלנער זענען אָנגעקומען מיט געטומל. כ׳בין נאָכאַמאָל אַריין אין קלאָזעט און דערנאָך אַראָפּ פון די טרעפּ און אַריינגעטרעטן אין דער ריי. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי מיינע אויגן וואָלטן זיך אַרומ־געקוקט בלויז מעכאַניש, בעת איך גופא בין געווען אינגאַנצן פאַרזונקען אין מיר. מיינע פיס האָבן זיך באַוועגט, דאָס געפּעק איז געווען שווער, אָבער דאָס האָט מיט מיר גאָרנישט געהאַט צו טון.

די נסיעה

מיר זענען אַריין אין קאַזאַרמע־הויף. הינטער אונז האָט מען איינגעשפּאַנט די וועגנס. דער לייטענאַנט פּאַביאַן איז אָנ־געקומען מיט אַ צופרידענער מינע, מיט אַ קליינעם, שוואַרץ־לאַקירטן טאָרניסטער ווי אַ שול־ראַניעץ אויף זיינע ברייטע פּלייצעס. ער איז אַרויסגעטרעטן פאַרן פראָנט און געזאָגט:

— כ׳מיין, אַז כ׳ברויך פאַר אייך נישט צו האַלטן קיין רע־דעס. מיר זענען דאָך איין משפּחה! און אַ פּערל האָבן מיר, גע־לויבט צו גאָט, אויך אין אונזער משפּחה!

מיר האָבן געלאַכט. דאָס איז געווען פיין, האָב איך גע־טראַכט; איצט וויסן די רעזערוויסטן גלייך, וואָס פאַר איינער ס׳איז אונזער לייטענאַנט. וואָרן כּמעט אַלע האָבן ליב געהאַט

פערדעך, הגם ער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַן אידיאָט.

— דריטע קאָמפּאַניע — אַכטונג! — גרופּנווייז אויף רעכטס אָפּגיין — מאַרש! — שטיי! — קאָמפּאַניע — מאַרש! די מוזיק האָט אויפגעשפּילט. די פּויקן האָבן אָפּגעהילכט אָן די קאַזאַרמע-ווענט. איך האָב מאַרשירט אין דער פאָדערשטער גרופּע. פאַר דעם קאַזאַרמע-טויער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט מאַסן מענטשן און אונז געמאַכט אַ וועג.

— מאַך עס לייטיש, עמיל! — האָט עמיץ אויסגערופן.

— הוראַ! — האָבן אויסגעשריגן עטלעכע יינגלעך.

— ווי אין 1870! — האָב איך געהערט זאָגן שטילערהייט און באַגעגנט אַ פּנים פון אַן אַלטן הער, וועלכער האָט מיך פריינטלעך אָנגעקוקט מיט צוויי גראָע אויגן. — אַזוי בין איך דעמאָלט אויך אַוועק אויף דער מלחמה — האָט ער געזאָגט צו מיר, אָבער איך בין שוין געווען ווייטער און געקוקט אויף אַנדערע מענטשן.

אַ בוקעט פון נעגעלעך איז מיר אָנגעפלויגן אויף דער ברוסט. כ'האָב אים באַוויזן אויפצוכאַפּן און זיך אומגעקוקט. אויפן ראָג גאַס איז געשטאַנען אַ דאַמע און צו מיר געשמייכלט פון אונטער אַ טיפן הוט.

העלע פּאַראַסאָלן זענען געווען אויפגעמאַכט, אונטער זיי דאַמען מיט גרויסע קאָפּעלושן. מיטאַמאָל האָב איך דערזען מיין פעטער אַרויסשטאַרצן פון צווישן דער מאַסע. ער האָט געפאָכעט מיטן הוט איבער זיין קאָפּ און געשמייכלט צו מיר. כ'האָב נישט געוווסט, ווי אַזוי כ'זאָל זיך צוריקגריסן, און בין געווען אין פאַרלעגנהייט. אָבער כ'האָב מיך געפרייט.

— וורָאָם, וורָאָם, וורָאָם — האָט געדונערט די פּויק אונטער דער באַן-בריק, און דערנאָך ווידער — ווום, ווום, ווום!

מיר זענען אַריין אין דעם פּראַכט-באַנהויף. דאָרט האָבן מיר אַראָפּגעלייגט דאָס געפּעק און געוואַרט.

אַ פּאָר דאַמען זענען אַרומגעגאַנגען מיט בלומען-באַצירטע קוישן און פונאַנדערגעטיילט לאַבנס ברויט און שאָקאָלאַד.

לאַנגזאַם האָט זיך אַריינגעקייקלט דער צוג. דאָס זענען

געווען פראַכט־וואַגאָנען, באַ וועמעס פונאַנדערגערוקטע טירן ס׳האָבן געשטעקט בערי־אָזע־צווייגן. פאַר די אָפיצירן איז געווען אַ וואַגאָן דריטע קלאַס. אויף די וואַגאָנען־ווענט זענען געווען אָנגעמאָלט מיט קרייד בילדער און אויפשריפטן, קליינע מענטשן מיט גרויסע קעפּ, אָנגעטון אין פראַנצויזישע קעפּיס.

אומגעוויינלעך גינסטיקע געלעגנהייט!!!
פרייע נסיעה!
די איינציקע ריזיקע — אַ פּאָר שאָסן!
דערפאַר דירעקט קיין פּאַריז!
ס׳האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל.
„דריטע קאָמפּאַניע צום געווער!
באַגאַזש און ביקסן נעמען אין די הענט! איינשטייגן!

זיי האָבן זיך גענומען שטופּן, כדי אַרייַנצוקומען וואָס פריער אינעווייניק און פאַרנעמען באַקוועמערע ערטער. באַ די ווענט זענען געשטאַנען בענק אָן אָנלענס. כ׳האָב זיך כלל נישט געאיילט. די לייטענאַנטן זענען אַרומגעלאָפן לענגאויס דעם צוג. ווו נישט ווו האָט עמעצער אַרויסגעשריגן עפּעס פון וואַגאָן. אַ לאָקאָמאָטיוו איז אָנגעקומען מיט שוואַרצע רויך־וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך געקנוילט לאַנגזאַם איבער די רעלסן. ווידער האָט עמעצער אויסגערופן.

צי האָט נישט פּערל עטלעכע מאָל צו מיר אויסגערופן?

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון וואַגאָן: — כ׳האָב אַ פּלאַץ פאַר דיר! — ער האָט זיך צוריק אַרייַנגעבויגן און געהאַט דאָרט מיט עמעצן אַ מחלוקת. זיי האָבן אַפּנים געהאַרט אויף דער געלעגנהייט, דאָס אָרט באַלד צו פאַרנעמען, ווי נאָר ער האָט געפּרווט אַרויסשרייַען נאָך מיר.

— נו — האָט אויסגערופן דער לייטענאַנט — ווי לאַנג־זשע וועט דאָס נאָך אַזוי דויערן?

פּערל האָט פאַר מיר רעזערווירט אַ פּלאַץ באַ דער לינקער וואַנט. כ׳האָב מיך טאַקע געקאָנט אָנלענען אָן דער וואַנט, אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסקוקן.

אינדרויסן האָט מען געהערט פאַרשידענע קולות. דער לאָ־קאָמאָטיוו האָט געפייפט, און דער צוג האָט זיך פּאַמעלעך אַוועק־געקייקלט. וווהין פאָרט מען דאָס ? — קיין רוסלאַנד, האָט מען געזאָגט. ווי זעט רוסלאַנד אויס ? דאָ שיינט די זון. רוסלאַנד האָב איך מיר נאָר געקאָנט פאָרשטעלן אַלס גראָע ווינטעניש.

— מיר פאָרן אויף מערב ! — האָט עמעצער אויסגערופן באַ דער אָפּגעלעפּנטער טיר — מיר זענען אָקאָרשט אַוועק אָן אַ זייט. דאָס איז קיין פאַריז !

„הוראַ ! הורראַאַאַ !״ האָבן געשריגן קינדערישע קולות אינ־דרויסן.

באַ דער טיר האָט מען געזונגען צום טאַקט פון די הודזשענדיקע רעדער „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם״. דאָס געזאַנג איז געוואָרן אַלגעמיין. אין שכנותדיקן וואַגאָן האָט מען געזונגען מעלאַנכאָליש און לאַנגזאַם :

מאַרי, מאַרי, דאָס איז מיין נאָמען,
וואָס כ׳האָב פון רעגימענט באַקומען.
כ׳טויש מיט קיין פירשטין מיך,
זי לעבט נישט גליקלעכער, ווי איך.

ווידער האָבן קינדער געברילט הוראַ, און ווידער איז זיי אָפּגעענטפערט געוואָרן מיט אַ ליד. די שיין פון דער אונטער־גייענדיקער זון האָט זיך אָפּגעשלאָגן רויט אויף די פּנימער פון די זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען באַ דער טיר. כ׳האָב געזען ווי צישע האָט געלאַכט מיט זיינע ווייסע ציין, אויס לויטער פרייד, באשר ס׳איז עפּעס געשען.

דערנאָך איז שנעל פינצטער געוואָרן. אין וואַגאָן איז גע־וואָרן הייס פון דער זון, וועלכע האָט דעם גאַנצן טאָג געהויערט אויפן דאַך. דער צוג איז געפאָרן לאַנגזאַמער און געבליבן שטיין.

אַ ליכטשיין איז געפאַלן אויף דער רעכטער וואַגאָן־וואַנט.

— אויסשטייגן נאָך עסן !

מ׳האָט זיך גענומען באַוועגן, געוואָרן וואַכעדיק און אויפ־

געשטאַנען. אינדערפינצטער האָט מען געוומען גראַבלען די מע־באַשקעס און לעפל. עלעקטרישע טאַנשלעמפלעך האָבן אַרויסגע־געבן שאַרפע בליצן.

מיר זענען געקראָכן איבער די בענק, אַרויס אין דרויסן און אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסע הילצערנע בודע. קאַר־ביד־לאָמפּן זענען געשטאַנען אויף טישן פון פרישן האָלץ. הינ־טער אַ טיש האָבן דאַמען פונאַנדערגעטיילט רינדערן פלייש מיט לאָקשן. אַ גרייזגראָער מאַן אין פולקאָווניק־אוניפאָרם האָט אַרומ־געשפּאַנט אויף און אָפּ. אונטער דעם נידריקן היטל האָבן אַראָפּ־געהאָנגען זיינע ווייסע האָר ביז אויף די דיקע אַקסלען.

און דערנאָך די ווייטערדיקע נסיעה. גלייכמעסיק האָבן גע־שלאָגן די רעדער. פון דער טיר האָט אַהערגעבלאָזן אַ קיל ווינטל. פּערל איז כּמעט איינגעאַנצן אַראָפּגעזונקען אויף מיר. לסוף האָט זיך זיין קאָפּ אָנגעשלאָגן אָן מיינע קניען. דערפון האָט ער האַלב אויפגעוואַכט און ווידער אָנגעהויבן זינקען. איך בין נאָכנישט געשלאָפן. כ׳האָב נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט. אָבער כ׳בין נישט געווען רויק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון עפּעס אַן אומרו. עמעצער האָט מיך אַ שטופּ געטון פון הינטן.

— לאָז מיך דורך. כ׳קאָן שוין מער נישט איינהאַלטן דאָס וואַסער!

כ׳האָב אַ ציי געטון פּערלען צו מיר צו. ער האָט נישט אויפגעוואַכט. דער פּאַרשוין האָט געמוזט אויפוועקן איינעם נאָכן אַנדערן. בעת ער האָט זיך אומגעקערט, זענען די מייסטן שוין געהאַט צוריק איינגעשלאָפן און ער האָט ז״י געמוזט נאָכאַמאָל אויפוועקן. ס׳איז געווען פינצטער און גאַנץ קאַלט. אַרום האָט געהערשט אומרו.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב זיך ווידער אויפגעכאַפּט. ס׳איז געווען פאַרטאָג. פּערל איז נאָך געשלאָפן. ער האָט אויסגעזען שמוציק און עלנט. אייניקע האָבן זיך אויסגעצויגן גענעצנדיק.

ס׳איז געוואָרן נאָך קילער, הגם די זון איז אויפגעגאַנגען. פערל האָט אויפגעוואַכט און צו מיר פאַרשלאָפן געשמייכלט.
— כ׳בין הונגעריק — האָט ער געזאָגט און געעפנט דעם רוקזאַק אונטער דער באַנק. דערביי האָט ער אַ שטויס געטון מיטן קאָפּ דעם זעלנער, וואָס איז געזעסן פאַר אים.
— לאָז אַ מענטשן אַ קאָפּ שלאָפן! — האָט יענער געברומט, איז אָבער געוואָרן מונטער און אויך אָנגעהויבן צו עסן.
דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.
— אויסשטייגן נאָך קאַווע!
— אַזוי קאָן מען כאָטש ווידער אויסגלייכן די ביינער!
מיר זענען אויסגעשטיגן, זיך פונאַנדערגעצויגן און גענומען לויפן אַהין און אַהער. אויף אַן אָפענעם וואַגאָן האָט געטראָגט אונזער רויכנדיקע פעלדקיך. די קוכערס אין מאַנטלען האָבן פונאַנדערגעטיילט מיטן קאָכלעפל די קאַווע אין די מעננאַשקעס.
מיר זענען געפאָרן ווייטער. טיילמאָל פלעג איך זען עפעס פון די פאַרביילויפנדיקע ביימער און הייזער. כ׳האָב געפרווט אויפצושטיין. אָבער די באַגאַזשן זענען געלעגן אַרום און אַרום אויף דער פּאָדלאָגע און נישט געלאָזט אַ מענטשן זיך ערגעץ אַוועקשטעלן.
אינדרויסן האָבן קינדער געשריגן הוראַ. מיר האָבן געזונגען. עטלעכע האָבן געשפּילט אויף די קני אין קאָרטן.
דער אָוונט איז צוגעפאַלן און ס׳איז געוואָרן נאַכט. די בענק זענען געוואָרן וואָס אַמאָל האַרטער. כ׳האָב מיך די גאַנצע צייט אָנגעלענט מיט דער לינקער זייט אָן דער וואַנט און געפילט, ווי דער חוט־השדרה איז מיר אויסגעקרומט!
— אָט איז דער רהיין.
מ׳האָט זיך גענומען שטופּן צו דער טיר. כ׳האָב נאָך אַ קורצער ווײַלע זיך מיאש געווען דאָרט אַהינצוקומען אין אַנדערן וואַגאָן האָט מען געזונגען די „וואַכט אַם רהיין“. — סאַראַ גליק וואָס כ׳האָב דערלעבט אַ מלחמה! ס׳איז פאָרט עפעס אַ דערלייזונג. ווי שלעכט פאַר די, וועמעס יוגנט עס פאַרגייט אָן דעם

כ׳האָב מיר פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. כ׳בין געלעגן זייטיק איינגעקנוילט בײַ דער טרייסלענדיקער וואַגאָן־וואַנט און מיך געפּרוּווט בעסער אַוועקצוזעצן. אָבער בײַ דעם ערשטן פּרוּוו האָט זיך פּערל אַפּערגעגליטשט אויף פּאַרנט אַריבער און כ׳האָב אים מיט גרויס מי קוים צוריקגעזעצט אויפן אָרט. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע מאָל פון דעם ווייטיק אין דער זייט. מיין קאָפּ האָט זיך מיט עפּעס צונויפגעשטויסן. דאָס איז געווען דער קאָפּ פון פּערלען, וועלכער איז מיר אַראָפּגעהאָנגען איבער די קני.

אויפצומאָרגנס האָב איך געטוישט מיין פּלאַץ מיט פּערלען, כדי זיך איינמאָל ווי נישט איז אַנדערש אַוועקצוזעצן. אינדרויסן האָט ווידער געשיינט די זון. בײַ דער טיר האָט דער עולם גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען. וויינשטאָקן זאָלן דאָרט זיין און שלאָס־חורבות. כ׳בין באַלד ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און האָב ערשט מיטאָגצייט פולשטענדיק אויפגעוואַכט.

מיר האָבן אַלע אויסגעזען שמוציק און אומגעראַזירט! אָבער זיי זענען געווען אויף זייער אופן צופרידן...

אויף עפּעס אַ סטאַציע האָט מען געגעסן מיטאָג. דערנאָך זענען מיר געפאָרן ווייטער. בײַ דער טיר האָט מען געזאָגט, אַז מיר פאָרן דורך אַן ענגן וואַלד־טאָל.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— אויסשטייגן!

מיר האָבן גענומען קלעטערן איבער די בענק אינדרויסן אַרויס. אַ סטאַציע־געביידע און עטלעכע קליינע הייזער. אויף דער אַנדער זייט האָט זיך דערהויבן אַ וואַלדיקער באַרג. אונזערע גלידער זענען געווען פאַרשטייפט; מיר האָבן צונויפגענומען דאָס געפּעק.

— וווּ קאָנען מיר זיין? — האָב איך געפרעגט צישען. ער האָט זיך נאָר צעלאַכט.

— מיר קאָנען גלייך נאָכזען — האָט געזאָגט אַן עלטערער אונטער־אָפיציר מיט אַ זייער דייטלעכער שטים. ער איז מסתם

געווען אַ לערער. — כ׳האָב דאָ אַ מאַפּע. — איך מיין, אַז מיר מוזן אוודאי זיין דאָ אין דערדאָזיקער געגנט.

זיין מאַפּע איז געווען באַשיימפּערלעך אויסגעריסן פון אַ שול־אַטלאַס און געווען נישט זייער גענוי. אָבער כ׳האָב פונדעסטוועגן באַמערקט, אַז מיר זענען נאָך געווען גאַנץ ווייט פון פראַנקרייך.

דערווייל האָט מען אָפּגעבונדן די פעלדקיכן און אַראָפּגעשלעפּט אויפן פּעראָן. נישט וואַרטנדיק, ביז זיי וועלן גרייט זיין צום פאָרן, האָבן מיר אָפּמאַרשירט. מען איז געגאַנגען לענגאויס אַ טייכל. די זון האָט נאָך הייס געשיינט. אָבער דאָס מאַרשירן נאָכן לאַנגן זיצן האָט אונז באַלעבט. נאָך אַנדערטהאַלבן שעה זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. באַם איינגאַנג האָבן אויף אונז געוואַרט די קוואַרטירמייסטערס.

— ערשטע גרופּע דאָ אין דעם שייער!

— דאָ איז אָבער פאַראַן ווייניק שטרוי!

— זיי זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ מער.

מיר האָבן אַוועקגעלייגט דאָס געפּעק און ווידער אַרויס אויפן גאַס. מיר זענען געווען צופרידן און זיך איינגעקויפט ווין, וועלכער איז דאָ געווען ביליק. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט מיט צישען אויף דער קעלניע פון אַ וואָגן, וועלכע איז געשטאַנען הינטער אונזער שייער. די לבנה האָט שוין געשיינט. אַ פייכטע דינע לופט האָט אַהערגעווייעט פון טייכל אַרויף. מיר זענען נאָך געגאַנגען שפּאַצירן אַ שטיק וועגס אין דער העלער נאַכט. בעת מיר זענען צוריקגעקומען אין שייער אַריין און געזוכט טאַפּנדיק אונזערע ערטער, האָבן שוין אַלע געשנאָרכט.

מ אַ ר ש ן.

אויף צומאָרגנס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַרשן. די טעג זענען געווען הייסע, און מיר זענען נישט געווען צוגעוווינט צו בערג. אין די ערשטע טעג זענען פיל געבליבן אויפן וועג, זיי זענען געלעגן אין שאָטן פון יאַזשעמבינעס, מיט אויפגעשפּילעטע

רעקלעך און מיט טאַשנטיכלעך אויפֿן קאָפּ. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעזעגנט דערצו. מיר האָבן אַריבערגעשריטן עטלעכע בערג־קייטן און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפֿן טאָל. פֿון דער אַנדער זייט איז אויפֿגעשטיגן משופּע אַ בעריאָזע־וועלדל. שוין פֿון די הויכענישן, פֿון וועלכע מיר זענען געקומען, האָבן מיר געזען, אַז דאָס דאָרף, צו וועלכן מיר מאַרשירן, איז געלעגן אויף דעם העכסטן באַרגרוקן. די ערשטע מאַרשן זענען געווען קורצע. היינט האָט מען אונז שוין פּאָרויסגעזאָגט גרויסע מעשים.

מיר האָבן געמוזט עטלעכע מאָל רוען. די זון האָט געברענט אין דעם טעלכל, אין וועלכן מיר האָבן זיך שוין זינט שעהן גערוקט אַרויפֿצו. ענדלעך איז די הויכעניש געוואָרן פֿלאַכער. דער וועג האָט זיך אָוועקגעדרייט אויף רעכטס. דאָרט איז געלעגן דאָס דערפֿל, צונויפֿגעדריקט אויף דעם באַרגרוקן. האַרמאַטן און מוניציע־וועגנס זענען געשטאַנען אויפֿן שאָסע. מיר האָבן זיך פּאַרקירעוועט אויף אַ פֿעלד און אויפֿגעשלאָגן געצעלטן. מיר האָבן זיך אײַנגעצן אויסגעטון, אויפֿגעהאָנגען אין דרויסן די דורכגעשוויצטע וועש און זיך אַוועקגעלייגט אין די געצעלטן. איך בין נישט געשלאָפֿן. ס׳איז געווען צו הייס דערויף. דורך די שפּאַרעס פֿון געצעלט איבער מיר איז אַרײַנגעדרונגען אַ ברוין ליכט. אַזוי בין איך געלעגן אפֿשר אַ שעה צײַט.

— די פֿעלדקיך איז דאָ!

מיר האָבן זיך האַלב אָנגעטון און געבראַכט עסן און קאַווע.

שפּעטער בין איך געזעסן מיט צישען און פּערלען אויף דעם אָפּהאַנג, ווו מ׳האָט נעקאָנט אַהינקוקן ווייט איבערן טאָל און די בערג־פּאַסן. כ׳האָב מיך געפֿילט לייכט און שטיל, שאָטנס זענען געקראָכן אויף די בערג אַרויף. אַרום אונז איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקעלער. נאָר אויף די הויכענישן איז געבליבן עטוואָס ליכט.

דאַן האָט זיך דערטראָגן אַ מאָדנער ברומענדיקער טאָן ווי אַ שטילער פֿויק־געווירבל און איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און מיטאַמאָל אַ טרומייטן־אַקאָרד! פֿון אונזערע געצעלטן האָט מען

...יז אַו...נגעלאָפן:

גענומען אַרויסלויפן אין דאָרף.

וואַרשיינלעך האָט געשפּילט אונזער פּולק-אָרקעסטער.

מיר האָבן געמאַרשירט צו דער בעל...שער גרעניץ. כ׳האָב מיך זינט דעם אַרויסמאַרש נישט געראַזירט און געהאַט אַ היפּש בערדל אַרום דער גאָמבע, כמעט דורכזיכטיק בלאָנד און גאַנץ ווייך. דאָס איז מיר פאָרגעקומען זייער נאַריש. טייל האָבן זיך נישט געוואָלט ראַזירן, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. איך וואָלט שוין גאַנץ גערן דערויף איינגעגאַנגען, אָבער כ׳האָב געטראַכט: אפשר וועט נאָך אַ לענגערע צייט נישט קומען דערצו און די באָרד וועט דערווייל אָנוואַקסן.

נאָך אַ קורצן מאַרש זענען געזעסן איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג די אָפיצירן אונטער אַ ברייטן בוים באַם שאָסעע. טייל האָבן געשפּילט אין קאָרטן. אונזער דאַרער, אַלגעמיין-פאַרהאַסטער קאַפּיטאַן, איז געזעסן אין גראָז, און דער גרויסער, דיקער לייטענאַנט פּאַביאַן האָט געהאַלטן אַ שער-מאַשינקע אין דער האַנט און האָט שוין געהאַט אָפּגעשוירן דעם קאַפּיטאַן אַ העלפט קאָפּ. ער האָט געמאַכט דערביי מיט די הענט קאָמישע באַוועגונגען און געקלאַפּט מיט דער מאַשינקע אין דער לופט.

— איצט מוז מיר דער הער קאַפּיטאַן געהאָרכזאַם נאָכגעבן — האָט ער אויסגערופן — אַנדערש לאָז איך דעם הער קאַפּיטאַן געהאָרכזאַם אַזוי.

— כ׳וועל אייך שוין העלפן!

— כ׳וועל דעם הער קאַפּיטאַן שערן ווייטער בתנאי, אז דער הער קאַפּיטאַן וועט מיר געהאָרכזאַם דערפילן איין בקשה!

— די העלפט פון מיין קעניגרייך קאָנט איר גערן קריגן!

— כ׳בעט דעם הער קאַפּיטאַן געהאָרכזאַם נישט צו שפּאַסן!

— נו, וואָס-זשע פאַרלאַנגט איר?

— דאָס מוז איך מיר ערשט איבערלייגן.

— אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! טאָמער פאַלט אייך גאָרנישט איין, דאַן וועל איך טאַקע אַזוי בלייבן?

— דער הער קאַפּיטאַן וועט דאָך נישט אָפּזאָגן אַן אָרימען לייטענאַנט אַביסל צייט אויף צו באַקלערן!

אין דער רגע האָבן אויפגעשאַלט פּלייטן און פּויקן האָבן געשלאָגן גאַנץ נאָענט. דער לייטענאַנט איז אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן:

— אָט קומט דער צווייטער באַטאַליאָן! — און איז אַוועקגעלאָפן צוזאַמען מיט דער שער־מאַשינקע.

דער קאַפּיטאַן איז געזעסן אין גראָז און געזידלט:

— לאָבוז! — איר קריגט אַ פלאַש שאַמפּאַניער! — ער' דערהערט נישט, דער לאַידאַק!

אונזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר איז געזעסן דערלעבן, און איז ממש צעפּלאַצט געוואָרן לאַכנדיק.

מיר זענען אָנגעקומען צו דער בעלגישער גרעניץ. דאָרט האבן מיר זיך פאַרהאַלטן. זיי האָבן געהאַט אויפגעריסן די וועגן און אויפגעשטעלט פאַרצוימונגען — אַזוי איז געגאַנגען אַ קלאַנג.

מיר האָבן מאַרשירט ווייטער. אַ צאָלהויז. דערנאָך אַ אויף פראַנצויזיש באַשריבענער וועגווייזער.

— ווו איז דען דער שאָסעע אויפגעריסן? — האָב איך געפרעגט אומגעדולדיק.

— נו, דו דרעפּטשעסט דאָך איבער אים! — האָט געלאַכט צישע.

ווי, דאָס איז געווען אַלץ? אַ פּאָר שטיינער פון ברוק זענען געווען אַרויסגעריסן! באַ דער שאָסעע־זייט זענען געשטאַנען שטאַמען פון בוימער, איבער אַ מעטער הויך אָפּגעהאַקט — און די בוימקרוינען זענען געלעגן אויף דער לאָנקע, סאָסנעס אַזוי גלייכמעסיק געוואַקסן און אַזוי הויך און גלייך, ווי כ'האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. דערמיט האָבן זיי עס פאַרצוימט דעם וועג? ס'איז מיר אַ שאָד געווען דאָס שיינע האָלץ.

פון די טעלעגראַפן־שטאַנגען האָבן אַראָפּגעהאָנגען צעשניטענע דראָטן, כדי מיר זאָלן נישט קאָנען טעלעפאָנירן. רעכטס איז געשטאַנען אַקליין הייזל. עפּעס אַ מאַן האָט זיך אָנגעלענט אָן דער טיר, דאָס היטל טיף איבערן פּנים אַראָפּגעצויגן, און געגלאָצט אויף אונז. דער מענטש האָט אונז געהאַסט. אַלמאי מוז

מען זיך האַסן, ווען מען פירט מלחמה מיט איינאַנד?

אַ ביסל ווייטער פון דער גרעניץ זענען די איינוווינער געוואָרן פריינטלעכער. מיר האָבן אין די נעכט זאָרגעוודיק אויפגעשטעלט וואַכן. אויך די אָפיצירן זענען קיינמאָל נישט געשלאָפן איינציקווייז אין הייזער; מחמת מ'פלעגט זיך אָנדערציילן וועגן באַנאַכטיקע מאָרדן, און אַז די בעלגיער זאָלן זיין שרעקלעך גרויזאַם.

דאָס לאַנד איז געוואָרן וואָס אַמאָל באַרגיקער. מיר האָבן געמאַרשירט דורך גרויסע בלעטער-וועלדער. דערנאָך איז געקומען אַ טאָל מיט דאָרפישע הייזער און אַ שטאָט. און הינטער דעם האָט זיך דערהויבן שטייל אַ באַרג, מחמת מיר האָבן געזאָלט איבערנעכטיקן אָן אַ זייט פון שאָסעע.

מאָדנע איז געווען טיילמאָל דאָס ליכט פון דער מיטאָגזון אויף די גאָלע בערגרוקנס. נאַקעט זענען געווען די רוקנס און דאָס ליכט דערויף געלברוין, אָבער נישט טרויעריק, נאָר מיט עפּעס אַ שימער, וועלכער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער מאַאַס. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, האָט מען געזאָגט. איינמאָל אין אַן אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין א דאָרף און אַלע האָבן מיר געוווסט: דאָס איז די לעצטע קוואַרטיר פון דער גרויסער שלאַכט.

אויך אויף צומאָרגנס זענען מיר דאָרט פאַרבליבן. מיר האָבן זיך ביי דעם פויער, בא וועלכן מיר זענען געלעגן, איינגעקויפט בשותּפות אַ חזיר און אים געקאָכט אין קליינע קאָכלעכער אין זיין סאַד. אונטעראָפיציר צאכע האָט זיך צוגעזעצט צו אונז. ער איז שוין אין די לעצטע טעג געווען אין א געדריקטער שטימונג, איצט איז ער געזעסן באַם פייער מיט פאַרלייגטע קני. — כ'וועל זיך שוין נישט אומקערן אַהיים — האָט ער געזאָגט.

וואָס האָב איך געזאָלט ענטפערן דערויף? אַז צישע און פערל האָבן געשוויגן, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך. ער

האָט נאָר פון מיר עפּעס דערוואַרט, אָדער האָט ער אפשר גאָר־נישט דערוואַרט.

דער אייניעריקער לאַם איז אויך געזעסן דערבײַ. ער האָט אָנגעקוקט צאַכען מיט גרויסע, רויקע אויגן. לאַם איז מיר ליב געווען פון ערשטן טאָג, וואָס כ׳האָב אים געזען. אָבער כ׳האָב עפּעס מורא געהאַט פאַר אים. און ער האָט, שיינט מיר, גע־פילט אַ מורא פאַר אַלע מענטשן, באַזונדערס אָבער פאַר צאַכען, וועמען ער האָט, גלויב איך, געהאַסט. און צאַכע האָט אים אויך זייער שלעכט באַהאַנדלט. מחמת לאַם איז געווען זייער אומגע־שיקט אין אַלע קערפּערלעכע ענינים, דערצו אַ חלוש. אין זיינע איבריקנס זייער אויסדרוקפולע אויגן איז געלעגן כמעט תמיד עפּעס אַן אַנגסט, וועלכע האָט אַפּנים אויפגעבראַכט צאַכען, אָבער מיר איז עס געפעלן. דאָס אָבער, וואָס לאַם האָט נישט געקאָנט ריכטיק אָפּגעבן קיין קאָמאַנדע, איז מיר אויך נישט געפעלן אין אים.

— רען! — האָט אויסגעשריגן דער לייטענאַנט פּאַביאַן פון הויז אַרויס. — ווילט איר מיטמאַכן אַ פּאַטרול?

— גוט, הער לייטענאַנט!

— איך וויל אויך מיט — האָט צישע רויק געזאָגט.

מיר זענען אַריין צו פּאַביאַנען.

— גוט! — האָט ער געזאָגט. — קומט איר אויך מיט! אָבער איצט מאַכט עס געשווינט! אין ווייניקער ווי אַ שעה אַרום איז שוין פינצטער. און ביז דעמאָלט מוזן מיר נאָך זיין ווייט.

אויף פּאַטרול.

מיר זענען געווען זיבן מאַן צוזאַמען מיטן לייטענאַנט.

— ביקסן אָנהענגען! פריייער טריט — מאַרש!

פּערל האָט אונז אָנגעיאָגט.

— דאָ האָסטו אַ שטיק פלייש! — האָט ער מיר איינגע־רוימט. — אָבער עס קאַפּעט! — ער האָט מיר געגעבן דאָס וואַרעמע נאַסע שטיק אין די האַנט אַריין.

— איך דאַנק דיר. — האָב איך געזאָגט. — אָבער וואָס זאָל איך יעצט דערמיט טון? —

— שטעק עס אַריין אין דעם פעלדבעכער! — האָט ער גע־זאָגט און געבליבן פון הינטן.

כ׳האָב אָפּגעשפּילעט דעם פעלדבעכער פון דעם ברויט־בייטל, אַריינגעקוועטשט דאָס פלייש אינעווייניק און אַריינגע־שטעקט דעם בעכער אין דער רעכטער קעשענע פון רעקל. עס האָט געוואַרימט מיין רעכטן פוס. כ׳האָב געשמייכלט אין זיך אַריין מחמת דעם וואַרימען געפיל, און אויך וויילע פערל האָט דאָס מיר נאָכגעבערענגט. אָבער דערנאָך בין איך געוואָרן אויפמערקזאַם.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם פאָדערשטן פּאָסטן אין דעם שוין בין־השמשותדיקן וואַלד. דער וועג איז געווען שטייניק און געגאַנגען באַרג אַראָפּ. דער לייטענאַנט האָט מאַר־שירט גיך פאָרויס. אפשר האָט ער שוין געוווסט עפּעס גענויערס וועגן דער פּאָזיציע פון די פראַנצויזן. מיר האָבן זיך באַמיט צו שפּאַנען נישט אַזוי הויך, אָבער באַ די טשוועקעס־שטיוול האָט זיך נישט געלאָזט אַנדערש גיין. טונקל זענען געשטאַנען די סאָסנעס אין דער שטילער, קלאָרער לופט.

אַ שמאָל, האַלב־איינגעפאַלן בריקל האָט געפירט איבער אַ ראָוו, וואָס טיף אין אים האָט גערוישט אַ דין וואַסערל. דער וועג איז געגאַנגען משופּע אַרויפצו. צווישן די ביימער איז געווען אומהיימלעך שוואַרץ, הגם דער הימל אויף דער וואַלד־לאָנקע האָט נאָך לייכט געשטראַלט.

דער לייטענאַנט איז געבליבן שטיין און געגעבן מיט דער האַנט אַ צייכן צו שווייגן. מיר זענען געשטאַנען. באַם אָטעמען האָבן געטרעטשעט די פרישע לעדערנע זאַכן.

מען איז געגאַנגען ווייטער. מיר האָבן זיך שוין געמוזט דערנענטערן צום אַנדערן בערגקאַם. דער לייטענאַנט האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט. קיין גערויש האָט מען נישט געהערט. נישט צומאָל קיין זשומען פון אַ פליג אָדער אַ שאָרכן צווישן די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער. פון רעכטס האָט זיך דער וואַלד גע־

ענדיקט. איבער דער הויכעניש האָט זיך אויסגעשפּרייט דער הימל. מיר האָבן זיך פאַרנומען אויף לינקס און געשלייכט פאַזע דעם וואַלדראַנד. אונטער אונז איז געוואַקסן קורץ גראָז. לינקס איז אַרונטערגעפאַלן דער וואַלד אין אַ טונקעלען, טיפן טאָל. עטלעכע הונדערט מעטער פאַר אונז איז איבערן וואַלד שוין געהאָנגען אַ נעפּלפאַס. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז שוין געווען גאַנץ טונקל. דער לייטענאַנט האָט צו אונז געווונקען, אַז מיר זאָלן זיך צו אים דערנענטערן.

אויף יענער זייט בערג פליסט די מאַאַס. צי די פראַנצויזן זענען אויף אונזער ברעג, ווייס איך נישט. אָבער וויבאַלד זיי זענען דאָ, זיצן זיי נישט האַרט באַם ברעג. דאָ באַם וואַלדראַנד איז געפערלעך צו גיין ווייטער, מחמת זיי קאָנען אונז אונטערקומען. רעכטס אויף דער הויכעניש לויפט אַ וועג, דאָרטן זענען מסתם פאַראַן פאַטרולן און פאָסטנס. ובכן אינמיטן. די מענטשן אויפן וועג וועלן מיר דערזען אויפן פאָן פון הימל. אַקעגן־זשע קאָנען זיי אונז אין וואַלד נישט זען.

מיר זענען אַרויף אויף אַ האָבער־פעלד, וואָס איז געווען שטאַרק באַדעקט מיט טוי. די זאַנגען האָבן זיך געבויגן אונטער די פיס און זיך קנאַלנדיק אונטערגעריסן. מיינע הויזן זענען שוין געווען דורכגענעצט ביז איבער די קני.

צוויי שפּורן אין דער תבואה! די שטענגלעך זענען געלעגן אין דערזעלביקער ריכטונג, אין וועלכער מיר זענען געגאַנגען. — צי איז דאָס געווען אַ פּאַטרול — צוויי מענטשן — דאָס איז צו ווייניק. דאָ האָבן שוין געמוזט זיין ציווילּיסטן. דאָס, וואָס זיי זענען געגאַנגען דורכן האָבער, איז פאַרדעכטיק. זיי האָבן זיכער געשפּיאָנירט.

סוררררר! האָט זיך אויפגעכאַפּט עפּעס פאַר אונז! מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן. מיר שטייען. נאָר אַ קוראָפּאַטווע! כ׳האָב מיך פאַרשעמט. דער לייטענאַנט האָט געלאַכט עטוואָס פאַרלעגן.

מיר האָבן געשפּאַנט ווייטער אין דעם נראָען בין־השמשות און אַרויפגעקומען אויף אַ פלאַכער הויכעניש. מיטאַמאָל איז דער

לייטענאַנט פון רשוייגערט געוואָרן. ער האָט אַ וווּנק־געטון מיט דער האַנט אונטן אַראָפּ. כ׳האָב אַנידערגעקניט.

אַ מאָדנער גערויש האָט זיך דערטראָגן פון פאָרנט, ווי אַ קלינגען פון דראָט.

— וואָס איז דאָס ? — האָט געפּליסטערט דער לייטענאַנט.

די קאָפּיטעס פון אַ סך פערד אין גאַלאָפּ גלייך אויף אונז ! איך שפּיליע אָפּ די ביקס. דער לייטענאַנט נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער. די קאָפּיטעס אַלץ נעענטער ! פּלוצלינג איז שטיל געבליבן אונטן ! דראָטן האָבן געקלונגען. שוין־זשע שניידן זיי איצט דורך די דראָט־פאַרצוימונג ? — מ׳קאָן קיין זאַך נישט זען אַחוץ אַן אומקלאָרע גראָקייט. זיי קאָנען זיין ווייט פון אונז העכסטנס פופציק מעטער — די דראָטן קלינגען נאָך אַלץ. מיר לויפט אַריבער אַ שוידער איבערן רוקן. וואָס איז עס אַזוינס ? — איך האַלט פעסט די ביקס. דער לייטענאַנט הויבט אָן איינגעבויגענערהייט צו שלייכן פאָרויס. ער בלייבט שטיין און שלייכט ווייטער. ער קניט אַנידער און ווייזט אָן אויף פאָרנט. עפּעס באַוועגט זיך פאַר אונז אומדייטלעך. דאָס זענען רינדער

דער לייטענאַנט האָט צוריק אַריינגעשטעקט דעם רעוואָלווער.

— נו, מיר האָבן זיך עס אַביסל געלאָזט פירן פאַר דער נאָז ! דאָס זענען רינדער, וואָס האָבן זיך געריבן אָן דער דראָט־צוים, און אַרומגאַלאָפּירנדיקע פערד.

— מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט רעכטס לענגאויס דער דראָט־פאַרצוימונג. ס׳האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָרביימער און היי־זער. אינערגיץ קיין ליכט. מיר האָבן זיך געשלייכט לינקס צו די הייזער אַהין. אַ קורצער וועג צווישן שטיינערנע מויערן. דערנאָך האָט זיך די לאָנקע אָנגעהויבן זאַנפט אַראָפּצולאָזן. מיר זענען צוגעקומען צום ראַנד, וואָס איז שטייל אַראָפּגעזונקען אין דער טיפעניש, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ שטאַרק גערויש. אַ דיקער, ווייסער נעפּל האָט געהאָנגען אונטן.

— דאָרט אונטן פאָרט מסתּם אַן אייזנבאַן ? — האָב איך געזאָגט.

— ס׳איז כּמעט נישט מעגלעך, אַז דאָ זאָלן נאָך פאָרן

צוגן. דאָס מוז זיין די מאַאַס. אָבער איך וואונדער זיך אויך, וואָס זי רוישט אַזוי הויך. — איצט מוזן מיר פּרוּוון דאָ אַראָפּצוגיין!

ער האָט זיך, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, גערוקט פאָראויס. דינער קיזלשטיין איז געלעגן באַם אָפּהאנג. ער האָט זיך גענומען אַראָפּגליטשן. כ׳האָב אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם, אָבער ער האָט זיך געגליטשט ווייטער. ציִשע האָט אים אויך אָנגעכאַפּט, און מיר האָבן אים אַרויפגעצויגן. ער האָט אַביסל געציטערט, האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

מיר זענען געגאַנגען לינקס לענגאויס דעם שפּוּע, כדי צו זוכן אַ וועג. די לאָנקע האָט זיך ווידער געהויבן אַרויפצו. מיר זענען אַרויף אויף אַ קליינעם באַרגרוקן, וועלכער איז פון דריי זייטן שטייל אַרונטערגעפאַלן. מיר זענען געבליבן שטיין באַ אַ ווילדן רויזן-קוסט.

— אַזויפיל איז זיכער — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט — אַז מען קאָן דאָ נישט אַראָפּקומען מיט קיין מיליטער-אָפּטיילונגען. דאָס האָבן מיר טאַקע גערדאַרפט פעסטשטעלן. — מיר וועלן דאָ אָפּרוען. פאַר איבעראַשונגען זענען מיר יעדנפאַלס זיכער.

איך האָב אויסגעשפּרייט מיין קאָץ און מיך אַוועקגעזעצט דערויף מיט דעם לייטענאַנט און ציִשען. דער בעכער האָט זיך געהאַט אומגעדרייט אין דער קעשענע, וועלכע איז געוואָרן אינגאַנצן פאַרפעצט פון דער יויך. צום גליק איז מער גאָרנישט געווען אין דער קעשענע.

כ׳האָב צעשניטן דאָס פלייש מיט דעם טאַשנמעסער, און מיר האָבן עס געגעסן אין דרייען. ציִשע האָט געגעבן ברויט און פאַביאַן האַרטגעקאָכטע אייער.

ס׳האָט אָנגעהויבן שטיל צו רעגענען.

— מיר מוזן ביז מאָרגן דאָ פאַרבלייבן — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, — כדי מיר זאָלן נאָכאַמאָל באַטאָג אָנקוקן די געגנט. אָבער דאָ ווערט משונהדיק קאַלט און נאַס. מיר וועלן אַ קוק טון, צי ס׳וועט זיך נישט לאָזן אַרונטערגיין אין דאָרף.

מיר איז דאָס איבערנעכטיקן אין דאָרף פאָרגעקומען זייער

צווייפֿלהאַפֿט. די בעלגיער האָבן געזאָלט שוין פֿיל מאָל באַנאַכט מאָרדן דייטשן. און דערצו קאָנען מיר נישט וויסן, צי אין דאָרף זענען אַמאָל נישט באַהאַלטן קיין פֿײַנטלעכע זעלנער.

מיר זענען געקומען אין ערשטן הויף. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער, כמעט ווי אַ שלאָס. דאָס טויער איז געשטאַנען אָפֿן. עטלעכע הינט האָבן געבילט פֿון אינע־ווייניק. פֿאַביאַן האָט איבערגעלאָזט צוויי באַם טויער.

— אין פֿאַל פֿון אַ געפֿאַר תּיכּף שיסן! — האָט ער גע־פֿליסטערט.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעשלײַכט אין הויף. דאָרט איז געווען אומהיימלעך פֿינצטער. אינמיטן אַ שוואַרצע קופּע מיסט. די הינט בילן. דער לייטענאַנט האָט אָנגענומען בײַ דער קלאַמקע; די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן. ער קלאַפּט אָן. אין אַ פֿענצטער באַווײַזט זיך ליכט און פֿאַרשווינדט. — דער לייטענאַנט קלאַפּט מיט דעם רעוואָלווער־הענטל אָן די טיר, דרײַ מאָל. די קלעפּ הילכן אָפּ פֿון הויז צוריק. אַ ווײַטערדיק פֿענצטער ווערט ליכ־טיק, דערנאָך דאָס נאָענטסטע. עמעצער קומט אָן דרעפּטשענדיק און עפֿנט אויף. מיר גייען אַרײַן. דער לייטענאַנט עפֿנט די טיר קעגנאיבער. צוויי הויכע מענער און איין פֿרוי שטייען דאָרט און קוקן אונדז שטום אָן.

דער לייטענאַנט מאַכט אַ האַנטבאַוועגונג אויף רעכטס:

— דורכזוכן, צי ס'איז נישטאָ קיין געווער.

איך זע נאָך, ווי די פֿרוי פֿאַלט אים צו די פֿיס און גיי אַרײַן אין צימער רעכטס. דאָרט איז פֿינצטער. איך קער זיך אום, צו נעמען אַ ליכט. די פֿרוי האָט אַרומגעכאַפּט די פֿיס פֿונם לייטענאַנט און שרייט עפּעס אַלץ אינאיינעם.

— האָט איר עפּעס געפֿונען? — פֿרעגט ער.

— ניין, הער לייטענאַנט, ס'איז דאָרט פֿינצטער.

— טאָ לאָמיר גיין!

מיר זענען געשטאַנען אינדרויסן.

— מיר מוזן זוכן אַן אַנדער נאַכטלעגער — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, נאָך ווי האַלב באַוווסטלאָז. איצט דאַרף מען זײַן

פאַרזיכטיק! זיי טראַכטן נאָך אַלע וועגן דאָזיקן אומהיימלעכן האיף. און מיר שטייען דאָ אויף דער דאָרפס־גאַס אָן יעדער פאָרזיכט.

— עפּעס איז דאָרט געווען נישט אין אָרדענונג — האָט געזאָגט פּאַביאַן. — אַלמאַי איז דער פרוי באַפאַלן אַזאַ פּחד?"

מיר זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך לענגאויס דער גאַס. דאָס דאָרף איז, זעט אויס, באַשטאַנען נאָר פון דריי גרויסע הויפן. לינקס האָט זיך געפונען אַ פון דריי זייטן אָפענע שאָפּע.

— דאָ וועלן מיר צוברענגען די נאַכט — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט.

מיר האָט דאָס אָרט אויסגעוויזן גאַנץ זיכער; מחמת לינקס איז געווען אַ מויער, און פון די איבעריקע איז עס געווען אָפן.

מיר האָבן אַריינגעשלעפּט שטרוי.

— רען, איר שטייט אויף דער וואַך.

כ'האָב זיך איינגעהילט אין קאָץ און אָנגעהויבן צו שפּאַנען פאַר דער שאָפּע אַהין און צוריק.

אַך, ווי די פרוי האָט זיך עס אַביסל איבערשראָקן! ווי אומהיימלעך ס'איז געווען דאָרטן אינעווייניק! דאָס האָט זיכער געמוזט האָבן אַ געוויסן יסוד. צי האָבן זיי נישט אַמאָל אומגעבראַכט דאָרטן אַ פּאָר פון אונזערע הוזאַרן? ס'האָבן דאָך געזאָלט עטלעכע פאַרשוווּנדן ווערן. — מיטאַמאָל איז מיר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין: די פערד פריער? די שווערע בעלגישע פערד וועלן דאָך נישט מיטאַמאָל נעמען אַזוי אַרומגאַלאָפּירן אין דער נאַכט. דאָס זענען געווען קאַוואַלעריע־פערד.

כ'האָב דערהערט שטילע טריט הינטער מיר און זיך אויסגעדרייט. דאָס איז געווען דער לייטענאַנט.

— הערט זיך איין — האָט ער געפליסטערט — איר מאַכט צופיל ליאַרם מיט אייערע טשוועקעס־שטיוול. היות ווי דאָס לאָזט זיך נישט פאַרמיידן, כל־זמן עס שטייט אַ וואַך, קומט־זשע ליבערשט מיט אונטערן דאַך, און מיר וועלן זיך בייטן מיט דער וואַך נאָכאַנאַנד; כ'קאָן סיי ווי נאָך נישט שלאָפן.

כ׳האָב זיך אָװעקגעלײגט לעבן צישען, מיט דער ביקס בײַ דער זײַט. אונטער דעם שטרױ זענען געװען באַהאַלטן עפּעס אײַזערנע מכשירים, אױף װעלכע כ׳האָב געמוזט ליגן, װײַל אַזיסטן איז נישט געװען מער קײן אָרט. גראָד אונטער מײַן רוקן איז געלעגן באַלכסון אַ שטאַנג.

כ׳בין געלעגן. דער פײַכטער װינט האָט מיר געגלעט אי־בערן פּנים און אױף אַרײַנגעקראָכן דאָ און דאָרטן דורך די פאַלדן פון קאָץ. כ׳בין געלעגן און נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. דאָס אָרט דאָ האָט זיך מיר דאָך אױסגעװיזן נישט גאַנץ זיכער. ס׳האָט מיך כסדר געצויגן צו כאַפּן אַ בליק אױף דער געגנט. אָבער דער לײַטענאַנט האָט עס באַמערקט.

טריט? — עמעצער באַרירט מיך. איך כאַפּ מיך אױף.

— אויפוועקן די אַנדערע — פליסטערט דער לײַטענאַנט. ער האָט שוין געהאַט דעם רעװאָלװער אין דער האַנט.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט צישען באַם אָרעם. ער זעצט זיך אױף. די טריט זענען שוין נאָענט, איבער צען מאַן, האָב איך אָפּגע־שאַצט. אײנער פון אונזערע שנאָרכט. דאָס לעדערצײַג טרעשטשעט בײַ איטלעכן אָטעם־צי. איך שטויס דעם שנאָרכער אין די זײַט. ער שנאָרכט־אױף און שלאָפט װײַטער. כ׳הער װי צישע שפּיליעט אָפּ די ביקס. אפשר דרײַסיק טריט װײַט פון אונז שטײען זײ יעצט און פליסטערן, גאָרנישט איז צו זען. מיר זענען קוים פינף מאַן צום פאַרטײדיקן גרײט. זײ האָבן אונז געמוזט באַמערקן, װען מ׳װאָלט נאָר געקאָנט פאַרשטײן אַ װאָרט!

— גוטן אָװנט, רײַכאַרט! — רופט אױס פאַביאַן און שטײט אױף.

— גוטן אָװנט — רופט מען צוריק מיט דערלײַכטערונג. דאָס איז געװען אַן אַנדער פּאַטרול פון אונזער פּולק.

די אָפיצירן האָבן געשמועסט מיט אײנאַנדער. דערנאָך האָט זיך רײַכאַרטס פּאַטרול אַװעקגעלאָזט רעכטס.

— צי אַלדי רוחות! — האָט געזאָגט פאַביאַן — דאָ װעלן מיר לענגער נישט בלײַבן.

מיר זענען װידער אַװעק אױף לינקס, װוּ מיר האָבן פריער געפרוװט אַראָפּצוקלעטערן.

מיטאַמאָל האָט זיך אויף דער טונקעלער ראָנקע באַוויזן אַ דויטלעכער שיין. מיר האָבן זיך אויסגעדרייט. אַ קעגנאיבער האָט געברענט אַ שייער, אפשר שוין אויף יענער זייט מאַאַס און אפשר אויך אויף אַן אַרויסגערוקטן באַרגשפּיץ פון אונזער ברעג.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די קאָצן לעבן ווילדן רויזן־קוסט, ווו מיר זענען געשטאַנען פריער. דער רעגן האָט אָנגעמאַכט אַ פיין גערויש אין גראָז. איבער דער הויכעניש האָט זיך גלייכמעסיק געגליטשט דער נעפּל אין דינע שטרייפן. פונווייטנס האָבן געקנאַלט אַ פּאָר ביקסן־שאָסן. צוויי זענען שוין ווידער איינגעשלאָפן. אויף יענער זייט האָבן געשלאָגן די פלאַמען פון דעם דאַך, לינקס מיט העלן פלאַם, רעכטס טונקלרויט און רויכיק. דער דאַך איז איינגעפאַלן. פונקען זענען אויפגעפלויגן צום שוואַרצן הימל, און אַ לאַנגער פלאַם האָט זיך אויסגעצויגן, זיך אָפּגעריסן, און אונטן זענען געבליבן קלענערע פלאַמען, צאַפּלדיקע, אומרויקע. בעלקעס זענען פונקנשפריצנדיק אַראָפּגעפאַלן. דאָס פייער איז געוואָרן פינצטערער. ס׳האָט שוין מער נישט גערעגנט. נאָר דער נעפל האָט נאָך גענעצט. לאַנגזאַם איז אָנגעקומען דער טאָג. דער לייטענאַנט איז נישט געשלאָפן. ער האָט זיך טיילמאָל באַוועגט אַ ווײַלע. איינער האָט אויפגעוואַכט, האָט זיך אויסגעצויגן מיט די עלנבויגנס און זיך געריבן מיט די הענט די אויגן. דערנאָך איז ער געוואָרן לעבהאַפטיקער. און זיך גענומען צו שניידן ברויט.

— ס׳האָט נישט קיין זין, צו בלייבן דאָ לענגער — האָט געזאָגט פּאַביאַן — דער נעפּל וועט אין די נאָענסטע שעהן נישט אָפּטרעטן און מיר מוזן ביז צען אַזייגער זיין צוריק.

מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען אין דאָרף אַריין און מיר זענען אַרויף אויף דער הויכעניש. אויף דעם קעגנאיבערדיקן שיפּוע אונטן זענען געשאַנצט געוואָרן אַרטילעריע־פּאָזיציעס.

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן ? — האָט געזאָגט פּאַביאַן. — שוינדשע זענען דאָ געווען מער פּאַטרולן ווי אונזערע ? אַזיסטן וואָלטן זיי דאָך נישט געקאָנט דאָ אַזוי רויק שאַנצן.

מיר זענען געגאַנגען דורכן טאָל. אויף דער נאָ־

ענטסטער הויכעניש האָט אויפגעטויכט אַ רייטער. דאָס איז געווען אונזער אַדיוטאַנט.

— אייער קאָמפּאַניע גייט גלייך הינטער מיר! — אונזער אַרמעע גרייפט אָן.

די שלאַכט בײַ דער מאַאָס.

אונזער קאָמפּאַניע איז אַריבערגעשטיגן די הויכעניש, פאָר אויס אויפן פערד דער קאַפּיטאַן.

— גוט מאָרגן! — האָט ער אויסגערופן. — היינט עקזיסטירט דער אייזערנער קרייץ אָדער דער העלדנטויט!

מיר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אינאָנהויב פון אונזער צוג. פערל האָט געקוקט אויף מיר בלאַס און אויסגעזען שמוציק.

— ווי אַזוי האָט איר זיך עפּעס דאָ דערנומען אַזוי שנעל? — האָב איך געפרעגט.

— מיר זענען אַלאַרמירט געוואָרן אינמיטן דער נאַכט — האָט ער געזאָגט ניכטערן.

— מיר האָבן געמאַרשירט איבער אַ בוראַקעס-פעלד. די שטרענקלעך זענען געווען נאָס פון רעגן און געגרייכט ביז צו די קני. די פיס האָבן זיך געגליטשט אויף די בוראַקעס.

מיר זענען צוגעקומען צום דאָרף און זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער שאָפע, אין וועלכער מיר האָבן פאַרברענגט די נאַכט. די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן. איבער אונז איז שוין געווען בלאָער הימל.

דער קאַפּיטאַן איז אָנגעקומען צו רייטן, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און אַ וואָרף געטון די לייצעס דעם אָנגעלאָפענעם פערדהאַלטער.

— מיר גרייפן אָן! — האָט ער אויסגערופן. — דער ערשטער און דער צווייטער פּלוטאָן גייען פאָראויס, דער דריטער בלייבט דאָ צו מיין דיספּאָזיציע!

ווי אַזוי-זשע וועלן מיר אַריבער דעם טייך? האָב איך געטראַכט.

— ערשטער פּלוטאָן! טיראַלעריע! האָט קאָמענדירט פּאַביאַן

מיר זענען געגאַנגען פּאָרויס און אָפּגערוקט פון איינאַנדער. איך האָב געמוזט אומגיין לינקס דעם אומהיימלעכן הויף. פאָרנט איבערן נעפל האָט שוין אויפגעטויכט אין שיין פון דער זון אַ באַרגרוקן פון קעגנאיבערדיקן ברעג. רעכטס האָבן אַ קנאַל געטון אַ פּאָר שאָסן. מיר זענען אַרויפגעקומען אויף אַ מילד אַראָפּפאַלנדיקע לאָנקע מיט דראָט־פאַרצוימונגען.

פאַביאַן האָט שוין דערגרייכט פון רעכטער זייט דעם ראַנד פון שטיילן אָפּהאַנג. פון דער לאָנקע האָבן אַרויסגעשטאַרט איינצלנע פעלזבלאָקן און פלאַכע היגלען. מיר האָבן זיך אַריבערגעקריגן איבער שטעכיקע פּלויטן. פאַר אונדז זענען אויף אַן אַרויסשטאַרנדיקן באַרגרוקן געשטאַנען עטלעכע ברייטע ביימער. — דאָס איז געווען דער ראַנד פון אַ שטיינברוך, אין וועמעס טיפעניש ס׳איז געשטאַנען אַ הויז, און אויף ביידע זייטן נאָך עטלעכע. לינקס איז געשטאַנען אַ פאַבריק מיט אַ רויטן קוימען; פאַר איר האָט זיך געצויגן אַ פּאַס לאָנקע. דערנאָך איז געקומען דער וואַסערשטרייף פון דער מאַאַס. אַקעגנאיבער אין נעפל, פון דער פּרימאָרגנזון געפאַרבט, האָט זיך דערהויבן דער אַנדערער ברעג מיט הייזער, גערטנער, באַרגרוקנס און אַרויפצו זיך שלענגלדיקע וועגן, באַזעצט מיט ביימער.

אַ פּאָר ביקסנקוילן האָבן פייפנדיק זיך דערטראָגן פון קעגנאיבער.

— דער נעפל ווערט שוין שיטערער — האָט געזאָגט צישע.

— מיר צעטיילן זיך דאָ — האָב איך געזאָגט. — איך גיי מיט זיי דאָ אויף רעכטס, און איר אויף לינקס, אַרום דעם שטיינברוך.

ס׳האָט מיך דורכגעדרונגען דער בליק פון אונטעראָפיציר צאַכע. ער איז געגאַנגען אַזוי, ווי כ׳האָב באַפוילן. כ׳האָב זיך געוווּנדערט דערויף. כ׳בין געלאָפן נאָכן איינציאָריקן לאַם, צישע און פערל אונטן אַראָפּ, לענגאויס אַ רייע קוסטן, איבער אַ שמאָלער סטעזשקע. הויך איבער אונדז האָט אַ סווישטש געטון אַ קויל. די פּראַנצויזן אויף דער אַנדערער זייט זענען אוודאי געבלענדט געוואָרן פון דער זון, וועלכע האָט זיך געפונען הינטער

אונז. דער וועג איז געוואָרן אַלץ מער משופּעדיק און זיך געענדיקט אויף אַ שיפּער לאָנקע. מיר זענען אַרויס אויפן וועג צווישן דעם שטיינבּרוך און דער נאָענטסטער געביידע פון רעכטער זייט. דער קעגנאיבּערדיקער ברעג האָט זיך געבאָדן אין זונענשיין.

און אָט — מיר קערן זיך אום אַ טריט אויף צוריק! פון דעם שטיינבּרוך פּלאַצט און קנאַלט אַ צעווילדעוועט ביקסנפייער — עס פייפט געדיכט אַרום אונז. איך כאַפּ די ביקס און קנאַל אין דעם שטיינבּרוך.

— דאָרט פון דעם הויז! — שרייט ציישע.

דאָס הויז האָט אין אויבערשטן שטאָק צוויי פענצטער, וועלכע גייען אַרויס אויף אונזער זייט. אונזערע שאָסן טרעפן אַלע אין די מויער אָנשטאָט אין די פענצטער. אָבער די פענצטערשויבן וואָלטן געמוזט האָבן לעכער, וויבאַלד מ׳זאָל פון דאָרט אַרויסשיסן.

— הינטער דעם הויז דאָ! — שריי איך און לויף מיטן שמאָלן דורכגאַנג צווישן הויז אין דעם פעלז, אין וועלכן ס׳איז געווען איינגעבויט אַ שטאַל פאַר קיניגלעך. די אַנדערע זענען אויך דאָ. דאָס ביקסן־געקנאַל הערט אויף. איך טייטל מיטן פינגער אין דער ווייטקייט.

— אַך, מיר אָקסן! מ׳האָט דאָך געשאָסן פון אַנדערן ברעג, און מיר זענען אַזעלכע שוטים, אַז מיר דרייען זיך צו זיי אויס מיטן רוקן און שיסן צו אַ מויער, אָן וועלכער עס הילכט אָפּ דער עכאָ.

זיי האָבן אַראָפּגעקוקט צו דר׳ערד. כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳קאָן יעצט אויף זיי רעכענען. אָבער וואָס ווייטער? איבער דעם טייך אַריבערצוגיין איז נישט קיין אופן. און ווו זענען געווען די אַנדערע פונם פּלוטאָן?

דאָס הויז אינם שטיינבּרוך איז געלעגן עטוואָס אויף צוריק צו און איין וואַנט זיינע איז געווען געווענדט אין אונזער זייט. הינטער אים, עטוואָס רעכטס, איז געשטאַנען אַ צווייט הויז בּאַם וועג, און הינטער אים, די פאַבּריק מיטן רויטן קוימען. צווישן

דיביידע הייזער האָט זיך עמעצער באַוויזן אויפן וועג און זיך גענומען אַרומקוקן. הינטער אים זענען געגאַנגען נאָך דריי. דאָס פייער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט אַ טראַסקעריי. זיי זענען אַנידערגעפאַלן אויף דר'ערד. אינמיטן וועג. זיי האָבן עס געמאַכט נאָך נאַרישער פון אונז, זאָל איך צו זיי אַ געשריי טון? זיי ווילן עס דאָך נישט הערן! עס ציטערט מיר עפּעס אין דער ברוסט. זיי בלייבן ליגן. עס קלאַטשט און פּאַטשט פון די שאָסן.

— כ'מוז דאָרט אַהינגיין! — האָב איך געזאָגט.

פערל דאָט מיך אָנגעקוקט א בלאַסער

— ווי אַזוי ווערסטו זיך דאָרט אַריבערקריגן? — האָט געפרעגט צישע.

— מיטן גאַסנראָוו, לענגאויס דעם שאָסעע.

— ער איז צו פלאַך — האָט צישע טרוקן געזאָגט.

— דאָס מוז אָבער געשען! — האָב איך געזאָגט און זיך פאָרט נישט געקאָנט אַנטשליסן.

מיטאַמאָל איז איינער פון יענע אויפגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן צו אונז לענגאויס דעם וועג.

— דאָ! — האָט געשריגן דער אייניאָריקער.

יענער איז געלאָפן אויפן וועג, פאַרשטעלנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס פּנים, כּדי זיך צו באַשיצן קעגן די שאָסן. פלוצלינג איז צישע אַרויסגעלאָפן פון באַהעלטעניש.

— דאָ! — האָט ער אַ געשריי געטון מיטן גאַנצן גאָרגל און געבליבן שטיין.

— צישע! — האָב איך געוואָלט אויסרופן, אָבער ער האָט פלוצלינג אַ צאַפּל געטון און איז גיך צוריק. הינטער אים האָט זיך הינקנדיק נאָכגעשלעפּט דער אַנדערער. דאָס איז געווען לעהמאַן.

— כ'האָב געפּאַקט איינע אין פוס — האָט ער געזאָגט.

— זעץ דיך אַוועק אויפן דאָזיקן קלאָץ — האָט געזאָגט צישע און אַנידערגעקניט פאַר אים. — וואָס הערט זיך מיט די אַנדערע?

— זיי ליגן דאָרט אויפן וועג. צאַכע איז טויט, און האַג־דאָוו צמיל האָט געוואָלט, אַז כ׳זאָל אים מיטנעמען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט לויפן, און זיי האָבן כּסדר געשאָסן פון דער פאַבריק.

פון דער פאַבריק? כ׳האָב אַהינגעקוקט. זאָל דאָס ווידער זיין עפּעס אַ פאַרבלענדונג? געוויס נישט. שוין־זשע זאָל דאָרט זיצן מיליטער? אויסגעשלאָסן! זיי וואָלטן דאָך געהאַט דעם טייך הינטער זיך און קיין שום מעגלעכקייט זיך אַריבערצוקריגן איבער אים. ובכן דידאָזיקע פאַרפלוכטע בעלגיער! וויבאַלד ס׳וועלן נאָך מער אונזעריקע דאָ אַרונטערקומען? אָבער זיי מוזן דאָך באַמערקן די טויטע קערפּער, וואָס ליגן אויפן וועג.

— רען! — כ׳האָב אויפגעצאַפּלט, דערהערנדיק פּלוצלינג מיין נאָמען.

— וואָס וועלן מיר דען דאָ טון? — האָט געפרעגט דער איינדיאָריקער לאַם.

שוין־זשע האָב איך זיך פאַרהאַלטן ווי אַ פּחדן? — האָב איך פּלוצלינג אַ טראַכט געטון. כ׳האָב דערביי אַ קוק געטון אויף לעהמאַנס וואונד. צי האָבן מיר געדאַרפט דאָרט פאָרנט בלייבן ליגן און אַריבערשיסן? מיר זענען דאָך אַנטלאָפן הינטער דעם הויז! און לאַם האָט מיך ערשט געמוזט דערמאָנען, אַז מיר געפינען זיך אין אַ שלאַכט און אַז איך האָב פליכטן. אָבער וואָס־זשע קאָן מען דאָ טון?

— מיר מוזן אַריין אין הויז — האָט איך געזאָגט: — מיר ווייסן דאָך לגמרי נישט, וואָס עס מאַכט די רעשט קאָמפּאַניע. אפשר וועלן מיר קאָנען עפּעס דערזען פון וועלכן ס׳איז פענצטער. דיין אויער בלוטיקט, צישע! צי זאָל איך עס דיר פאַר־באַנדאַזשירן?

— ער האָט שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ: — עט, אַ קאָפּעטשקע! — ער האָט אַרומגעוויקלט לעהמאַנס פוס מיט אַ באַנדאַזש. דער אויפגעטרעטענער הויזנאַרבל האָט אַראָפּגעהאָנגען אויף דר׳ערד.

פערל איז געשטאַנען באַם קיניגלעך־שטאַל און אַריי־

געשטעקט אַ פינגער דורך די קראַטעס, וועלכן אַ ווייס קיניגל האָט אַרומגעשנאַפּט.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט. אינדרויסן טריט. אַן אָפיציר לויפט פון אויבן פאַרביי, הינטער אים אַן ערך דרייסיק מענטשן. אויב זיי וועלן אונז זען דאָ באַהאַלטן הינטערן הויז?!

— מיר מוזן אויך גיין! — האָב איך האַסטיק אַ זאָג געטון.

צישע האָט שוין געהאַט געענדיקט זיין באַנדאַזשירן.

— לאָזט מיך דאָ נישט איבער אַליין! — האָט געזאָגט לעהמאַן.

— איצט גייט וועגן עפּעס אַנדערש!

דער פּרעמדער פלוטאָן איז שוין פאַר דעם הויז אינם שטיינברוך. מיר לויפן אַרויס. לעהמאַן הינקט אויך מיט. קנאַלן אַרום און אַרום! זיי וואַרפן זיך אַנידער אויפן שאָסע. עטלעכע ווילן זיך אומקערן.

— דאָרט אַהין! — שריי איך און ווייז אָן אויפן ראַנד פון שטיינברוך. אַ וואָגן מיט היי שטייט אין דער ברייט באַם איינגאַנג.

— דאָרט פון הויז אַרויס שיסן זיי! — שרייט איינער. שוין ווידער די בעלגיער! איך כאַפּ די ביקס און שיס. לעבן מיר שיסן אויך אַנדערע. עטלעכע לויפן הינטער מיר צום הויז אינם שטיינברוך, און נאָך זיי לעהמאַן. איך גיב ווידער אַ דריק באַם צינגל. אַ טראַסק. פאַרפּלוכט! כ'האָב שוין מער קיין קוילן נישט אין דער ליופע. עס קנאַקט פון אַלע זייטן.

— נעם מיך מיט, קאַמעראַד! — שרייט איינער. — האַלט מיך אונטער דעם אָרעם!

איך וואַרף איבער די ביקס אין די לינקע האַנט און נעם אים פעסט אַרום. צי עס טוט אים וויי, איז איצט גאַנץ גלייכגילטיק. ער איז שווער. עס קנאַלט קעגן דער הויזוואַנט. ער מאַכט אַ טריט מיטן לינקן פוס און זינקט ווידער אַראָפּ. צווישן הויז און דעם וואָגן איז נאָר דאָ אַ שמאָלער דורכגאַנג. עפּעס טוט אַ צופּ באַ מיין היטל. דער קאָפּ זשומעט מיר. איך שלעפּ אים פאָראויס. ער קרעכצט. מיר זענען שוין

פאַרביי דאָס ערשטע פענצטער. ער הויבט זיך מיר אָן אַרויס־צוגליטשן פון די אָרעמס. זיין היפט איז ווייך. איך קלאַמער זיך אָן אין זיין פלאַשטש. ער זיצט שטייף. כ'האָב אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ פאַלד. עמעצער לויפט פאַרביי האַרט לעבן אונז אָן אַ ביקס.

יעצט אויף דער אַנדער זייט! מיר זענען הינטערן הויז.

כ'האָב אָנגעלענט די ביקס אָן דער וואַנט, אָנגעכאַפּט דעם פאַרווונדעטן מיט ביידע הענט און אים אַוועקגעזעצט מיט די פלייצעס צו דער מויער, לעבן אַן אַנדערן, וועמען דאָס בלוט האָט געדיכט גערונען פון דער נאָז.

— דאָרט אַהין! — האָב איך געהערט עמעצן אויפגערעגט רופן.

כ'האָב זיך אויסגעדרייט: — צי זענט איר פאַרוקט! דאָ בלייבן!

דאָס איז געווען אַ פרעמדער אונטעראָפיציר. כ'האָב זיך דערשראָקן. אָבער ער האָט מיך בעטנדיק אָנגעקוקט.

— מיר שטעלן דאָ אויס וואַכן! — האָב איך געזאָגט; כ'האָב עס געוואָלט טון מיטן געהעריקן דרך־ארץ לגבי אַן אונטער־אָפיציר. אָבער ס'איז פאָרט אַרויסגעקומען שאַרף. — הערי, צישע, דו באַאָבאַכסט דאָרט אין יענער זייט! ווי' באַלד עמעצער וועט זיך באַווייזן באַם פענצטער, תיכף שיסן!

דער אונטעראָפיציר האָט זיך באַהערשט: — מיר וועלן זיך אויך דאָ אָפּשטעלן.

כ'האָב מיך אַרומגעקוקט. די זון האָט געשיינט אויפן הויף. אַרום זענען געשטאַנען לערך צען מאַן. פונקט אַזויפיל פאַרוונ־דעטע זענען געלעגן אויף דר'ערד און אויף די אַרומשטייענדיקע וועגנס. דאָס איז געווען אַ קוזשניע.

האַרט פאַר מיר, אויף דר'ערד, איז געלעגן זאַנדער, וועל־כער איז פריער אַראָפּגעקומען מיט צאַכען, און געקוקט אָן באַ־וועגונג אין הימל אַריין.

כ'האָב אַנידערגעקניט לעבן אים: — ווו ביסטו פאַר־וונדעט?

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם פינצטערן בליק:

— אין בויך. — ער האָט ווידער געקוקט שטייף אינדער־היוך.

— קאָן איך דיר מיט עפּעס העלפן?

ער האָט קוים באַמערקבאַר באַוועגט מיטן קאָפּ.

כ׳בין אויפגעשטאַנען. מיין בליק האָט געשוועבט איבערן שטיינברוך צו די ביימער־קרוינען, וועלכע האָבן דאָרט אַרויסגעקוקט און דערזען נאָכאַמאָל אַלצדינג, וואָס ס׳איז געשען. דאָרט אויבן בין איך נאָכנישט געווען קיין פּחדן! פריער. — מחמת שוין־זשע איז דאָס נישט קיין פּחדנות, וויבאַלד מ׳פאַרלירט דעם קאָפּ צוליב אַ פּאָר שאָסן? פריער האָב איך געקנאַלט אין דעם שטיינברוך, און יעצט ווידער אין דעם הויז! הגם כ׳האָב געדאַרפט וויסן, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסדאַכטעניש! כ׳האָב צומאָל נישט באַמערקט אין שרעק, אַז כ׳האָב שוין מער נישט קיין קויל אין דער לופע! — איצט ליגט דער פרעמדער לייטענאַנט דאָרט טויט; דער איז נישט געווען קיין פּחדן, ער איז ערלעך געפאַלן. און ליגט דאָרט טויט! — דאָס האָט זיך מיר פּלוצלינג אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך.

און איך האָב אַרויסגעפירט פון דאָרטן מיינע מענטשן, און צו וואָס? ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט אויסזען פּחדניש! אויסזען, אויסזען! גלייך ווי כ׳וואָלט נישט געפילט אין מיר דאָס פּחדנות און שרעק! — די געדאַנקען האָבן מיך געשמיסן. און כ׳בין דאָך אַנטלאָפן; מיר האָבן געלערנט, אַז מען דאַרף קיינמאָל זיך נישט אָפּרוקן פאַרן שונא, אַפילו נישט הינטער אַ הויז. — פּלוצלינג האָט אין מיר אויפגעבליצט אַ געדאַנק: וויבאַלד מיר וואָלטן פּאָרנט געבליבן, וואָלטן מיר יעצט געווען טויט, און צו וואָס? גאַנץ נוצלאָז. איך, פּערל און די אַנדערע וואָלטן מיר געפאַלן אַ קרבן. — ובכן, וואָס כ׳זאָל נישט געווען געטון, וואָלט איך אַלץ געווען שולדיק.

כ׳האָב געזען, ווי פּערל האָט זיך עפּעס געפּאָרעט באַ לאָמפּ פעלדפלאַש. איצט איז מיר אויך באַוווסט געוואָרן, אַז די־

אַרטילעריע האָט שוין זינט אַ געוויסער צייט געשאָסן, ס׳האָט געברוישט איבערן טאָל, געהודזשעט, געדונערט און געקנאַלט אָן אויפהער אין שטיינבּרוך, נישט באַוווּסט, צי פון דער דייטשער אָדער פראנצויזישער זייט.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו די ביידע.

— דו — האָט געלאַכט פּערל. — מיר האָט אַ קויל דורכגעלעכערט די הויזן און לאַמען די מאַניערקע.

ס׳איז מיר געקומען אויפן זינען, אַז עפּעס האָט מיר פריער אַ צופּ געטון באַם היטל. כ׳האָב עס אַראָפּגענומען. אויף דער רעכטער זייט איז איין אָרט געווען אויפגעטרענט.

פּערל האָט זיך צעלאַכט און באַטאַפּט דאָס צעריסענע אָרט. — טו אַ קוק אויף מיינע הויזן! — האָט ער געזאָגט.

— אַן, — האָב איך געטראַכט — דו ווייסט צומאָל נישט, וואָס דאָ קומט פאָר, דו גליקלעכער!

— ווו איז לעהמאַן? — האָב איך געפרעגט.

— דאָרט הינטערן וואָגן.

כ׳האָב זיך אַוועקגעדרייט פון זיי. מ׳האָט דאָ פאָרט געדאַרפט עפּעס טון! אָבער וויבאַלד פאַר אונז זענען נאָך געלעגן פאַרוואונדעטע, צי איז געווען אַ יושר אַרויסצושיקן אַנדערע, כּדי אויך זיי זאָלן פאַרוואונדעט ווערן.

די אַרטילעריע-קוילן האָבן געברוישט איבער אונז און אויפגעריסן. די ביקסן-שאָסן האָבן געהודזשעט פון אַלע זייטן, טיילמאָל האָט זיך צעגרעגערט אַ קוילנוואַרפער. פלוצלינג האָט זיך עפּעס צעשפּריצט איבער אונז אינם שטיינבּרוך און ס׳האָט זיך דערהערט אַ טראַסק. כ׳האָב זיך איינגעקנוילט נישט ווילנדיק. איינער פון די פרעמדע זעלנער האָט זיך אַ כאַפּ געטון באַם אָרעם. ער האָט געהאַט אַ צעפליקטן אַרבל. איינער האָט זיך גענומען פאַרען אַרום אים.

— דאָס איז געווען אַ שראַפּנעל — האָט געזאָגט דער אונטעראָפיציר.

— הער אונטעראָפיציר! — האָב איך געזאָגט. — צי זאָלן מיר נישט באַזעצן דאָסדאָזיקע הויז? מיר שטייען דאָך גאַנץ נאַקעט הינטער אים.

— אָבער וויבאַלד עמעצער איז דערין דאָ, ווי דאָרטן?

— פון דעם שכנותדיקן הויז האָט מען נישט געשאָסן, דאָס האָט נאָר אַזוי אָפּגעהילכט.

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: — דערדאָזיקער מענטש דאָרטן, האָט באַקומען אַ שאָס דורך דער נאָז אין מיר דערציילט, אַז ער האָט אים געפּאַקט דאַן, ווען ער איז שוין געלאָפן צוריק.

— יאָ, הער אונטעראָפיציר, דאָס איז מעגלעך. פריער האָט שוין עמעצער געזאָגט, אַז מ׳האָט אונז באַשאָסן פון דער פאַבריק. אָבער דאָס שכנותדיקע הויז פאַרשטעלט אונז פון דערדאָזיקער זייט. קוים וועלן מיר באַזעצן דאָסדאָזיקע הויז, וועלן מיר האָבן אַ גרעסער באַאָבאַכטונגס-פעלד און מיר׳ן קאָנען בעסער באַהאַלטן די פאַרוווּנדעטע.

— גוט! — האָט געזאָגט דער אונטעראָפיציר.

כ׳האָב גענומען צישען, לאָמען און פּערלען. צישע האָט אויפגעהויבן אַן אייזערנע שטאַבע, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט געפּרוווט זי אויפצוברעכן.

— מיר מוזן זיך צוערשט אַריינקריגן אין די קוזשניע — האָט ער געזאָגט.

דאָס קוזשניע-טויער האָט אָפּגעטרעטן נאָך אַ פּאָר קרעפּטיקע פוס-שטויסן. ער האָט געבערענגט אַ האַק און גענומען קלאַפּן אין שלאָס אַריין. ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומרויקייט. כ׳האָב געהאַלטן גרייט די ביקס. די מענטשן פונם אונטעראָפיציר האָבן זיך צוגעקוקט פונווייטנס.

נאָך איין קלאַפּ און די טיר האָט נאָכגעלאָזט. לאָם איז אַריינגעלאָפן אינעווייניק. כ׳האָב זיך פאַרשעמט און בין אַריין נאָך אים. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צו דער פאָדערשטער טיר, מיט שמאָלע טרעפּ פון דער לינקער זייט. די ערשטע טיר רעכטס איז געווען פאַרשלאָסן. די נאָענטסטע האָט געפירט אין אַ ליידיקע קיך. צישע איז צוגעגאַנגען צום קוימען.

— דאָס הויז איז באַוווינט. פאַראַן נאָך פייער אין דער קיך.

אין גאַנצן פאַרטער איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. מיר זענען אַרויף אויף די טרעפּ. כ׳האָב אויפגעמאַכט די ערשטע טיר.

אין אַ ברייט בעט איז געלעגן אַ פרוי און געקוקט אויף מיר מיט אירע אַלטע, פוסטע אויגן. דערלעבן איז געזעסן אַן אַנדערע פרוי און געגלאָצט אויף מיר מיט די אויגן.

— איר דאַרפט נישט קיין מורא האָבן, מוטער — האָב איך געזאָגט.

די, וועלכע האָט זיך געפונען לעבן בעט — זי האָט אויסגעזען פון אַ יאָר צוואַנציק — האָט אָנגעהויבן מיט אויסגעשרייען צו פּלאַפּלען עפּעס שרעקלעך שנעל.

— קענט איר פראַנצויזיש? — האָב איך געפרעגט לאַמען.

ער האָט שטאַמלענדיק עפּעס אַרויסבאַקומען פון זיך.

זי האָט אָפּגעענטפערט און אויפגעהויבן בעטנדיק אירע הענט.

— וואָס זאָגט זי?

— די אַלטע פרוי ליגט אויפן טויטן-בעט און אַז מיר זאָלן זי לאָזן צורו אין דער לעצטער שעה.

— זאָגט איר, אַז מיר מוזן נאָר אַ פענצטער באַזעצן דערלעבן.

פון דעם זייטיקן צימער האָט מען געזען לינקס נאָר איין טייל פון דער פאַבריק.

פערל האָט אַרויסגעקוקט פאָרנט.

— דאָרט ברענט!

אַקעגנאיבער האָבן עטלעכע הייזער געשיינט צו שטיין אין פייער. רעכטס האָט פאַרדעקט דער שטיינברוך דעם אויסבליק אויף דער רעשט קאָמפּאַניע. כ׳האָב איבערגעלאָזט מיינע לייט אויבן און בין ווידער אַראָפּגעגאַנגען אונטן. אין דער קיך האָט עמעצער געמאַכט פייער, כדי אָנצוקאָכן קאַווע. אַנדערע האָבן אַריינגעטראָגן די פאַרוווּנדעטע. אויפן הויף איז נאָך לעה-

מאַן, אַ זייער בלאַסער, געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. זאַנדער איז געלעגן ווי פריער, מיטן בליק געווענדט אַרויפצו. לעבן אים האָט זיך געבילדעט אַ בלוט-קאַלוזשע. די זון האָט אים געשיינט אין פּנים. זי האָט אים געמוזט בלענדן.

כ'האָב אַראָפּגעבערענגט אַנדערע, כּדי זיי זאָלן אונז צו העלפן אַוועקלייגן בעסער די פאַרוווּנדעטע. ווען כ'האָב זיך אומגעקוקט אויפן הויף, האָב איך באַמערקט ווי עמעצער לויפט לענגאויס דער גאַס.

— דאָ אַהער! — האָב איך אַ געשריי געטון.

— רען! — האָט ער אויסגערופן אַ צופרידענער און אַריינגעלאָפן אין הויף. דאָס איז געווען עקאָלד, דער אָרדאָנאַנס פון לייטענאַנט. — הער לייטענאַנט פרעגט, וואָס מיט אייך טוט זיך. דאָרט ווייטער ליגן עטלעכע אויפן וועג. ווער איז עס?

כ'האָב אים דערציילט אַלץ.

— דו! — האָט ער געזאָגט. — באַ אונז איז אויך נישט בעגאַנגען צום בעסטן. אונזער קאַפּיטאַן איז געוואָרן הינטערוויילעכץ דערשאָסן פון עפּעס אַ הויז אַרויס. קאָנסט דיר פאָרשטעלן אונזער כּעס. און דערביי האָבן מיר זיך נישט געקאָנט באַלד אַריינקריגן אין דעם הויז, ווייל זיי האָבן שטאַרק געשאָסן, און מיר זענען געלעגן אונטן. אָבער דערנאָך האָבן מיר עס פון אויבן גענומען מיט שטורם, אַוועקגעשטעלט די לייט צו דער וואַנט און דערשאָסן.

— זאָג מיר, האָט מען אויף דיר גאָרנישט געשאָסן, ווען ביסט דאָ אריבערגעלאָפן?

— יאָ אַ פּאָר איינצלנע שאָסן. אָבער קיין סך שיסן זיי שוין נישט פון קעגנאיבער, זינט ס'האָט אָנגעהויבן אין זיי צו פייערן אונזער אַרטילעריע.

ער איז צוריק אַוועקגעלאָפן. מיר האָבן אָנגענומען פאָרזיכטיק זאַנדערן און אים אַריינגעטראָגן אין קוזשניע אַריין. ער האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין קול פון זיך. מיר האָבן אַוועקגעזעצט לעבן אים לעהמאַנען.

דערווייל איז דאָס אַרטילערישע-פייער נאָך שטאַרקער געוואָרן און געדונערט אומאויפהערלעך אין טאָל.

בעת מיר זענען ווידער אַרויף אויף די טרעפּ, האָט זיך בלוצלינג געלאָזט הערן אַ שרעקלעכער טראַסק ערגעץ אויבן. פון דער טיר איז אַרויסגעפאַלן די יונגע פרוי און עפּעס געשריגן. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין דעם זייטיקן צימער. דער סופיט האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ צעפליקטער, די פענצטער־שויבן זענען געווען צעבראָכן און אויפן טיש זענען געלעגן שטיקלעך טינק און ווייסער שטויב.

ס'איז אָנגעקומען לאָם. — דרינען באַ די פרויען איז גאָרנישט געשען. אָבער די שטאַרבנדיקע זיצט אויפן בעט און הויל זיך דווקא אָנטון. זי זעט אויס שרעקלעך!

מיר האָבן געשוויגן. אינמיטן דעם קנאַלן פון די האַרמאַטן איז נישט מעגלעך געווען צו הערן, וואָס ס'האָט זיך געטון דערלעבן. כ'האָב געקוקט אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג, דאָרט האָבן זיך אויפגעהויבן וואָלקנס רויך, נישט צו דערקאָנען, צי דאָס איז געווען פון אונזערע גראַנאַטן, אָדער פון די ברענענדיקע הייזער.

וואָס האָט מען דאָ געדאַרפט טון? כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. מיר איז געווען שלעכט אויפן האַרץ.

נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך מיך צונויפגענומען. אַבי עפּעס צו טון? כ'בין אַראָפּגעלאָפן אונטן, צו די פאַרווונדעטע. לעהמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט געשנאָרכט אומרויק און בלאָס מיט אָפענעם מויל. זאַנדער האָט נאָך אַלץ געקוקט אומבאַוועגלעך אין דער לופט. ער שטאַרבט, האָב איך געטראַכט, און געוואָלט מתפּלל זיין. אָבער כ'האָב נישט געקאָנט.

— כ'בין אַרויס אויפן הויף און אָפּערגעקוקט פון דעם ראָג הויז. אויפן וועג זענען געלעגן טויטע קערפּערס. טאָמער זענען דאָרט פאַראַן פאַרווונדעטע? איצט וואָלט מען געקאָנט העלפן. אָבער כ'האָב שוין נישט געהאַט קיין מוט. ס'האָט מיך געפּייניקט די שיין פון דער זון און דאָס געטראַסקעריי פון די האַרמאַטן.

כ'האָב זיך ווידער אַרויפגעשלייכט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. לאָם איז געשטאַנען באַם פענצטער און באַאָ־

באַכט. ווי שרעקלעך לאַנג ס׳האָט זיך געצויגן דערדאָזיקער טאָג!

— דאָרט גייען עטלעכע — האָט פלוצלינג געזאָגט לאַם. — דער וויצע־פעלדפעבל ערנסט מיט מענטשן. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן. באמת! זיי זאָלן נאָר נישט אַוועק צו ווייט! ס׳איז אַזוי אויך אַ חידוש, אַז זיי האָבן נאָך נישט אַריינגעכאַפּט קיין קניידל.

כ׳בין אַרונטערגעלאָפן. ער איז טאַקע גראָד אַריין אין הויף מיט צוויי גרופּעס.

— ווו איז דאָס הויז, וואָס איז באַזעצט דורך די פראַנק־טירערס? *)

ער האָט ליב געהאַט צו גרייסן זיך אַביסל מיט זיין בילדונג.

כ׳האָב עס אים געוויזן.

— די פאַבריק נעמען מיר. פיר אונז!

כ׳האָב געבראַכט מיין ביקס און די האַק. — הער פעלדפעבל, ס׳וואָלט גוט געווען, אַז מיר זאָלן זיך צוערשט איינציקווייז לאָזן הינטערן נאָענטסטן הויז.

כ׳בין געלאָפן הינטערן וואָגן דורך אַ קליינעם געמיזגאָרטן צום ענגן דורכגאַנג, צווישן דעם הויז און דער פעלזוואַנט. דער הינטערשטער פליגל פון דער פאַבריק האָט זיך געפונען קוים אַ הונדערט טריט פאַר מיר. כהאָב געפּרוווט עפענען דאָס טויער. ס׳איז געווען פאַרשלאָסן. כ׳האָב אַוועקגעלייגט די ביקס און אַ זעץ געטון מיט דער האַק אין אייזערנעם שלאָס. בינו־לבינו איז אָנגעלאָפן ערנסט מיט די ערשטע מענטשן.

— פאָרזיכטיק! — האָב איך אויסגערופן; מחמת כ׳האָב זיך פאַרנומען צום צווייטן קלאַפּ, און אויפן פעלז־דורכגאַנג איז געווען ווייניק פלאַץ. כ׳האָב אַ זעץ געטון מיטביידע הענט, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעדונערט. די קלאַמקע איז אַראָפּגעפאַלן אויף די שטיינער.

כ׳האָב זיך געקליבן צו אַ נייעם קלאַפּ. אַ שאָס האָט שאַרף אויפגעקנאַלט. ער איז אוודאי דורכגעפלויגן האַרט הינטער מיר.

---

*) פראַנצ. רעזערוו־סאָלדאַטן פון 19־טן י. ה.

— פאַרפלוכטע הינט! — האָט ערנסט געשריגן.

נאָך אַ שאָס. עפּעס אַ געריש הינטער מיר. כ׳האָב אַ זעץ געטון, אָבער דאָסמאָל שוואַך.

— זעץ שוין אויס די טיר! — האָט עמעצער אויסגערופן.

כ׳האָב געזעצט פאַרביסן מיט דער האַק. ס׳האָט געקראַכט פון עטלעכע שאָסן. איין קויל איז מיר דורכגעפלויגן האַרט לעבן קאָפּ, אַז ס׳האָט מיר אַזש אַ הודזשע געטון אין די אויערן. כ׳האָב כסדר געזעצט, אָבער די טיר איז געווען זייער שטאַרק. די האַק האָט זיך אַריינגעקלאַמערט אין האָלץ. שאָסן!

— דאָרט אַהין! — האָט געשריגן ערנסט און געלאָפן צו דער פאַבריק.

כ׳האָב זיך צומאָל נישט אויסגעדרייט, נאָר געקלאַפּט ווייטער. דאָס ביקסן-געקנאַל איז געוואָרן נאָך העפטיקער. ס׳האָט זיך מיר אַפילו אויסגעוויזן, אַז שראַפּנעלן זענען אַריבערגעפלויגן.

— גיב אַהער! — האָט עמעצער געשריגן הינטער מיר.

כ׳האָב אים געגעבן די האַק. ס׳האָט גראָד נישט געשאָסן אַהער, ערנסטן האָט מען נישט געקאָנט זען.

— אויסזעצן! — האָט אויסגערופן דער אַנדערער. מיר האָבן זיך אָנגעלענט אָן דער טיר, וואָס האָט שוין געהאַט געפּלאַצט. זי האָט אַ קנאַק געטון און זיך אויפגעמאַכט. כ׳האָב געכאַפּט מיין ביקס און אַריינגעלאָפן אינעווייניק. אין פאָדערהויז איז געשטאַנען אַ מאַנסביל און אַ פרוי מיט אויפגעהויבענע הענט און פאַרשפּאַרט אַזויערנאָך דעם וועג.

— אַוועק! — האָב איך אויסגעשריגן — כ׳האָב אָפּגעשטויסן מיטן עלנבויגן דעם מאַנסביל און אַרויף אויף די טרעפּ. כ׳האָב אויפגעריסן אַ טיר. צוויי קינדער זענען געשטאַנען אין צימער און געציטערט. כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט צו זיי, כ׳בין צוגעלאָפן צום פענצטער. פאַר מיר איז געלעגן די פאַבריק, אָבער ס׳האָבן זי טיילווייז פאַרדעקט אויבסט-ביימער. לינקס הינטער אַ מיט גראָז באַוואַקסענעם וואַל זענען געלעגן עטלעכע און אַריבערגעשאָסן. דאָס האָט געמוזט זיין ערנסט.

— באַזעצן אַלע פענצטער! — האָב איך געשריגן. — די פּאַרפלוכטע ביימער!

כבין געלאָפן ווייטער. די קינדער האָבן זיך מיר אין שרעק געפלאָנטערט פאַר די פיס. כ'האָב אויפגעמאַכט די נאָענטסטע טיר.

— דאָ אַהער! — האָב איך געשריגן צו צווי, וואָס זענען גראָד אַרויפגעקומען. — וויבאַלד עמיצער וועט זיך ווייזן אין דער פאַבריק, תיכּף שיסן! — דידאָזיקע לייט זענען געווען אַלע אַזעלכע פאַמעלעכע! כ'בין אַראָפּגעלאָפן אונטן. דער מאַן און די פרוי זענען נאָך געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט און מיך אויסדרוקלאָז אָנגעקוקט. כ'האָב זיך אַוועקגעשטעלט בײַ די פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער פאַבריק. דאָ האָבן די ביימער נישט אַזוי שטאַרק געשטערט. אויבן פון די פענצטער האָט מען שוין געשאָסן.

אַקעגנאיבער באַם וואַל האָב איך געזען ערנסטן אויפשטיין און צוריקלויפן צו אונז. צווי זענען אים נאָך. אָבער ס'זענען נאָך דאָרט געבליבן ליגן עטלעכע; וויפל, האָב איך נישט גע-קאָנט דערקענען. כ'בין צוגעלאָפן צו דער טיר.

— פּאַרפלוכטע באַנדע! — האָט ערנסט געשריגן. — טאָמער פּאַקן מיר זיי, וועט זיי נישט זיין וואָס מקנא צו זיין! — ער האָט נישט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און געסאָ-פּעט פאַר כעס.

ס'זענען אָנגעלאָפן נאָך אים די צוויי זעלבער. איינער מיט אַ צע-שאָסענעם העלם. ער האָט אים אַראָפּגענומען. בלוט האָט געגומען פליסן, איבער דעם שטערן און רעכטס לענגאויס דער נאָז צום מויל צו: ער האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און עס אָנגעהויבן צו לעקן.

— טוט אַ קוק, וואָס דאָרט איז? — ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאָרנטצו. די האָר זענען געווען אין אַ געוויסן אָרט באַרקלעפּט מיט בלוט.

— אַן אויבערפלעכלעכער שאָס נאָר — האָט זיך אָפּגערופן ערנסט.

— ס'איז מיר אויך נישט אַזוי שלעכט פאָרגעקומען — האָט ער געלאַכט.

— הער פעלדפעבל, — האָט עמיצער געזאָגט — דאָ שיינט צו זיין אַ קעלער־איינגאַנג. — ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פיר־עקיק ברעט אין דער פאַדלאָגע. דער מאַן און די פרוי האָבן דאָרט אַהינגעקוקט און געהאַלטן נאָך אַלץ די הענט אינדערהויך.

כ'האָב אָנגענומען דעם קליינעם אייזערנעם רינג און אויפ־געהויבן די דעק. פון הינטן האָבן זיך געפונען שמאָלע טרעפ.

ערנסט האָט אויסגערופן עפּעס צו דעם מאַנסביל, וועלכ־ר איז אַוועקגעלאָפן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ ליכט. ע נ ט איז אַראָפּגעגאַנגען מיט נאָך איינעם.

ס'האָבן זיך מיר ווידער דערמאָנט די פאַרוואונדעטע, וואָס זענען איבערגעבליבן אויפן וואַל. כ'האָב געקריצט מיט די ציין פון הילפלאָזן כעס.

און אָט איז פונם לאָך אַרויסגעקראָכן עפּעס אַ ציוויליסט מיט אַ בייזן שמייכל. כ'האָב געהאַט עפּעס אַ שלעכט געפיל קעגן אים.

ער האָט זיך אומגעדרייט און אָנגעקוקט איראָניש דעם מאַנסביל און די פרוי מיט די אויפגעהויבענע הענט. אָך, הוי דאָס אַלץ איז מיאוס! אַלמאַי האָט זיי נאָך קיינער נישט געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַראָפּלאָזן די הענט?

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויפגעקומען ערנסט און צוגע־שטעקט אונטער דער נאָז פון דעם שמייכלענדיקן מאַן אַ פעקל פּאַרטראָנען. יענער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און געזאָגט עפּעס. ערנסט האָט גענומען עפּעס טענהען מיט דיביידע מאַנס־בילן. דער פּאַרשוין, וואָס איז אַרויס פון קעלער, האָט געענט־פערט מיט אַ שפּאָטישן געלעכטער. דער צווייטער האָט זיך גע־כאַפּט פאַרן שטערן און האַרץ און ווידער אויפגעהויבן די הענט. מיין פּחד איז געוואַקסן.

— דאָ איז גאָרנישט צו מאַכן! — האָט ערנסט מיטאַמאָל געזאָגט אויף דייטש — זיי וועלן לויטן מלחמה־רעכט דער־שאָסן ווערן!

פאַר דעם האָב איך טאַקע מורא געהאַט, אָבער כ'האָב זיך אין דער רגע באַהערשט.

— אַנטשולדיקט, הער פעלדפעבל! — האָב איך געזאָגט און זיך געמוזט ווונדערן אין האַרצן אויף מיין רויקייט. — דאָס איז, קאָן זיין, מלחמה־רעכט, אָבער צי וואָלט נישט בעסער געווען, צו זאָגן זיי: וויבאַלד איר וועט אַהערברענגען פון יענעם הויז די פאַרוואונדעטע, איז די זאַך דערליידיקט? — אויף דעם וועג ליגן אפשר נאָך אויך פאַרוואונדעטע! און די בעלגיער וועלן דאָך נישט שיסן אויף זייערע אייגענע לאַנדסלייט.

ערנסט האָט מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט. — כ'לעבן, זיי האָבן זיך דאָס כלל נישט פאַרדינט! — ער האָט זיך געווענדט צו די מענער, וועלכע האָבן געשפּאַנט אויסגעהערט אונזער שמועס, הגם זיי האָבן לפנים גאָרנישט דערפון פאַרשטאַנען.

ערנסט האָט זיי אַוועקגעשיקט און אַנידערגעשטעלט איינעם באַ דער טיר מיטן באַפעל, תיכף צו שיסן, וויבאלד זיי וועלן מאַכן דעם מינדסטן פרווו צו אַנטלויפן.

כ'בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי קאָן אַראָפּלאָזן די הענט. זי האָט אַזוי געטון. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז עמעצער אַריין אין צימער, און זי האָט אַ ציטעריקע ווידער אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך.

— די כלבים! — האָט געברומט דער שומר באַ דער טיר.— היט אייך! — האָט ער געברילט און אויפגעהויבן זיין ביקס. כ'האָב אַרויסגעקוקט הינטער אים אויפן הויף. ער האָט געשאָלטן: — די באַנדע! שלעפּן די פאַרוואונדעטע איבער דער ערד! אָבער יעצט היטן זיי זיך שוין די ביינער.

דאָס הויז איז געווען צו קליין פאַר אַזויפיל מענטשן. אינדרויסן האָבן געוואָיעט און געדונערט די האַרמאַטן.

די בעלגיער האָבן אַריינגעטראָגן די פאַרוואונדעטע אין שטוב אַריין רעכטס און זענען ווידער געגאַנגען נאָך די ווייטערדיקע.

כ'בין אַרויף אויף די טרעפּ, כדי צו וואַרפן אַ בליק אויפן צווייטן מאַאַס־ברעג. דער טייך איז געלעגן שטיל אין זונענשיין.

ס׳האָט שוין געמוזט זיין נאָכמיטאָג. כ׳האָב אַרויסגענומען דעם זייגער. ער איז געשטאַנען. יאָ, כ׳בין נישט געשלאָפן די לעצטע נאַכט און האָב אים בכן פאַרגעסן אָנצוציען.

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך ווידער אַראָפּגעגאַנגען. דער מאַנסביל, וועלכן מיר האָבן געפונען אין קעלער, האָט געהאַט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן אָרעם און שטיל געפלוכט. איצט האָט ער שוין נישט געלאַכט, האָט אויסגעזען הארב און ערנסט. דורך אַן אָפענע טיר האָב איך געזען ליגן די טויטע קערפּערס. דאָרט איז געלעגן צאַכע מיט אַ וואַקסגעלן פנים און הענט ווי פון האָלץ.

— הער פעלדפעבל — האָב איך געפרעגט. — צי קאָן איך זיך שוין אומקערן?

— יאָ. — האָט ער געענטפערט. — דאָ האָט איר אַ שנאַפּס.

כ׳האָב אַ זופּ געטון פון זיין מאַניערקע. ס׳האָט מיך געחידושט, אלמאי ער איז געווען אַזוי לײַטזעליק; אין גאַרניזאָן פלעגט ער תמיד בלאָזן פון זיך.

באַ מיינע לייט האָט זיך גאָרנישט געענדערט. כ׳בין אַרויף אויבן. צישע און די אַנדערע האָבן מיך פריינטלעך באַגריסט. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף דער שטול. גוט, וואָס זיי האָבן פון דעם אלעם גאָרנישט באַמערקט!

אַלע אַרום זענען געווען באַשעפטיקט, אָבער כ׳האָב נישט געוווסט, וואָס זיי טון. דער קאָפּ האָט מיר שיר געפּלאַצט. ס׳האָט מיר געזשומעט אין די אויערן.

כ׳ווייס נישט, ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געזעסן. עמעצער האָט מיך אָנגענומען באַ דער האַנט. פערל האָט מיך צוגעפירט צום טיש. זיי האָבן געהאַט אָנגעקאָכט מעל־קליסקעס מיט שמאַלץ און צודערלאַנגט ברויט מיט קאַווע. כ׳האָב געגעסן שטילשווייגנדיק, אַריבערגעבויגן אויף פאַרנטצו, כדי זיי זאָלן מיר נישט קאָנען קוקן אין פנים אַריין. כ׳האָב באַמערקט, אַז לאַם האָט מיך אָפּט אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט מיר געוואָלט זאָגן עפּעס דערמונטערנדיקס. כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גע-

האָלט שאַרף אָפּוועגדן. אָבער בעת מיינע אויגן האָבן זיך צו־גויפגעטראָפן מיט זיינע, אַזעלכע פריינטלעכע און מיטפילנדיקע, האָט זיך מיט מיר געגומען דרייען די גאַנצע שטוב. כ׳בין אַראָפּ־געזונקען מיטן קאָפּ אויפן טיש און אָנגעהויבן וויינען. פערל האָט מיך געגלעט איבער די אַקסלען. ווען זיי וואָלטן זיך נאָר אויפגעהערט ווענן מיר צו זאָרגן!

האַלב באַוווסטלאָז האָב איך באַמערקט, אַז פערל איז אַריינגעקומען אין שטוב. ער האָט נעמוזט פריער ערגעץ אַרויס־גיין. ער האָט געברענגט זיין רוקזאַק. כ׳בין נישט געווען אימ־שטאַנד אַכטונג צו געבן, וואָס ער טוט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיך אָנגענומען באַם אָרעם און אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, דעם טאָרניסטער אונטערן קאָפּ, און מיך צוגעדעקט מיט זיין אייגענעם מאַנטל. מיינע גע־דאַנקען האָבן מיך פאַרטראָגן ערגעץ ווייט: צי שיקט זיך דען אַזוי — בעת אַ שלאַכט? אָבער ס׳איז שוין געווען צו ווייט אַוועק.

— —

פערל האָט מיך אויפגעוועקט. ער האָט געקניט לעבן מיר און זיך באַמיט מיר אַריינצוגיסן אין מויל אַ שלוק קאַווע.

— ווי דו ביסט פאַררייסט! — האָב איך אויסגערופן. ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— כ׳האָב געלאָשן פייער דאָרט אויבן. — ער האָט גע־טייטלט מיטן פינגער אויפן סופיט.

כ׳האָב מיך אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש. כ׳האָב געהאַט עפּעס אַ מאָדנע געפיל. תיכּף נאָכן אויפוואַכן האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם אַלעם, וואָס איז געשען, און דאָך איז עס געווען אַנדערש. די געשעענישן זענען געווען ווייט אָפּגערוקט אין דער פאַרגאַנגענהייט. כ׳האָב מיך געשפּירט וווּנדערבאַר ריין און לייכט, ווי אַ קינד.

אין דרויסן איז אַלץ שטיל געוואָרן. נאָר אין הויז האָב איך געהערט רעדן און אַרומלויפן.

באַלד דערנאָך איז געקומען דער באַפעל זיך צו זאַמלען. ס׳האָט שוין געטאָגט. דער וועג איז געווען פול פון מאַרשירנ־

שירנדיקע מענטשן און וועגנס. דאָ און דאָרט האָבן געברענט הייזער, דערהײפּט אויפן אנדערן ברעג. פאר די גלירויטע פענצ־טערהײלן האָבן געצויגן קאָלאָנעס אויף רעכטס און דערשינען אומנאטירלעך גרויס. אויף די קעגנאיבערדיקע הויכענישן זענען ארויפגעשטיגן ברייטע שיסער־ליניעס. מיר האָבן געזיגט.

די קאָמפּאַניע האט זיך געזאמלט אין אַ סאָד און געזאָלט דאָרט וואַרטן, ביז זי וועט אַריבערגעשיפט ווערן. דערלעבן, אויפן וועג, איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ שטול דער גענעראַל האַהנע, אונזער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, און אָנשפּאַרנדיק די גאָמבע אָן דעם פּאָרענץ, האט ער געקוקט אַ פאַרכמורעטער אין די פלאַמען פון אַ ברענענדיק הויז.

כ׳האב זיך אַוועקגעזעצט לעבן לאַמען נאָענט פון וואַסער, אויף אַ שמאָלער פעלדסטעזשקע. ס׳איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקלער. אַקעגנאיבער איז אַ צעשמאָלצענע דאַך־רינע אַראָפּגע־פאַלן אויפן וועג. אַ פייכטער ווינט האט פונאַנדערגעטריבן פונקען איבער דער שטיל פליסנדיקער מאַאַס, וואָס האט אויסגעזען מאָדנע גרוי, ווי אַ שלאַנג. ווייטערצו, דאָרט ווו זי האט זיך פאַרבויגן אויף לינקס, האבן די פלאַמען זי פאַרוואַנדלט אין אַ פייערדיקן טייך.

— כ׳האב געמיינט — האָט געזאָגט לאַם — אַז די מלחמה מאַכט דעם מענטש הארט. צי ביסטו אויך אַזוי משונהדיק ווייך? — ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַביסל וואַקלדיק, און געגאַנגען שלאָפן. צי האָט ער מיר בכיוון געזאָגט „דו״?

— צי גייסטו נישט אויך שלאָפן? — האָט געפרעגט פערל. — כ׳האָב מיטגעברענגט פון קיך דײַן טאָרניסטער. מען האט אים אייך נאָכגעפּירט, ווען איר זענט געווען אויף פּאַטרול.

מיר האָבן זיך צוגעקריגן טאַפּנדיק צו אונזער אָרט. דער לייטענאַנט איז שוין געשלאָפן לעבן אונזער נייעם אוטאָראַפּיציר, פפערל. כ׳האָב מיך אַוועקגעלייגט לעבן צישען און פערל און איינגעשלאָפן, הגם ס׳איז געווען גאַנץ פייכט און קיל.

קיין פראַנקרייך

אינדערפרי זענען מיר געשטאַנען אַרום דער פעלדקיך און געטרונקען קאַווע. כ׳האָב געוויזן עקאָלדן דאָס הויז איבער דעם שטיינברוך.

— און דאָס האָט אויך נעכטן אָפּגעברענט? מיר האָבן עס דורכגעזוכט פאַריקע נאַכט. ס׳איז געווען דערין עפּעס אומהיימלעך.

— איר האָט מסתּם דאָרט נישט איבערגענעכטיקט! — האָט אויסגערופן עקאָלד.

— ניין, אַלמאַי פרעגסטו דען?

— נו, טאָ זענט איר געווען אין אַ גאַנץ נישקשהדיקער מערדער-הייל! מ׳האָט דאָרט געפונען די אויסריכטונג פון צוויי הוזאַרן. די פערד האָבן זיי אַרויסגעטריבן אויף דער לאָנקע, אָבער מיר האָבן זיי לייכט דערקענט לויט די פריש אויסגעברענטע חתימות.

— און וואָס האָט איר געטון מיט דידאָזיקע לייט?

— נו, צעשאָסן, און דעם הויף אונטערגעצונדן.

אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט די זאַך אין דער נאַכט. אָבער אַז ס׳זאָל האָבן טאַקע פונקט אַזוי פאָרגעקומען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו פּשוט. כ׳האָב בכן נישט געטרויט איינגאַנצן עקאָלדן, אַז דאָס איז טאַקע געווען גראָד דערדאָזיקער הויף.

אויפן אַנדערן ברעג אַריבער האָבן אונז אַריבערגעשיפט פּיאָנערן אויף טראַטוועס, וואָס זענען באַשטאַנען פון צוויי פּאָנטאָנען. זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, און האָבן פונדעסטוועגן נאָך גערודערט מיט אומגעוויינלעכער קראַפט.

אויפן אַנדערן ברעג זענען געשטאַנען געפאַנגענע פראַנצויזן אין זייערע בלאָלעכע אוניפאָרמען און געקוקט טעמפּ פאַר זיך.

מיר האָבן זיך איינגעשטעלט און געמאַשירט פאָרויס אַ שטיקל וועגס לענגאויס דעם מאַאַס-ברעג. באַם באַן-וואַל און אין די גערטנער זענען געווען אויפגעשטעלט באַריקאַדן, פאַרזען מיט שיסלעכער. פון אונזער ברעג האָט מען זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט דערזען.

די זון האָט אונז געבריענט אויפן רוקן. אויפן וועג זענען געלעגן פראַנצויזישע טאָרניסטערס, קעפיס און קאַמאַשן.

— דאָ האָט איינער גאָר זיין בלויזע אַוועקגעשמיסן! — האָט געזאָגט ציִשע:

— און דאָרט ליגט אַ ביקס — האָט געזאָגט דער אונטער־אָפיציר פּפערל. — זיי האָבן נאָר מסתּם געטראַכט, ווי צו אַנט־לויפן אַמשנעלסטן. אַזאַ חיל וועט דאָך שוין אין דער נאָענטס־טער צייט כּלל נישט זיין קאַמפּספּעיק.

וואָס העכער מיר זענען געקומען, אַלץ מער איז געלעגן אַרום: מאַנטלען, הויזן, שיך, ביקסן, באַגנעטן און בייכיקעס, בלאָע פעלדפלאַשן. דאָס איז עס געווען אַ נצחון!

— דאָ ליגן פּאַטראָנען־פּעקלעך — האָט געזאָגט דער לייטע־נאַנט — הויבט זיי אויף און וואַרפט זיי אַריין אין נאָענטסטן טייך! אין קעגנפאַל וועלן מיט זיי שיסן די פאַרשאָלטענע בעל־גיצר, ווען זיי וועלן אָנטרעפן עמעצן אַליין.

— און צי וואָלט מען נישט געדאַרפט פאַרניכטן אויך די ביקסן, הער לייטענאַנט? — האָט געזאָגט ערנסט.

מיר האָבן געפּרוּווט צו צעקלאַפּן די קאָלבעס פון די ביקסן. אָבער זיי זענען געווען אויסגעפּערטיקט פון צו גוט האָלץ. האָבן מיר געפּרוּווט אַראָפּצודרייסן די צילערס, אָבער אויך די זענען געזעסן פאַרשאָלטן פעסט.

רעכטס, אין אַ לאָנקע־טאָל, זענען געשטאַנען פיר פאַר־לאָזטע האַרמאַטן. אויפן וועג איז געשטאַנען אַ מוניציע־וואָגן, און פאַר אים זענען געלעגן דריי פערד אין פאַרפלאָנטערטן געשפּאַן.

ס׳איז אונז געוואָרן וואָס אַמאָל הייסער פון כּסדרדיקן שטייגן און קוקן. כ׳האָב געזען נאָך אַ סך זאַכן, וואָס וואָלטן מיר געדאַרפט הנאה טון — אַוועקגעוואָרפענע אַרטילעריע־מוניציע, גאַנצע הויפנס ביקסן, קאָצן. אָבער כ׳האָב זיך שוין נישט גע־קאָנט פרייען. פון הינטן זענען אָנגעקראָכן די נעכטיקע איינ־דרוקן. צי בין איך נעכטן געווען אַזוי, ווי כ׳האָב מיר פאָרגע־שטעלט מיין באַנעמען אין דער ערשטער שלאַכט? צי האָב איך

נישט געטרוימט וועגן העלדנטאַטן, ווי איך טראָג אַוועק פון אונטערן פייער אַ פאַרוואונדעטן אָפיציר, אָדער ווי כ׳באַזיג אַ נעגער אין אַ מוראדיקן קאַמף? — צי איז דאָס געווען נויטיק, אַז כ׳זאָל דערלעבן אַזאַ שרעקלעכע אַנטוישונג? צווערשט דאָס אַנטלויפן, ווען אַפילו הינטער דעם הויז, אָבער דאָס אַלס ערשטע האַנדלונג אין פעלד! און דערנאָך זיך נאָך צו מאַכן אַזוי לע־כערלעך, שיסנדיק צו די ווענט פון שטיינברוך! ווי אַזוי איז דאָס גאָר מעגלעך געווען? ווי אַזוי האָבן עס די פיינט געקאָנט זיצן הינטער די ווענט פונם שטיינברוך!

כ׳האָב שוין נישט געקאָנט וועגן דעם טראַכטן. כ׳האָב געוואָלט דאָס אַלץ פאַרגעסן. אָבער דאָס האָט זיך כסדר אומ־געקערט פון דער טיפעניש, און וואָס אַמאָל שטאַרקער.

מיר האָבן געמאַרשירט דורך אַ כמעט שוין פאַרברענטע דאָרף. אין די הייזער האָבן נאָך געטליעט די באַלקנס. סאַראַ גע־שטאַנק! כ׳האָב אַמאָל אַלס קינד איבערגעלעבט אַ שרפה אין אַ שכנותדיק דאָרף. דאָרט זענען פאַרברענט געוואָרן בהמות. אָבער דאָ איז געווען עפּעס אַנדערש. דאָס זענען געווען מענטשן.

— דאָרט אינעווייניק ליגט איינער! — האָט געזאָגט צישע.

בעת כ׳האָב אַהינגעקוקט, זענען מיר שוין געהאַט פאַרביי.

אינאָוונט האָט מיטאַמאָל האַרט פאַר אונז אַ קנאַל־געטון אַ האַרמאַט. די מאַרש־קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער ליי־טענאַנט פאַביאַן, וואָס איז גראָד געגאַנגען צופוס, איז אַוועק־געלאָפן פאָרויס. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אומגע־קערט.

— די פאַרפלוכטע בעלגיער האָבן אַרויסגעשאָסן פון אַ הויז אויף אונזער שפּיץ. דער לייטענאַנט און דריי מאַן זענען דער־הרגעט. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אַזוי גוט אין דעם הויז, אַז מ׳האָט זיי געמוזט אונטערצינדן מיט האַרמאַטן־שאָסן.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר מאַרשירט ווייטער. ווידער ברע־נענדיקע דערפער, פון וועלכע די בעלגיער האָבן אַרויסגעשאָסן. ווידער טליענדיקע באַלקנס, איינפאַלנדיקע דעכער און גערוך פון פאַרברענטע מענטשן. דאָסדאָזיקע לאַנד האָט מיך ממש געעקלט.

כ'בין שוין מער נישט אין כעס געווען אויף די בעלגיער, נאָר אַן עקל און פּחד האָט מיך אַרומגעכאַפּט פאַר זיי און פאַר דער מלחמה, דערדאָזיקער שרעקלעכער מלחמה מיט איר פעלקערהאַס. ווי־זשע וועט ערשט זיין אין פראַנקרייך בײַ אונזערע אַלטע שונאים?

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער פראַנצויזישער גרע־ניץ. אַ ברענענדיק דאָרף. פלוצלינג איז לעבן מיר איינגעפאַלן אַ דאַך. פונקען האָבן זיך בײַ מיינע פיס הויך צעשפּריצט. ס'איז געווען אַזוי הייס, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו לויפן.

דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַ קליין וועלדל. פאַביאַן האָט אַ קוק־געטון אויף דער מאַפּע: — אויפן אַנדערן וואַלדראַנד איז די פראַנצויזישע גרעניץ.

מיר זענען אַרויס פון וואַלד. פאַר אונז איז אין זונענשיין געלעגן אַ דאָרף. מיר האָבן אַריינמאַרשירט. בײַ די טירן זענען געשטאַנען מענטשן מיט גאַנץ פריינטלעכע פּנימער. אַזוי בכן איז פראַנקרייך?

לע מאַן

רעכטס איז געשטאַנען אַ סאָסנע־וועלדל, פּירעקיק און טרוקן. ווייטער נאָר ברוינער פּליין, פאַרגאָסן מיט זונענשיין, און פאַר אונז די מאַרש־קאָלאָנע אין שטויב. אַזוי איז געווען זינט פרימאָרגן.

טיילמאָל האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן. דערנאָך זענען מיר בעגאַנגען ווייטער.

פונדערווייטנס האָבן געברומט האַרמאַטן.

דער שוייס איז נישט גערונען, ער האָט נאָר פייכט גע־מאַכט דעם שטויב אויפן פּנים. די ביקס האָט געדריקט דעם אַקסל. די הענט זענען געווען דיק און גלאַטיק.

אַ הויז איז געשטאַנען בײַם וועג, טיר און פענצטער אָפן. אינעווייניק אַ צעוואָרפן בעט. אויף דעם טיש כלים און גלעזער. פאַר דער טיר צעבראָכענע פלעשער און שטולן. די איינוווינער זענען אַנטלאָפן פאַר אונז.

מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ וואַלד. דער וועג איז געלאָפן גלייך ווי אַ שנור. פון לינקס האָט אָנגעצויגן איילעק די הודזשנדיקע אַרטילעריע. רעכטס איז געשטאַנען אַ מוניציע־קאָלאָנע. דערצווישן שלעפן זיך מיר, מיט הייסע ווייכע פיס.

די אַרטילעריע איז שטיין געבליבן, און ס'האָט גערירט די מוניציע־קאָלאָנע. פון פאָרנט איז אָנגעקומען צו רייטן אַ מעלד־אָפיציר און געוואָלט אַדורך. פאַר אונז איז יעצט געווען אַרטי־לעריע־פייער. מיר האָבן מאַרשירט.

די זון איז פאַרשוווּנדן הינטער די ביימער. דער וואַלד האָט געהאַט אויף זיך אַ שוואַרצן, אומרעגלמעסיקן מאַנטל. ווי־דער האָט די אַרטילעריע געצאַיילט פאָרויס און פאַרטויבט די אויערן מיטן אייזערנעם געקלאַפּעריי. אין דעם בין־השמשותדיקן ליכט האָבן זיך די פערד פאַרוואַנדלט אין באַוועגלעכע ערד־שטיקער.

פלוצלינג האָט מען זיך פאַר אונז אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך צונויפגעשטויסן און געבליבן שטיין. מ'האָט זיך נישט גע־קאָנט אַוועקזעצן אויף דר'ערד, ווייל ס'איז געווען אַזוי ענג אין דער פינצטער צווישן די פערד און וועגן.

— האָסטו נאָך עפּעס צו טרינקען? — האָט געפרעגט פערל מיט אַ פאַרמאַטערטער שטים.

כ'האָב אָפּגעשפּיליעט מיין מאַניערקע און זי אים דער־לאַנגט. דערנאָך האָב איך אויך געטרונקען. דאָס וואַסער איז געווען געדיכט און וואַרעם.

מיר זענען געשטאַנען. דער און יענער האָט זיך געלייגט אָדער געזעצט. און דערנאָך איז מען געגאַנגען ווייטער.

פלוצלינג בין איך נאָכאַמאָל אַרויסגעפאַלן אויף מיין פאָ־דערגייער. מ'האָט זיך שוין ווידער אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד, דערנאָך אויפגעשטאַנען און געגאַנגען ווייטער.

אַ קילע לופט האָט אַרומגעווייעט מיין פּנים. ס'האָט אַ שימער־געטון אַ רויט ליכט, לעבן וועלכן ס'האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַן אומדורכדרינגלעכע פינצטערניש. די וואַלד־מויערן

האָבן זיך אָפּגערוקט. מיר האָבן זיך געשטרויכלט אָן שינעס פון אָן אייזנבאַן. אויף לינקס אַ הויז. הינטער אים דרייען מיר זיך אַוועק אויף דער לאָנקע.

— די הערן פּלוטאָנפירער! — האָט דער לייטענאַנט שטיל אויסגערופן.

— מיינע הערן, מיר וועלן איבערנעכטיקן האַרט לעבן די פּראַנצויזן. פאַר אונז שטייען נאָר נאָך אַ פּאָר פּאָסטנס. מיר מוזן שלאָפן מיטן געווער אין אָרעם, קיין ליכט און קיין ליאַרם.

דערווייל איז אָנגעקומען די פעלדקיך. אויף איר האָט זיך הינטער אַ ברעט געלויכטן אַ נאַפט-לאָמפּ.

מיר האָבן באַקומען צו באַוואַכן אַ געפאַנגענעם. ער איז געזעסן אויף אַ קיילעכיק בינטל שטרוי און געקוקט מיט חידוש אויף אונזער פעלדקיך. דער מאַן איז געווען איבער דרייסיק יאָר אַלט, און יעדער פון דער קאָמפּאַניע האָט שוין געוווסט, אַז ער האָט געהאַט דריי קינדער, האָט געשטאַמט פון הינטער פּאַריז און אַז פאַר די פּראַנצויזן איז דאָס שרעקלעך, וואָס זיי מוזן כסדר אַנטלויפן. — כ'האָב געטראַכט אין האַרצן: אַ ריכטיקע שטאָט-פּרי, ווייסט אַלץ, אָבער פאַרשטייט גאָרנישט. ס'האָט מיך פּלוצלינג אַרומגענומען אַזאַ שנאה קעגן די אַלע באַריידעוודיקע לייט, אויך קעגן אונזערע, וואָס האָבן אים באַדינט, כדי צו קאָנען מיט אים פּלוידערן. אים איז דאָס געפעלן, זיצנדיק אויף זיין בינטל שטרוי.

ס'איז צוגעקומען צו מיר דער לייטענאַנט: — איר מוזט גיין אויף אַ פּאַטרול, כדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיטן שכנותדיקן פּולק פון רעכטס. כ'וואָלט וועלן וויסן, ווו עס זענען אונזערע נאָענטסטע פּאָסטנס.

כ'בין געגאַנגען מיט צישען און לאַמען. ס'איז געווען פייכט און נעפּלדיק. רעכטס איז געווען דער הויכער וואַלד, לינקס צו די פּראַנצויזן איז דער באָדן אַרונטערגעפאַלן. פון אַ נאָענטן מרחק האָט זיך דערטראָגן אַ ביקסן-שאָס. דאָס האָט גע-מוזט זיין פון איינעם פון אונזערע פּאָסטנס.

אין אַ געוויסן מהלך פון אונז האָבן מיר געזען באַלויכ-

סענע פענצטער. פון דאָרטן האָט אַרויסגעשאָלט אַ ליאַרם. דער־
גענטערנדיק זיך, האָבן מיר דערזען פאַר דעם הויז אַ טיש מיט
שטולן. מ׳האָט געשפּילט אין קאָרטן. פון אינעווייניק האָבן
אַרויסגעשאַלט הויכע שטימען.

— ווו געפינט זיך די נאָענטסטע פעלדוואַך ? — האָב איך
געפרעגט.

— דאָ אין הויז ! — האָט אָפּגעענטפערט איינער און געשפּילט
ווייטער.

כ׳בין אַריינגעגאַנגען און גלייך צו צום קאַפּיטאַן : — אַלס
פאַרבינדונגס־פּאַטרול. כ׳דאַרף געוואויר ווערן, ווו עס שטייען
די נאָענטסטע פּאָסטנס.

— דאָס ווייס איך נישט. גייט אַריין אין דעם דערבייאיקן
צימער !

אין שכנותדיקן צימער זענען געזעסן און געשטאַנען עט־
לעכע מענטשן, צווישן זיי אַן אונטעראָפיציר, און געטרונקען
רויטווייַן.

— אַלס פאַרבינדונגס־פּאַטרול. כ׳דאַרף זיך דערוויסן, ווו
עס שטייען אונזערע נאָענטסטע פּאָסטנס.

— אונזערע פּאָסטנס שטייען אַ פירהונדערט מעטער פאָרויס,
וואַרשיינלעך אין שכנות מיט אייערע. איר קאָנט איבריקנס אַליין
נאָכזען.

ער האָט דערציילט ווייטער. די מענטשן האָבן געלאַכט.
כ׳בין אַרויסגעגאַנגען.

— מיר׳ן גיין צו די פּאָסטנס אַהין.

ס׳קאָן זיין, אַז מיט צען מינוט פריער וואָלט איך מיך
נישט געווען אַזוי שנעל אַנטשלאָסן. ס׳איז מיר געפעלן געוואָרן,
ווי פריש די דרום־דייטשן האָבן דאָ אויפגעפאַסט די מלחמה.
אלמאַי זענען מיר נאָר געווען אַזוי שרעקלעך האַרב ? — פּסט ! —
האָט צישע געמאַכט און אָנגעוויזן פאָרנט לינקס. אַן אויפבליץ
און אַ שאָס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אין טאָל.

מיר האָבן זיך צוגעשלייכט נעענטער. דאָרט זענען גע־
שטאַנען צוויי.

— צו װעמען שיסט איר דאָס ?
— דאָרט פאָרנט האָט זיך עמיצער באַװעגט.

כ'האָב זיך באַמיט עפּעס צו דערקענען. אונטן אין טאָל האָט געבר'ענט אַ קלײן פײער'ל.

— צי איז דאָס אַ פראַנצױזישע פעלדװאַך ?

— יאָ, זײ האָבן געמוזט זײן זײער מיד, װיבאַלד זײ זענען נישט אַװעק װײטער. און זײ מוזן דאָך מאַכן פײער, װײל זײ האָבן נישט קײן פעלדקיכן.

איצט האָב איך דערזען דורכן נעפּל, װײטער, אויף לינקס, אַ ברײטערן שײן, אָבער אַ װײניקער באַשטימטן... ס'האָט אַ הודזשע־געטון איבער אונז אַ קויל.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אויפן װעג. ס'האָט זיך דער־נענטערט צו אונז אַ גרויסע און טונקעלע זאַך, װאָס האָט גע־ברילט אויסגעצויגן.

— אפשר װאָלטן מיר אויסגעמאָלקן די קי ? — האָט געפּליס־טערט לאַם.

— אוממעגלעך. צי האָט איר נישט געהערט דאָס ברילן ? זי האָט קראַנקע אײטערס, װײל מ'האָט זי נישט געמאָלקן. דערנענטער דיך נישט צו די אײטערס, װײל זי װעט אַרײנפאַלן אין רציחה.

— צי לאָזט זיך שוין דאָ גאָרנישט מאַכן ?

— נײן ! זי װעט פּגרן מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. — דאָס גאַנצע פי גײט דאָ אַזוי צו גרונט, װײל דער עולם איז אַנטלאָפן.

כ'האָב געמעלדעט דעם לײטענאַנט פּאַביאַן.

ס'איז געװען שטאָקפינצטער, נעפּלדיק און ס'האָט גערעגנט. די קאָמפּאַניע האָט געשנאָרכט. ס'האָט געשטונקען. כ'האָב גע־טאַפּט פּאָרזיכטיק. דער דאָ האָט געמוזט זײן פּערל. דערלעבן האָב איך דערפילט אַ לײדיק אָרט, איבערדעקט מיט אַ קאָץ, אויף װעלכן ס'האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ קאַלוזשע. װאַרשײנלעך האָט אים מיר פּערל אויסגעשפּרײט, כדי דאָס שטרוי זאָל נישט נאַס װערן. כ'האָב מיך אַרײנגעשטופּט צװישן די צװײ. אונטערן קאָץ איז געלעגן אויך מײן מאַנטל. כ'האָב אים אָנגעטון און זיך אײנגעװיקלט אין קאָץ. די ביקס האָב איך אַװעקגעלײגט לעבן מײן

רעכטן אָרעם. אויף וואָס זענען מיר דאָס געלעגן, וואָס ס׳האָט אַזוי געשטונקען?

טראָפּנס רעגן האָבן מיר אַראָפּגעקאַפּעט אויף די וויעס. אַ קו האָט געריטשעט אין דער נאָענט. פון פאָרנט אַ שאָס. דאָס קאָפּען אויפן פנים האָט מיר געשטערט. מיר האָבן ביז אַהער געהאַט גליק, וואָס ס׳האָט נישט גערעגנט.

כ׳האָב מיך אומגעדרייט אויף דער זייט. אָבער דער רעגן האָט מיר געקאַפּעט אין אויער אַריין, כ׳האָב עס פאַר־דעקט מיטן היטל. פע, ווי דאָס האָט געשטונקען!

— — — — — — — — — — — —

ס׳האָט מיך אויפגעוועקט אַ ברילן. די קו האָט געמוזט טרעטן כמעט איבער אונז. די אָרעמע חיה האָט געליטן און אויפגעזוכט די מענטשן.

עטלעכע שאָסן האָבן געקנאַלט קורץ נאָכאַנאַנד.

— — — — — — — — — — — —

אַ גראָער פרימאָרגן מיט געדיכטן נעפּל. כ׳האָב מיך באַוועגט. וואַסער איז מיר אַראָפּגערונען אויף דער האַנט. ס׳איז געווען גאַנץ שטיל, און כ׳בין ווידער איינגעשלאָפן.

— — — — — — — — — — — —

כ׳האָב ווידער אויפגעוואַכט. צישע איז געשטאַנען איבער מיר אין נעפּל און זיך עפּעס געפּאָרעט ביי זיין קאָץ. כ׳האָב מיך אויפגעהויבן. אין די פאַלדן פון מיין קאָץ האָט זיך צונויפ־געזאַמלט וואַסער. מען האָט נאָר געקאָנט זען אפשר אַכט טריט ווייט. מיינע זאַכן זענען געווען שטייף און קאַלט פאַר נאַסקייט. דאָרט איז געלעגן אַ טויטע קו, מיט שטייף אויסגעשטרעקטע פיס און אָנגעשוואָלענע אייטערס.

— מיר זענען געשלאָפן אין די צואת־לעכער פון די פּראַנצויזן — האָט צישע געזאָגט ניכטערן.

מיר האָבן געברענגט פון די פעלד־קיכן קאַווע. דער פּראַנצויז איז נאָך געזעסן אויף זיין בינטל. מען האָט נישט קיין חשק געהאַט צו זעצן זיך און געשפּאַנט אַהין און אַהער.

צישע האָט געפונען פאַר אונז אַן אָרט אין דעם הויז.

כ'האָב מיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף דער פּאָדלאָגע און בין איינגעשלאָפן.

— — — — — — — — — — — —

ס'האָט אַ קראַך געטאָן. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט. אין שטוב האָט געהערשט אַ מהומה.

— צום געווער! — האָט מען געשריגן אינדרויסן.

צוויי שראַפּנעלן האָבן אויפגעריסן איבערן שכנותדיקן הויז. די פערד האָבן זיך געוואָלט אומקערן און פאַרפּלאָנטערט דעם געשפּאַן. מיר זענען געלאָפן נאָכן געווער און געפּעק.

— פּלוטאָנגווייז טיראַלעריע! — האָט געשריגן דער ליי־טענאַנט.

לאַם האָט אויסגעזען בלאַס און עלנט.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן אויף רעכטס איבער אַ לאָנקע, וואָס האָט אויסגעזען גאַנץ העלגרין. אויבן אין די וואָלקנס האָט געשימערט אַ גלאַנץ. אונטן האָט נאָך געהאָנגען אַ שיטערער נעפּל.

שרופּפּ! שרופּפּ! — האָט גערוישט איבער אונז.

— אַנידערלייגן זיך! — האָט געשריגן דער וויצעפעלד־פעבל ערנסט.

מיר האָבן זיך געוואָרפן אין פייכטן גראָז. רעכטס איז געשטאַנען אַ בוים, אונטער וועלכן ס'האָט זיך באַהאַלטן דער אונטעראָפיציר פּפערל, דער פירער פון אונזער גרופּע.

פּטט! פּטט! האָבן געשפּיגן איבער אונז שראַפּנעלן.

לינקס פאַר אונז אַ קליינער רויך־וואָלקן, אפשר צען מעטער איבער דער לאָנקע. דער שראַפּנעל האָט אויפגעריסן אַ וווּנד און געשפּיגן מיט בליי אין די לאָנקע.

האַרט פאַר אונז דער צווייטער!

עפּעס שאָרכט איבערן קאָפּ. מיין בויך און אויבערשענקל זענען שוין נאַז פון גראָז.

רעכטס פאָרנט, ווידער אַ וואָלקנדל! עס בילדעט אַ רויך־רינג. די לאָנקע איז לייכט געוועלבט, מ'קאָן בכן נישט זען דאָס אָרט, ווו די פראַנצויזן מוזן ליגן.

נאָך ווייטער, רעכטס, דער פערטער שראַפּנעל!

לינקס ווידער איינער, אָבער נעענטער! ווען זיי זאָלן אַזוי ווייטער שיסן, פון לינקס אויף רעכטס!

אָט! איך שפּיר אַ לייכטן קלאַפּ אין דער ברוסט. דער דריטער קנאָפּ פון מיין בלוזע איז לייכט צעבויגן. איך זוך אין גראָז.

רעכטס דער נאָענטסטער שאָס! און אָט איז די קויל. זי איז נאָך הייס.

דער פערטער שראַפּנעל גאָר רעכטס. כ'לייג אַריין די קויל אין דער רעכטער קעשענע פון מיין בלוזע. — וואָס ווייטער?

איצט לינקס! דאָס איז געווען גאַנץ נאָענט. עמעצער קרעכצט. באַלד מוז עס זיין דאָ.

בראַמם! איך שפּיר אַ הייסן הויך; מיר האָט עס גאָרנישט געטון. איך קוק זיך אום לינקס. אַלבערט קוקט מיך אָן: — כ'בין פאַרוווּנדעט אין לינקן פוס. צי זאָל איך זיך אומקערן?

פון רעכטס אַ שראַפּנעל!

— וואַרט אַ ווייל, ביז מיר וועלן וויסן, וווהין ס'וועלן גיין די נאָענטסטע שראַפּנעלן.

דער פערטער שאָס רעכטס! איצט מוז עס זיך אַנטשיידן. איך קוק אויף לינקס.

דאָרט, הינטער אונז!

— בלייב נאָך ליבערשט דאָ!

איך דריי זיך אויס אינגאַנצן אויף צוריק. הינטן אויפן וועג פאָרן אָן האַרמאַטן. אַ גראַנאַט פאַלט אין די פערד. די מענטשן לויפן אין אַ בהלה.

דערווייל פליען די שאָסן אויף רעכטס.

ווידער אַ רויך לינקס פאַר אונז! ווי פון אָנהויב. מיין פּחד וואַקסט.

פאַר מיר נומער צוויי!

דערנאָך דריי!

פיר!

איצט נעענטער! איינס!

צוויי!

דריי!

פלוטאָן ערנסט! אויפשטיין! מאַרש! — ברילט דער וויצע-פעלדפעבל.

איך כאַפּ מיך אויף און וואַרף זיך פאָרויס. אָט איז אַ פּלויט מיט שטעכיקן דראָט. כ׳הויב אַריבער איין פוס. דער צווייטער פאַרטשעפּעט זיך. איך קריך אַריבער. מיר דערקריגן זיך צום משופּעדיקן אָפּהאַנג.

— לייגן זיך! — ברילט ערנסט.

איך קוק מיך אום, ווו פאַלן איצט די שאָסן? פון דער טיף סווישטשען צו אונז אַהער איינצלנע ביקסן-קוילן.

— אין די קוסטעס גלייך פאָרנט פראַנצויזן! צילער ניינ-הונדערט! — איינצל-פייער! — ברילט ערנסט.

די קוסטעס אונטן ליגן נאָך אין נעפּל. דאָ שיינט שוין די זון. אין די קוסטעס קאָן מען גאָרנישט דערזען. איך ציל אויף אַ באַזונדערס געדיכטן קוסט און שיס. איצט קנאַלט עס אַרום און אַרום.

איבער מיר האָט אַ שפּיי געטון! ס׳איז אַריבער איבער אונז. בעת דעם צילן, צייל איך:

דריי!

פיר!

— אונטעראָפיציר פּפערל! — שרייט ערנסט — גיין פאָרויס!

צו אַלדע רוחות! פּפערל ליגט נאָך הינטערן בוים און רירט זיך נישט.

איינס! ס׳איז ווידער אַ שטיקל פאַר אונז.

— אונטעראָפיציר פּפערל! — ברילט ערנסט מיט אַלע כוחות

צוויי!

גרופּעסווייז פאָרויס. מאַרש! — שרייט ערנסט.

דריי!

— גרופע לאַם! — רופט פלוצלינג דער איינזשעניעריקער לינקס פון מיר. — שפרונג! מאַרש!

מיר לויפן, לאַם פאָרויס. אַ שמאָלער קוסטן־פּאַס אויף אַ שטיינערנעם וואַל ליגט פאַר אונז.

— לייגן זיך! — שרייט לאַם. — צילער אַכטהונדערט!

מיר וואַרפן זיך הינטער די שטיינער. — דאָס איז דיר אַ חברהמאַן, דער איינזשעניעריקער! און אין גאַרניזאָן איז ער אַפילו נישט געוואָרן קיין קאַפּראַל, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין שום קאָמענדע.

— אויף די אָפּטרעטנדיקע פראַנצויזן! — שרייט לאַם. — צילער טויזנט! איינצל־פייער!

באמת! פון די קוסטעס טויכן־אויף קליינע גרופּעס און שלייכן צוריק. מיר שיסן האַסטיק, אָבער ס'שיינט, אַז קיינער ווערט דערפון נישט געטראָפן.

די פראַנצויזן זענען פאַרשוווּנדן אין אַ וואַלד. אונזער פייער הערט אויף. איך קוק מיך אַרום. די גרופּע רעכטס האָט זיך געררוקט נאָך ווייטער פאָרויס. צווישן איז געלעגן לעבן מיר. ווו איז פּערל?

— מאַרש! — האָט באַפוילן לאַם.

מיר האָבן אַראָפּגעגנידערט אין טאָל. לינקס איז געלאָפן אַ שטייניקער וועג, אויף וועלכן ס'זענען געלעגן דריי טויטע. עט־לעכע האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט באַ די פאַרוווּנדעטע. פּערל האָט זיך נישט געפונען צווישן זיי.

אונטן האָבן מיר געטראָפן די צווייטע קאָמפּאַניע און זיך אָנגעשלאָסן אָן איר. מיר האָבן מאַרשירט דורך פאַרשידענע וואַלד־פּאַסן. ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט און די נאַכט.

דער קאַפּיטאַן פון דער צווייטער קאָמפּאַניע האָט אונז אָפּגעלאָזט. מיר זענען בכן צוועק זוכן אונזער קאָמפּאַניע. אין דער פינצטער האָבן מיר זיך דערנענטערט צו פאַרשידענע טרופּן און געפרעגט: — דריטע קאָמפּאַניע?

מיטאַמאָל אַ שטים: — לודוויק? — דאָס איז געווען פּערל.

כ׳בין געבליבן שטיין איינגאַנצן באַרויקט: — ווי האָסטו געשטעקט די גאַנצע צייט?

— כ׳בין געגאַנגען פּאַרויס מיט דער גרופּע רעכטס פון אייך — האָט ער געלאַכט.

— ווו איז אונטעראָפיציר פּפערל? — האָט געפרעגט ערנסט.

— איך ווייס נישט, הער פעלדפעבל.

— איר פירט איצט די ערשטע גרופּע. און ווען ער וועט זיך אומקערן, וועט ער זי שוין נישט צוריקקריגן!

עמיצער האָט מיך אַ צי־געטון באַם אַרבל. דאָס איז געווען לאָם. כ׳בין אַוועק מיט אים אָן אַ זייט. צי האָט ער געהאַט אַרף מיר פּאַראיבל, וואָס כ׳בין איצט זיין עלטסטער?

— זיי מיר מוחל! — האָט ער געזאָגט, וואָס כ׳האָב דיך היינט פּאַרטרעטן באַ דער קאָמענדע.

— אַך וואָס! האָב איך אויסגערופן. — דאָס איז מיר שרעקלעך געפעלן! — איבעריקנס, צי רופסטו מיך בכיוון תמיד „דו״? — כ׳האָב זיך פּאַרשעמט אַביסל.

— ניין, דאָס האָב איך געטון בטעות, אָבער... מיר געפעלט עס אַזוי בעסער.

— לאָם! — האָט גערופן פּאַביאַן.

— הער לייטענאַנט!

— אַך, דאָ זענט איר! — דעם אמת געזאָגט, האָב איך אייך תמיד געהאַלטן פּאַר אַ מענטש, וואָס טויג צו קיין זאַך נישט. האָט נישט קיין פּאַראיבל אויף מיין אָפנהאַרציקייט! ווייס איר, כ׳האָב אייך אָקאָרשט אויפגעגעבן צום אייזערנעם קרייץ. אָבער צווישן אונז גערעדט, איז רעדן אויך עפּעס ווערט, נישט אמת?: — ער איז שנעל אַוועק, כּדי צו פּאַרבאָרגן זיין געריר‌טקייט.

לונ י

מיר האָבן שוין זינט טעג קיין ברויט נישט געהאַט. מי־ סאָבצייט און אָוונט האָבן מיר געגעסן פלייש און פעטן, הייסן סאָוס. ווער וואָלט געהאַט צייט צוצופראַווען געמיזע, בעת מיר פלעגן אינאָוונט אַריינקריכן אין דער פינצטער אין אַ שייער.

און גאַנץ באַגינען האָט אונדז אויפגעוועקט דער אַלאַרם. אייך נאַכט האָבן מיר אַפילו פאַרבראַכט אויפן גאַסנבריק פון עפעס אַ דאָרף, ווייל מ׳האָט אונדז פאַרגעסן אָנצוזאָגן, אַז ס׳דאַרף זיין אונדזער רו-נאַכט. אין דערדאָזיקער נאַכט האָט געשיינט די לבנה. אויף די שטיינער איז געווען קאַלט. האַרט לעבן מיר איז געלעגן דער לייטענאַנט מיט זיין שוואַרצער באָרד און געקרעכצט און גערעדט צו זיך אַליין, ווי אין היץ.

די זון איז אויפגעגאַנגען פרי און הייטער. מיר האָבן מאַרשירט אין דעם קילן פרימאָרגן איבער אַ געדרייטער וואַלד-סטעזשקע. ענדלעך אַמאָל נישט יענע גראָדע, בוימלאָזע, נאַפּאָלעאָנישע מיליטער-שאָסעען! אויך דער לייטענאַנט איז געווען מונטער! אָבער ער איז געוואָרן אָרנטלעך מאָגער און גראָ אויפן פּנים, אפשר פון שמוץ.

אַרום מיטאָגצייט האָבן מיר פאַרנומען קוואַרטירן. מיר האָבן אויפגעהאָנגען אונדזערע מונדירן און וועש אויף דער זון און זיך געוואַשן בײַ דעם ברונעם. היינט האָט מען געקאָנט אַפילו אַרומוואַשן די פיס, וואָס מיר האָבן צוויי וואָכן — אָדער נאָך לענגער — נישט אַרויסגעצויגן פון די שטיוול. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט צופרידענע אַרום דעם קיילעכיקן טיש פון פאַרלאָזענעם הויז. צישע האָט געקאָכט קאַווע.

— אַלאַרם! — האָט מען געשריגן אינדרויסן. מיר זענען געלאָפן נאָך אָנטועכץ און שטיוול. במשך פון צען מינוט איז די קאָמפּאַניע געשטאַנען גרייט צום אָפּמאַרש. פאָרנט ערגעצווו האָבן געמרוטשעט די האַרמאַטן.

— ווייסט הער לייטענאַנט, וואָס ס׳קומט פאָר? — האָט געפרעגט ערנסט.

— כ׳ווייס נישט מער פאַר אייך.

— אַזוי זענען מיר אָפּגעשטאַנען אַ שעה צייט אין דער שטאָגדיקער היץ אויף דער גאַס. דערנאָך האָבן מיר אָפּמאַרשירט. ס׳איז געוואָרן אָוונט און נאַכט, ביז מיר האָבן דערגרייכט אַ דאָרף. די קאָמפּאַניע איז דאָרט פאַרבליבן, און אונדזער פלוטאָן האָט זיך גערוקט ווייטער אַלס פעלדוואַך.

— רען וועט פונאַנדערשטעלן פּאָסטנס אויף דער פעלד־שטעזשקע, לערך פינף הונדערט מעטער פאַר אונז!

מיר האָבן אָפּמאַרשירט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. כ׳האָב געציילט מיינע טריט. באַם דרייהונדערט זעכציקסטן טריט האָב איך דערזען האַרט אויף רעכטס פון וועג אַ קליינע דער־הויכונג. דאָרט זענען געלעגן פעלדשטיינער אַרום און די לאָנקע איז אַראָפּגעגאַנגען אויף פאָרנטצו. לינקס האָט זיך געפונען אַ קאָרנפעלד.

כ׳האָב אַוועקגעשטעלט דיביידע פּאָסטנס אַ פּאָר טריט ווייטער, באַם וועג. אָבער וווהין מיט די איבריקע? אין קאָרנ־פעלד וואָלטן זיי געווען אומזעבאַר, אָבער ס׳וואָלט געווען לייכט אויף זיי פלוצלינג אָנצופאַלן. און ווען מיר זאָלן ווערן אָנגעגריפן, וואָלטן זיי געמוזט אָפּטרעטן אויף רעכטס. ובכן גלייכער טאַקע דאָרט לאַגערן!

— ווי אַזוי וועלן מיר דאָ באַקומען דאָס עסן? — האָט עמעצער געפרעגט.

כ׳האָב איט אַוועקגעשיקט מיט אונזערע מענאַשקעס און מיך אַנידערגעזעצט אויפן רוקזאַק. נעכטן איז די לבנה אויפגע־גאַנגען ערשט אַרום דריי אַזייגער, ובכן היינט אַביסל שפּעטער. דערצו איז דער הימל געווען פאַרכמאַרעט. אויף דער הויכעניש איז געווען קיל און פייכט. פון לינקס האָט געווייעט אַ שטיל ווינטל.

לאַם האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר. — ווייסטו, ווו ס׳ליגן די פראַנצויזן?

— ניין. — וואָס האָט מען דאָ געזאָלט ווייטער רעדן?

נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך דערהערט דאָס קלאַפּן פון בלעכענע כלים. ס׳איז אָנגעקומען דאָס עסן און קאַווע. כ׳האָב אָנגעהויבן צו מישן מיטן לעפל. דאָס איז געווען קעל־בערן פלייש און אַ סך יויך.

— פאַרוואָס קריגן מיר קיינמאָל נישט קיין ברויט? — האָט געפרעגט עמעצער.

— ווייל מיר מאַרשירן אַזוי גיך, אַז די בעקע־

ריי קאָן אונז נישט אָניאָגן — האָט אָפּגעענטפערט צישע.

דערמיט האָט זיך דער שמועס ווידער איבערגעריסן. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, אַחוץ לאַם. מיר זענען געזעסן שווייגנדיק לעבן איינאַנדער.

הינטער אונז ראַש זיך דערנענטערנדיקע טריט. דאָס איז געווען ערנסט. כ'האָב אָפּגעגעבן ראַפּאָרט.

— אין פאַל פון אַ פיינטלעכן אָנגריף — האָט ער געזאָגט — וועל איך אייך נישט קאָנען ברענגען קיין הילף, ווייל אונזער פראָנט איז געווענדט אויף לינקס.

— ווו שטייען די שכנותדיקע פּאָסטנס רעכטס? — האָב איך געפרעגט.

— כ'האָב דאָרט אַהינגעשיקט אַ פּאַטרול, אָבער זי האָט נישט אָנגעטראָפן קיין שום טרופּן. וואַרשיינלעך הענגען מיר דאָ רעכטס אינדערלופטן.

— ווייסט דער הער פעלדפעבל עפּעס וועגן די פּראָוויזן?

— ניין, גאָרנישט. — כ'גיי איצט צום צווייטן פּאָסטן. ער מוז אַוודאי שטיין אויף יענער זייט פעלד באַם וועג. גוטע וואַך!

מיר האָבן זיך ווידער אַנידערגעזעצט. מיר זענען דאָ בכן געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין.

גאָרנישט איז געווען צו הערן, אַחוץ דאָס שפּאַנען פון איינעם פון די פּאָסטנס און דאָס שנאָרכן הינטער מיר.

כ'האָב געפּרוווט צו כאַפּן אַ בליק אויפן זייגער, האָב אָבער נישט געקאָנט דערקענען די ווייזערס. לאַם האָט אַ קוק געטון אויף זיין ליכטזייגער.

— ס'איז שוין באַלד צוועלף.

— טאָ מוזטו מיט צישען בייטן די וואַך.

ער האָט אויפגעוועקט צישען. די צוויי אַנדערע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. כ'האָב געקוקט פאַר זיך אין דער פינצטערער נאַכט. — אָט בין איך געזעסן לעבן לאַמען כמעט צוויי שעה און נישט געקאָנט געפונען קיין טעמע צום שמועסן.

כ׳בין אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק אויף רעכטס. דאָרט בין איך געשטאַנען אַ ווײַלע. אָבער צו וואָס דאָס אַלץ? כ׳בין צוריקגעגאַנגען און זיך ווידער אַוועקגעזעצט. ווען מען זאָל כאָטש קאָנען טראַכטן וועגן עפּעס וויכטיקס. אַפילו רויכערן טאָר מען דאָ נישט. דער געדאַנק וועגן דעם האָט אַרויסגערופן אין מיר דעם חשק צו רויכערן. כ׳בין ווידער אויפגעשטאַנען. כ׳האָב נאָך געהאַט צוויי פּאַפּיראָסן. אפשר וועט זיך דאָ געפינען עפּעס אַן אָרט, וווּ מ׳זאָל זיי קאָנען אָנצינדן אומגעזען. אין קאָרן? ניין, די צוויי פּאָרנט וואָלטן עס געקאָנט באַמערקן.

ענדלעך זענען אַוועק די צוויי שעה. כ׳האָב אויפגעוועקט די נייע פּאָסטנס און זיי דערקלערט אונזער לאַגע. בעת כ׳האָב זיך אומגעקערט, איז לאַם געזעסן ווי פריער לעבן מיין רוקזאַק.

— ביסטו נישט מיד? — האָב איך געפרעגט.

— כ׳האָב דאָס מיליטער אומגלויבלעך געהאַסט — האָט ער געזאָגט גאַנץ פאַרטיפט אין זיך — אָבער דאָס איז דאָך אַן אומזין, אַז עפּעס זאָל לחלוטין קיין זין נישט האָבן.

— און וואָס פאַראַ זין זאָל האָבן דאָס מיליטער? — האָב איך געפרעגט אָן אייגנטלעכן אינטערעס.

— דאָס קאָן איך דיר אויך נישט זאָגן. אָבער אַלמאַי זאָל דער גורל אונז פירן אויף אומוועגן?

— גלויבסטו בכן, אַז דאָס לעבן איז אינגאַנצן געריכטעט אויף עפּעס אַ ציל?

— יאָ, אַזוי אַן ערך מוז עס זיין.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן. מתחילת בין איך געווען אָנגערעגט. דערנאָך אָבער האָט גובר געווען די מידקייט. אַ פּאָר מאָל איז מיר דער קאָפּ אַריבערגעפאַלן פאָרנטצו.

כדי נישט איינצושלאָפן בין איך אויפגעשטאַנען און געשפּאַנט אַהין און צוריק.

פערד-געטופּעריי?

כ׳האָב זיך איינגעהערט.

— רען! — האָט שטיל גערופן איין פּאָסטן.

— יאָ, כ׳האָב געהערט.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט פעסט די שלעפערס, אַז זיי זאָלן תיכף אויפוואַכן.

— באַזעצן דעמדאָזיקן היגל! געווער גרייט! אָבער נישט שיסן, ביז כ׳וועל באַפעלן!

כ׳בין צוגעלאָפן צו דער וואַך. די רייטער זענען שוין געווען גאַנץ נאָענט.

— איר ביידע דאָ אין קאָרן, כדי מ׳זאָל זיי קאָנען נעמען אונטער קרייצפייער! לאָזן דעם וועג פריי! איך שליידער דאָרט אַהין טאָרניסטערס. כדי די פערד זאָלן זיך איבערשרעקן!

כ׳בין צוריקגעלאָפן און מיטגעשלעפּט אויפן וועג עטלעכע טאָרניסטערס און קאָצן, וועלכע האָבן דאָרט אויסגעזען באמת אומהיימלעך. דאָס געטופּעריי האָט זיך דערנענטערט, אפשר צען פערד.

— שטיי! ווער איז דאָרט? — האָב איך געשריגן.

— אַ פּאַטרול הוזאַרן — האָט עמעצער געלאַכט.

— פּאָרזיכטיק! — האָב איך אויסגערופן. — אויפן וועג ליגן טאָרניסטערס!

זיי זענען אָנגעריטן געלאַסן, פּאָרנט אַן אונטעראָפיציר.

— האָט דער הער אונטעראָפיציר אָנגעטראָפן פראַנצויזן?

— ניין, די דערפער פּאָרנט זענען ליידיק, נישטאָ קיין לעבעדיק נפש.

מיר זענען אַלע געוואָרן מונטער און געפּלוידערט צווישן זיך. כ׳האָב געבעטן ציישען, אַז ער זאָל איבערנעמען פאַר מיר די וואַך און האָב מיך איינגעוויקלט אין קאָץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

בעת כ׳האָב אויפגעוואַכט, איז שוין געווען העלער טאָג.

פון הינטן איז אָנגעקומען עמעץ: די פּאָסטנס זאָלן זיך אומקערן צו דער פעלד-וואַך.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט. די קאָמפּאַניע איז געלעגן אויף אַ פריש אָפּגעשניטן קאָרנפעלד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט סנאָפּעס תבואה. אויפן וועג האָבן אָנגערוקט חיילות. מיר האָבן געברענגט פון דער פעלדקיך קאַווע און נאָך געזאָלט רוען אַ פּאָר שעה. כ'האָב מיך אָוועקגעלייגט אויף אַ בינטל קאָרן און מיר געוואָרעמט די פיס אויף דער זון.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב אויפגעוואַכט. די לופט איז געווען הייס און אָנגעוואָרפן אַ פוילקייט. פונוויטנס האָבן געוואָיעט אומאויפהערלעך די האַרמאַטן.

אין וועג אַריין! מיר זענען געגאַנגען מיט פיל אָפּשטעלן. די אַרטילעריע האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און איז ווידער געבליבן שטיין. מיר האָבן מאַרשירט אין אַ געדיכטן וואָלקן שטויב און שוויס. באַם מינדסטן אָפּשטעל האָבן זיך אַלע אַוועקגעלייגט אויף דר'ערד, אַזוי פאַרנע איז געווען. דער האַרמאַטן-דונער איז געוואָרן וואָס אַמאָל העכער. ווידער האָט די אַרטילעריע גאַלאָפּירט פאָרויס. פאַר אונז איז אַנטשטאַנען אַ בלייז. מיר האָבן זיך געפּלייסט אָנצויאָגן. אָבער דער בלייז איז געוואָרן נאָך גרעסער. אונז פאָרויס איז געריטן דער לייטענאַנט. ער האָט געהאַט אַ ראָרשטעקל אין דער האַנט און אָנגעטריבן דערמיט זיין פערד. אָבער דאָס האָט נאָר געהאָלפן אויף אַ קורצע ווייל; נאָך עטלעכע שנעלערע טריט האָט דאָס פערד ווידער אָנגעהויבן זיך צו שלעפּן פאַמעלעך און אפילו צו שטרויכלען זיך. לסוף איז ער אַראָפּגעשטיגן פון פערד און עס איבערגעגעבן זיין דינער, אַז ער זאָל עס נאָכפירן.

מיר זענען אַרויף אויף אַ הויכעניש. פאַר אונז האָבן זיך אויסגעשפּרייט די הייסע לאָנקעס. קיין בוים, קיין הויז. נאָר גאַנץ פונוויטנס זענען געשטאַנען אין נעפּל שראַפּנעל-וואָלקנס. ווען ס'זאָל כאָטש דאָ זיין ערגעץ אַ וואַסער, מ'זאָל קאָנען ווידער אָנפילן די מאַניערקע!

באַם ראַנד פון וועג זענען געזעסן און געלעגן זעלנער מיט שמוציקע טאַשנטיכלעך אויף די קעפּ, מיט אויפגעשוואָלענע

הענט און פנימער. וואָס אַמאָל האָבן זיך געמערט אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין ווייטער.

לסוף זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף און גערוט. מיר האָבן אויסגעטון די בלוזעס און זיך געוואַשן באַם ברונעם.

— צום געווער! געפּעק אַרויף! — האָט געשריגן דער לייטענאַנט.

כ׳האָב אַ כאַפּ געטון די בלוזע און דאָס העמד און זיך גענומען שנעל אָנטון.

וואָס איז געשען, הער לייטענאַנט? — האָט געפרעגט ערנסט.

— מיר האָבן די פּראַנצויזן שוין כמעט אויפן קאַרק. קוקט דאָרט אַהין!

איבערן וועג, מיט וועלכן מיר זענען אָנגעקומען, זענען געפלויגן שראַפּנעלן. די מאַרש־קראַנקע זענען אַנטלאָפן אין אַ פעלד אַריין.

מיר האָבן מאַרשירט קווער דורך אַ לאָנקע אויף צוריקצו. טש! טש! האָבן אַ פייף געטון איבער אונז צוויי שראַפּנעלן. לינקס זענען געשטאַנען צוויי פעלדקיכן, פלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן דאָרט אויף דער לאָנקע אַ שוואַרצער וואָלקן.

הראַמם! האָט מוראדיק אַ קראַך געטון. פלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן דערלעבן אַ צווייטער וואָלקן.

— דאָס זענען גראַנאַטן — האַט געזאָגט דער לייטענאַנט.

— פלוטאָן, טיראַלעריע! ווו ס׳ליגן די פראַנצויזן, איז נישט באַוווסט!

מיר זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. איך מיט מיין גרופּע זענען געווען גאַנץ לינקס.

מיר זענען געגאַנגען אַרויף מיט דער לאָנקע. פאַר אונז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ בלאָער הימל. ביקסן־קוילן האָבן שאַרף געפייפט איבער אונזערע קעפּ.

— לויפן! — האָט באַפוילן ערנסט.

כ׳בין אַ לויף געטון צוויי טריט, האָב דערזען, אַז די מענטשן קאָנען ווייטער נישט לויפן, און האָב אַליין פאַרלאַנגזאַמט די טריט.

לינקס האָט אויפגעטויכט אַ קליין פירקאַנטיק וועלדל. די שאָטן האָבן געקנאַלט אָן די שטאַמען. מיר האָבן געשלייכט ווייטער.

— דאָרט אינעווייניק זיצן זיי אויף דיביימער! — האָט עמיצער געשריגן.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו שיסן אומזיניק צו די בוים־קרוינען. עטלעכע האָבן געקניט, אַנדערע האָבן זיך אַנידער־געוואָרפן.

— דאָרט איז דאָך קיינער נישטאָ! — האָב איך אויס־גערופן. זיי האָבן געקנאַלט ווייטער.

— אָפּהאַלטן ס'פייער! — האָב איך געברילט.

— אָפּהאַלטן ס'פייער! — האָט געריטשעט לאַם.

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט דאָס געווער.

— טוט אַ קוק! — האָב איך געשריגן רוגזהדיק. — צי עמעצער זיצט דאָרט אין די בוים־קרוינען! איר מעגט אייך שעמען, אַזוי די קעפּ צו פאַרלירן! — מאַרש!

זיי זענען אויפגעשטאַנען און געגאַנגען.

צוליבן דאָזיקן אויפהאַלט האָט זיך דער פּלוטאָן פונאַנ־דערגעטיילט. כהאָב איצט געהאַט לעבן זיך די גאַנצע לינקע טייל. ערנסט מיט דער צווייטער העלפט איז געהאַט פאַרשווונדן.

סס! סס! זענען געפלויגן די קוילן וואָס אַמאָל נעענטער.

ש! — פּראַמם! גראַנאַטן הינטער אונז, אַ ליאַדע מינוט וועלן מיר זיין אויף דער הויכעניש. מיר האָבן זיך איינגעבויגן.

רעכטס אויבן איז געשטאַנען אַ האַרמאַט. קאַנאָניערן האָבן געשלעפּט אַמוניציע און געשאָסן.

בראַמם! בראַמם! שוואַרצע וואָלקנס אַרום. איין מאַן האָט זיך אַראָפּגערוקט אַהינטער, ווי מיטגעריסן מיטן לופטדרוק.

פאַר אונז האָט עמעצער געשריגן:

— נישט דערנענטערן זיך דאָ! מיר ליגן שוין אַזוי אויך אין דריי רייען הינטער אייגאַנדער!

סס! סס! שש! — פּרעננג!, פּאַמם! ראַמממססס! — האָט געקראַכט, געצישעט, געברומט. די פּראַנצויזן זענען אַבנים גע־לעגן האַרט הינטער דער הויכעניש.

— לייגן זיך! — האָב איך געברילט.

כ'האָב מיך אַנידערגעוואָרפֿן. רעכטס און פֿאָרנט איז געלעגן פֿול מענטשן. לינקס האָב איך גאָרנישט געקאָנט זען. דאָרט האָט זיך די הויכעניש אַרויסגעצויגן. אָבער ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָרט איז רויקער.

— אויף לינקס אַריבערציִען! — האָב איך געשריגן דורכן געטומל. כ'האָב מיך האַלב אונטערגעהויבן און זיך געשלייכט איינגעבויגן אויף לינקס. צישע פֿאַר מיר. די אַנדערע זענען נאָך געלעגן.

—לינקס מאַרש! — האָב איך קאָמענדירט.

ס'זענען מיטגעקומען נאָך מיר עטלעכע. אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר געווען מחוץ דעם משוגענעם ליאַרם. כ'האָב זיי געפֿירט נאָך אַ שטיק ווײַטער אויף לינקס. דערנאָך האָבן מיר זיך געווענדט פֿאָרנטצו. דאָרט האָט זיך געצויגן אַ פּוסטע לאָנקע, רעכטס אַ דאָרף, אין וועלכן ס'האָט געברענט. אפשר וועלן מיר אונטערקומען אַזוינאָך די פֿראַנצויזן פֿון אַ זייט. פֿאַר אונז אין טאָל האָט זיך געשלענגלט אַ טייך הינטער בער־יאָזע־ביימער.

סס! סס! האָט אַ ציש געטון פּלוצלינג פֿון פֿאָרנט. אויף דער נאָענטסטער הויכעניש זענען געלעגן עטלעכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן קעגן הימל ווי די ציל־שילדן.

— אַכטונג! קעגנאיבער אויף דער הויכעניש דער שונא... צילער זעקסהונדערט! איינצל־פֿייער!

כ'האָב צונויפֿגעדריקט די ביקס. די צילן אַנטקעגנאיבער זענען געזעסן אויסגעסדרט ווי אויף אַן איבונגס־פּלאַץ.

אַ שאָס פֿאַר מיר אין גראָז!

כ'האָב אָפּגעדריקט דאָס צינגל. כ'האָב געמוזט טרעפֿן, ווײַבאַלד דער צילער איז נישט פֿאַלש. אַרום מיר האָבן זיי געשאָסן לעבהאַפֿטיק.

פֿאַרן רעכטן אויער האָט עס מיר פֿאַרבײַגעהודזשעט.

כ'האָב ווידער געצילעוועט. מיט אַמאָל איז דער מרחק אַהין געוואָרן גרעסער. כ'האָב געשאָסן.

— זיי טרעטן אָפּ! — האָב איך געשריגן.

מיר האָבן געפּייערט פון די ביקסן, וויפיל ס׳איז נאָר געגאַנגען. אָקייגנאיבער אונז פאַרשווינדן זיי איינער נאָכן אַנדערן.

— מאַרש! — האָב איך קאָמאַנדירט — מיר מוזן זיי דעריאָגן. מיר זענען אַריבערגעשטיגן אַ פּי-פּלויט און צוגעקומען צום טייך. אין וואַסער איז געלעגן אַ פראַנצויז מיט די רויטע הויזן אַרויף. אָקייגנאיבער זענען געזעסן אָדער געלעגן טויטע און פאַרווונדעטע פראַנצויזן.

כ׳בין אַריבערגעשפּרונגען דעם שטראָם. עמעצער הינטער מיר האָט אָנגעשעפּט מיט דער האַנט וואַסער און גיריק געשלונגען.

ביקסן-שאָסן פון הינטן. דער טרומייטערער קינדער איז געגאַנגען לעבן מיר.

— בלאָז — האָב איך געזאָגט צו אים — אַז מ׳זאָל אונזערע לייט נישט שיסן אין רוקן!

— וואָס-זשע? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס דו ווילסט!

ער האָט געבלאָזן דעם אָוונט-היינאַל. אַ שאָס פון רעכטס. דאָרט איז געלעגן אַ קאָרנפעלד, און דערין זענען געגאַנגען פראַנצויזן פאַראַלעל צו אונז צוריק.

— אויף רעכטס! — האָב איך געשריגן — צילער פיר-הונדערט! פייער!

כ׳האָב זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און געשאָסן ווי אַ משוגענער. די פראַנצויזן זענען געווען אפשר הונדערט און פופציק טריט ווייט. לעבן מיר האָבן געקנאַלט אַנדערע. דאָרט איז געפאַלן איינער אין קאָרן. אַן אַנדערער האָט אויפגעהויבן די ביקס און געשאָסן צו אונז שטייענדיקערהייט. זיי זענען אַרויס פונם ברענענדיקן דאָרף. מיר זענען זיי אונטערגעקומען פון דער זייט.

איינער נאָכן אַנדער׳ן האָט זיך אונטערגעטוקט אין קאָרן. זיכער זענען נישט אַלע געווען געטראָפן. ביסלעכווייז האָב איך זיך באַרויקט און געצילט געניער.

רעכטס פון דאָרף האָט זיך דערנענטערט אַן אויסגעגלייכטער אָפיציר. ער איז אַראָפּגעזונקן אין קאָרן. מהאָט שוין מער נישט געזען קיינעם.

כבין אויפגעשטאַנען. הינטער אונז, ביים טייך, האָב איך דערזען דייטשן, וואָס האָבן שטייענדיקערהייט געשאָסן אויף די פּאַרוואונדעטע. כבין צוגעלאָפן צו זיי. דאָס זענען געווען מענטשן פון דער פערטער קאָמפּאַניע.

— וואָס טוט איר? — האָב איך געשריגן.

— די כלבים האָבן געשאָסן אויף אונז פון הינטן! — האָט איינער געזאָגט פאַרביטערט.

— און אונזער לייטענאַנט רעלע האָבן זיי דערשטאָכן אין דאָרף, בעת ער איז שוין געלעגן אַ פאַרוואונדעטער!

כבין צוריקגעגאַנגען צו מיינע לייט. סזענען נאָך געבליבן זעקס מאַן, צווישן זיי צוויי פון אַנדערע קאָמפּאַניעס.

צי דאַרפן מיר גיין פאָרויס?

סאיז אָנגעלאָפן דער קאַפּיטאַן פון דער פערטער קאָמפּאַניע: — באַזעצן די הויכעניש דאָ פאָרנט!

מיר האָבן זיך אַרויפגעשלייכט אויף דער הויכעניש. מיינע פיס זענען מיר געוואָרן מיטאַמאָל שווער, און מיין רעכטער אַקסל האָט מיר וויי געטון פון פיל שיסן.

אויף דער הויכעניש, פון וועלכער די פראַנצויזן האָבן אונז פריער באַשאָסן, איז געלעגן אַ נעגער אין ווייסע, קורצע הויזן.

פאַר אונז האָבן זיך אויסגעשפּרייט קאָרנפעלדער. פון ווייטנס האָט זיך אַ מחנה פראַנצויזן צונויפגעקליבן אַרום עפּעס.

— אַן אָפּטיילונג פראַנצויזן! פייער!

זיי האָבן זיך צעשטויבט כהרף־עין. כ'האָב אָנגענומען די קוילנטאַש, כדי אויפסנייַ אָנצולאָדן. זי איז געווען ליידיק, די אַנדערע אויך. און די צוויי קוילן־טאָרבעס אַרום דעם האַלז האָב איך שוין געהאַט פריער אַוועקגעוואָרפן, ווייל זיי זענען געווען אויסגעליידיקט. ובכן, 230 קוילן האָב איך היינט אויסגעשאָסן! יאָ, נישט בחנם טוט מיר וויי דער אַקסל!

די זון איז פאַרזונקען הינטער די בערג רעכטס. ס'איז נאָך אַלץ געווען הייס.

עמעצער האָט זיך דערנענטערט: — איר זאָלט זיך צוריקקערן צום לאַגער פון באַטאַליאָן!

מיר האָבן אָנגעהאָנגען דאָס געווער. אויף דער לאָנקע זענען געלעגן פאַרווונדעטע. צישע האָט אונטערגעהאַלטן איינעם, וועלכער האָט שווער געהינקט.

אין גראָז האָט געקרעכצט אַ קליינער און דיקער פראַנצויזישער אָפיציר. כ'האָב געוואָלט זען, וואָס אים איז, אָבער ער האָט מיך אָפּגעשטויסן. נישט קוקנדיק דערויף האָב איך אים אויפגעשפּיליעט די בלוזע. פון זיין רעכטער היפט האָט זיך געגאָסן בלוט, ווי פון אַ ברונעם. כ'האָב אַרויסגעצויגן אַ באַנדאַזשפּעקל פון קעשענע און אים אַרומגעוויקלט די ווונד. דערביי איז מיר פאַרבלוטיקט געוואָרן דער רעכטער אָרעם כמעט ביז צום עלנבויגן. אפשר איז דאָס געווען אַן אומזין, צו באַנדאַזשירן אים בײַ אַזאַ שטאַרקן בלוטפאַרלוסט. עמיצער האָט אים דערלאַנגט די מאַניערקע. ער האָט זי אָפּגערוקט מיט דער האַנט.

— מיינסטו, אַז מיר ווילן דיך פאַרסמען? — האָט געפרעגט דער זעלנער און אים צוגעלייגט צום מויל די מאַניערקע. דער אָפיציר האָט גיריק געטרונקען.

דערווייל האָבן אַנדערע צונויפגעקליבן נאָך מער דייטשישע פאַרווונדעטע. כ'האָב געמוזט מיטאָנעמען אַ קאָץ, אין וועלכן ס'איז געלעגן עמיצער קרעכצנדיק.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צום טייך. ס'זענען געזעסן דאָרט פראַנצויזן און געבעטן אויף שטום-לשון, מ'זאָל זיי מיטנעמען. איינער פון זיי האָט געטייטלט אויפן ליידיקן ברויטבייטל און פונאַנדערגעשפּרייט די הענט אַלס צייכן, אַז זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו עסן.

— מיר האָבן אַליין קיין ברויט נישט. און מיטנעמען קאָנען מיר אייך אויך נישט, דאָס מוזט איר דאָך אַליין איינזען.

ס'איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקלער. נאָר אין דאָרף האָבן געפלאַקערט די פייערפלאַמען. מיר זענען דורכגעגאַנגען מיטן

וועג דורכן דאָרף. אַרום זענען געלעגן טויטע — אָט ליגט אַ טור־קאָס *) אויף אַ דייטשישן אָפיציר.

אונזער פאַרוואונדעטער אין דעם קאָץ האָט געקרעכצט בײַ יעדן טריט, וואָס מיר האָבן געמאַכט.

מיר האָבן אַראָפּגענידערט אין אַ לאַנקע־טאָל. דאָרט איז געשטאַנען אונזער פעלדקיך, פאַר איר פּאַביאַן און ערנסט און דער קאָמפּאַניע־פעלדפעבל. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַלומיניום־טעלערס און געבלאָזן אין די הייסע לעפל. ערנסט האָט מיך דערזען: — וויפל זענען געבליבן מיט אייך?

— פיר פון דער קאָמפּאַניע, האָט דער פעלדפעבל.

— ס׳פעלן הונדערט מאַן — האָט געזאָגט פּאַביאַן — אָבער דערין מוזן זיין אויך פיל מאַרשקראַנקע.

כ׳האָב זיך אוועקגעקערט צום פלוטאָן. לויט די ביקסן־פּי־ראַמידעס ציילנדיק, זענען געבליבן קוים דרייסיק.

— צי האָט עמעצער געזען פערלען? — האָב איך געפרעגט.

— ער איז אומגעקומען. ער האָט געקריגן אויבן, אויף דער הויכעניש, אַ שאָס אין קאָפּ.

— און לאַם?

— כ׳האָב אים נישט געזען.

— כ׳האָב אָפּגעשפיליעט מיין מענאַשקע און צוגעגאַנגען צו דער פעלדקיך.

— דער אייניאָריקער לאַם לאָזט אייך נאָך גריסן — האָט געזאָגט דער פעלדפעבל.

— צי איז ער פאַרוואונדעט?

— יאָ, און גאַנץ שווער. ער האָט באַקומען שאָסן אין ביידע הענט און פיס און דערצו נאָך אַ קלאַפּ מיט דער קאָלבע אין קאָפּ. ער האָט אויסגעזען שרעקלעך.

ווען כ׳בין פערטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט מיך גערופן ערנסט. ער איז געזעסן אויף אַ קאָץ אין גראָז און געהאַלטן אַ פלאַש אין דער האַנט. לעבן אים זענען געשטאַנען נאָך צוויי גרופּנפירער.

---

*) אַלזשירישער שיסער, מין פראַנצ. מיליטער.

— זעצט אייך דאָ אַוועק! מען דאַרף אויפסנייע איינטיילן דעם פלוטאָן. — האָט איר פעלדבעכערס? — רען האַלט ווייטער די ערשטע גרופּע.

ער האָט אונז אָנגעגאָסן ווײַן אין די בעכערס.

פאַביאַן איז צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט דערלעבן.

— מיר האָבן פאַרלוירן היינט אין פולק העכער צוואָנציק אָפיצירן — האָט געזאָגט פאַביאַן ווי פונוויטנס.

כ'האָב אַ שלוק־געטון פון בעכער. דער רויטוויין איז געווען שטאַרק און קאַלט.

— פערל איז אויך געפאַלן — האָט געזאָגט דער פעלדפעבל.

— דאָס איז דאָך געווען אייער פריינט, רען — האָט געזאָגט פאַביאַן.

די פלאַש איז געווען אויסגעליידיקט.

— גוטע נאַכט! — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט און איז אויפגעשטאַנען.

מיר האָבן זיך אויך געלייגט שלאָפן.

אמיקור

נאַכט. מיר וואַרטן אויפן וועג. רעכטס הייזער, לינקס אַ טיף זיך אויסשפּרייטנדיקע לאָנקע.

דער דריטער באַטאַליאָן האָט געדאַרפט אָנפאַלן אויף די פּראָנצויזישע פאָרפאָסטנס.

פאַביאַן רעדט שטיל מיט ערנסטן: — מ'האָט געהייסן אַנט־לאָדענען דאָס געווער, כּדי זיי זאָלן נישט שיסן פּריצייטיק. זיי דאַרפן אָנגרייפן אין ברייטער ליניע אויף באַגנעטן...

ביקסן־קנאַלן!

קלאַטש! קלאַטש! פאַלן קוילן אויפן שאָסע.

— לינקס אויף די לאָנקע און זיך אַנידערלייגן! — רופט דער לייטענאַנט.

פון הינטן אַ רייטער אין גאַלאָפּ אויפן וועג.

— וועלכע קאָמפּאַניע?

— דריטע.

— טיראַלעריע און פּאָרויס!

— פאַר אונז איז נאָך דער גאַנצער באַטאַליאָן.

— באַפעל פון דער דיוויזיע, צו אַלדי רוחות, טיראַלעריע!

— האָט געסאַפּעט די שטים.

— גאַנצע קאָמפּאַניע, טיראַלעריע לינקס, מאַרש! — האָט גע-בריללט פּאַביאַן.

איך לויף אַ שטיקל פאָרויס.

ס! ס! ס! ס! סוויסטשען די קוילן. ס׳איז שטאָקפינצטער. איך זע פאַר זיך גאָרנישט, אַחוץ שוואַרצע לאָנקע.

— מאַרש-מאַרש! — שרייט פּאַביאַן.

מיר לויפן. עס קנאַקט אומאויפהערלעך. אָבער מ׳זעט גאָר-נישט.

— לייגן זיך! — ברילט פּאַביאַן.

איך וואַרף מיך אין גראָז. עס קנאַלט און סוויסטשעט.

— מאַרש-מאַרש! — ברילט ערנסט.

וואָס איז געשען מיטן לייטענאַנט, וואָס ער האָט אויפגע-הערט צו קאָמאַנדירן? מיר לויפן ווייטער אין אומזעבאַרן פייער-אַריין. רעכטס, אויפן פאָן פון הימל, אַ מעכטיקע בוים-קרוין. לינקס באַוועגן זיך דריי איינער הינטערן אַנדערן. דאָס איז ערנסט מיט זיינע שאַצערס. דאָס פייער האָט אַביסל נאָכגעלאָזט.

מיר פאַרלאַנגזאַמען דעם טריט.

פאַר אונז טויכט עפּעס אויף, אַ וואַלד. מענטשן לויפן אהין און צוריק. געשרייען, קאָמענדעס און קללות!

— וויבאַלד די קאָמפּאַניע-שעפן זענען נישטאָ, טאָ נעם איך דאָ איבער די אָנפירונג! — זידלט עפּעס אַ לאַנגער, דאַרער לייטענאַנט.

פּאַביאַן איז אָנגעקומען פון דער לינקער זייט. — וואָס איז דאָ פאַראַן צו טאָן? איך קום מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע.

לעת-עתה גאָרנישט, נאָר האַלטן אָרדענונג. אָבער דאָס איז דאָך אַ חזירייַ! מיר קומען דאָ צו צום וואַלד, און זיי זיצן אויף די ביימער און קנאַלן פון אויבן אַראָפּ! און מיר שטייען ווי די באַראַנים מיט אַנטלאָדענע ביקסן! פּרווו-נאָר אָנצולאָדן, ווען

עמעצער שיסט דיר אונטער דער נאָז! אָט איז דער פּועל־יוצא פון דעם דיוויזיע־קאָמענדאַנטס פאַרפלוכטע פאָרליבע פאַרן קאַמף פון דער נאָענט! ווען מ'וואָלט כאָטש געקאָנט באַזייטיקן דידאָזיקע איבערגעשטאַנענע לייט! און ווו זענען סוף־כל־סוף די קאָמפּאַניע־שעפן? — ער האָט געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט.

ערנסט האָט געמעלדעט: — מיין פּלוטאָן האָט דריי לייכט פאַרוואונדעטע. און דער סאַניטאַר ווייס פעלט. כ'האָב אים געהייסן נאָכגיין נאָכן פּלוטאָן.

— זאַמלט דאָ צונויף די קאָמפּאַניע! — האָט געזאָגט פּאַביאַן.

— און איין גרופּע שטופּט אַרויס אין וואַלד; אונטער זייער שוץ וועלן מיר קאָנען צונויפקלייבן די פאַרוואונדעטע. דער סאַניטאַר־פּלאַץ איז דאָרט הינטן באַם גרויסן בוים.

— רעך! — האָט געזאָגט ערנסט. — איר וועט איבערנעמען די זיכערקייט דאָ פאָרנט באַם וועג! ווי ווייט איר וועט האָבן צו גיין, קאָן איך נאָך פון דאַנען אויס נישט אָפּשאַצן.

מיר זענען געגאַנגען אין טיראַלעריע מיט גרייטגעהאַלטענעם געווער אין וואַלד אַריין. אויף דער ערד זענען געלעגן טונקעלע קופּעס. עמעצער האָט געקרעכצט. צווישן דיביימער האָט גע־קנאַקט, האַלבהויכע ווערטער און קרעכצן. ס'האָבן זיך אומגעקערט צוויי, פירנדיק אַ דריטן אינדערמיט. פאָרנט האָט געיאָמערט עמע־צער. מיר זענען געגאַנגען פאָרזיכטיק ווייטער. מ'האָט נישט גע־קאָנט וויסן, צי אין וואַלד זענען נאָך דאָ פראַנצויזן.

דער, וואָס האָט געיאָמערט, האָט זיך געמוזט געפינען דאָרט לינקס, כ'בין אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פון וועג. ער איז גע־לעגן לעבן אַ סאָסנע אומבאַוועגלעך און כסדר געיאָמערט. כ'האָב אַנידערגעקניט. בלוט האָט געפלאָסן פון זיין רעכטן אויער.

— דו! — האָב איך געזאָגט.

ער האָט נאָר געיאָמערט און געשיינט צו זיין באַוווסטלאָז.

מיטאַמאָל דערהער איך פון פאָרנט ווידער עפּעס. האָב אָבער נישט געקאָנט דערגיין, וואָס פאַרא געריוש דאָס איז. דאָס איז געווען ווי דאָס קנאַקן פון האָלץ און ווידער ווי פון עפּעס אַ לעבעדיק וועזן.

כ׳האָב צונויפגערופן מיינע לייט.— מיר וועלן זיך צושלייכן לינקס פון וועג. דאָרט איז עפּעס.

כ׳בין געגאַנגען מיט פאָרזיכטיקע טריט ווייטער. צווישן די ביימער האָט דורכגעדרונגען אַ שיין. מיטאַמאָל האָט מיר אַ בלענד־געטון אין פּנים. כ׳האָב זיך געשאַרט נאָך ווייטער אויף לינקס, כּדי נישט אַריינצוגיין אין קרייז פונם פייער. כ׳האָב כּמעט נישט געזען גאָרנישט, הגם דאָס פייער איז נישט געווען באַזונדערס שטאַרק. פאַר מיר האָבן זיך געענדיקט די בוימער. אַנטקעגנאיבער איז געווען אַ נייער וואַלדראַנד. אינמיטן איז געווען אַ פּאַס־לאָנקע, אויף וועלכן ס׳האָט געברענט דאָס פייער. עמעצער האָט זיך דאָרט באַוועגט. כ׳האָב אַנידערגעקניט הינטער אַ בוים. צום פייער איז געווען אַ פופציק טריט אָדער ווייניקער. דאָרט איז געזעסן אַ פראַנצויז און צוגעלייגט שייטלעך האָלץ, וועלכע האָבן געקנאַקט. דאָס איז עס געווען דאָס גערויש, וואָס האָט מיך פריער פאַרחידושט. מיר איז די מעשה מיטן דאָזיקן מענטש פאָרגעקומען מאָדנע און אומהיימלעך. ניין, דערלעבן איז נאָך עפּעס געלעגן אויף דר׳ערד.

כ׳האָב זיך צוריקגעשלייכט צו צישען. — בלייבט איר דאָ! איך וועל צוקריכן צום פייער פון דאָרטן אַרום. ווען ס׳זאָל עפּעס געשען, שיסט פון דאַנען אין פייער, כּדי כ׳זאָל בשעת מעשה קאָנען מאַכן ויברח.

כ׳האָב זיך גערוקט צום וועג צו. אין וואַלד איז עפּעס געלעגן קווער. כ׳האָב זיך געשאַרט פון בוים צו בוים. דאָס ליגנדיקע געשטאַלט האָט געטראָגן אַ פראַנצויזישן קעפּי.

— אָאָ — עה! — כ׳האָב אַ ציטער געטון. דאָס האָט נאָר געגעניצט דער, וואָס איז געזעסן ביים פייער.

ווידער הינטער דעם נאָענטסטן בוים. דאָרט רעכטס, אויף דר׳ערד, מענטשן און טאָרניסטערס! כ׳בין פאַרגליווערט געוואָרן. אפשר איז דאָס געווען אַ פעלד־וואַך, און כ׳בין פאַרקראָכן צווישן די פּאָסטנס און דעם פייער? אָבער אין אַזאַ פאַל וואָלטן זיי מיך שוין געמוזט פונלאַנג באַמערקן, און דער באַם פייער וואָלט נישט געזעסן אַזוי רויק.

כ׳האָב זיך צוגעשלייכט הינטער דעם נאָענטסטן בוים. דערביי האָב איך אַ שטויס געטון אָן עפּעס בלעכערנס. כ׳האָב נישט באַוויזן זיך אויסצודרייען, ווי דער פראַנצויז האָט מיך פלוצלינג אָנגעקוקט.

— באָן זשור, מאָסיע! — האָט ער געזאָגט און אויפגעהויבן אינדערהייך עפּעס אַ קאָן־געשיר. כ׳בין נישט געווען זיכער, צי ער זעט מיך באמת; מחמת ס׳האָט אים באַשיינפּערלעך געבלענדט דאָס פייער. אפשר האָט ער געוואָלט אויף יעדן פאַל אָנקומען פריינטשאַפטלעכע באַציונגען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט צוריק די כלי און געזאָגט עפּעס.

— ווו זענען די פראַנצויזן? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געטייטלט מיטן פינגער הינטער זיך און געוווּנקען, גלייך זיי וואָלטן געווען שוין זייער ווייט.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו אים ביזן וואַלדראַנד און געגעבן אַ צייכן מיינע לייט. זיי האָבן אויפגעטויכט אַזוי פלוצלינג פון דער פינצטער, אַז ס׳האָט מיר אַזש הנאה געטון, ווי דער פראַנצויז האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן פון שטוינונג.

איצט האָב איך געזען גענויער: עטוואָס אויף רעכטס איז געלעגן דער וועג. אויף אים זענען געלעגן טויטע פראַנצויזן, טאָרניסטערס, ביקסן. זיי זענען, ווי ס׳שיינט, באַפאַלן געוואָרן בעתן עסן. ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויל פאַר די נישט דערעסענע מאכלים.

— הער זיך איין, האַרטמאַן! — האָב איך געזאָגט. — קאָנסט דאָך אַביסל פראַנצויזיש, פרעג אים אויס.

האַרטמאַן איז געווען אַ שלאַנקער, שוואַרצער פאַרשוין מיט בליצנדיקע אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים ביים פייער.

די איבעריקע האָב איך אַוועקגעשטעלט ביים ראַנד פון וואַלד.

— זיי האָבן דאָ ברויט, — האָט געזאָגט האַרטמאַן. ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן אין דאָזיקן אויגנבליק אומהיימלעך, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס.

— וואָס ביסטו נאָך געוואָרן?
דאָ אין וואַלד האָבן זיך געפונען צוויי קאָמפּאַניעס.
איין קאַפּיטאַן איז פֿאַרוואונדעט, אָבער זיי האָבן אים מיט־
גענומען.
— גוט, קוק דיך אום מכּח ברויט.
ער האָט אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק און די ביקס און
אָנגעהויבן נישטערן אין דעם אַרומליגנדיקן געפּעק.
אַרום איז געווען שטיל, נאָר פֿונוויטנס האָט געשריגן
עפּעס אַ פֿויגל.
— דאָס איז דער טויטן־פֿויגל — האָט געזאָגט צישע.
די דאָזיקע באַמערקונג האָט מיך געשראָקן.
האַרטמאַן האָט זיך צוריקגעקערט מיט צוויי האַלבע
ברויטן און עטלעכע פּושקעס קאָנסערוון.
פֿון הינטן טריט אויפֿן וועג: — איר זאָלט זיך תּיכּף
אומקערן.
ווען מיר זענען אַרויס פֿון וואַלד, איז שוין געווען
אַ ביסל העלער. אונטער דעם מעכטיקן בוים האָט געברענט אַ
קליינע לאַמטער. דאָרט האָט אַ דאָקטאָר באַנדאַזשירט פֿאַר־
וואונדעטע. אַרום זענען געלעגן עטלעכע, איינער מיט אויפֿגעריס־
סענער ברוסט, געל ווי וואַקס און טויט. אַנדערע האָבן
געקרעכצט.
כ׳האָב געמאָלדן דעם לייטנאַנט: — מיר האָבן אויך
צוויי ברויטן.
— באַהאַלט זיי פֿאַר אייך. פֿאַר די קאָמפּאַניע וועלן זיי
דאָך סיי ווי נישט קלעקן.
דער דאָקטאָר האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אַרבעט. ער
האָט געהאַט פֿאַרקאַשערטע אַרבל און פֿאַרבלוטיקטע אָרעמס.
— איך בין פֿערטיק, — האָט ער געזאָגט רויק — כ׳האָב
נישט מער קיין באַנדאַזשן און די אינסטרומענטן זענען גאַנץ
אומגענוגנדיק. — ער איז צוגעגאַנגען האַרט צום לייטענאַנט. —
מאָרגן אינדערפֿרי וועלן צוויי דריטל פֿאַרוואונדעטע זיין טויט.
קראַ, קראַ! — האָט געשריגן איבער אונז אויפֿן בוים.

כ׳האָב זיך אומגעקערט צום פּלוטאָן. דער לייטענאַנט איז מיר נאָכגעגאַנגען.

— מיין פערד און קאָץ זענען געבליבן נאַטירלעך פון הינטן. אַחוץ דעם האָב איך ווידער פאַרלוירן אַן אָרדינאַנס, שוין דעם צווייטן. מיר מוזן בכן שלאָפן אונטער איין קאָץ. זיינע ווערטער האָבן געקלונגען אומזיכער. ער האָט זיך געמוזט פילן גאַנץ שלעכט.

אויפן פעלד זענען געשטאַנען תבואה־סנאָפּעס. כ׳האָב געבערענגט צו שלעפן שטרוי. דערנאָך האָב איך אָפּגעשניטן דעם לייטענאַנט אַ פּעניץ ברויט.

— ס׳וועט אייך אַליין נויטיק זיין, — האָט ער געזאָגט.

— דער הער לייטענאַנט פילט זיך נישט גוט.

— עפּעס בלאָנקעט זיך מיר אַרום אין קאָפּ. — פאַראַן זאַכן, וואָס זענען ערגער פון די מענטשן, וועלכע ליגן דאָ און וועלן מאָרגן זיין טויט.

כ׳האָב נישט געוואַגט צו פרעגן ווייטער. ער איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט אין די שטערן לעבן דעם טונקעלען בוים־קרוין.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן לעבן איינאַנדער. דער קאָץ האָט מיר נאָר געגרייכט ביזן האַלבן קערפּער.

די פאַרוווּנדעטע האָבן געקרעכצט. איינער האָט געגעניצט כסדר, גלייך ווי ער וואָלט שוין נישט געקאָנט אויפהערן.

קראַ! קראַ! האָט געשריגן דער פויגל.

דער לייטנאַנט האָט געאָטעמט אומרויק. וואָס איז דאָס געווען?

— קראַ! קראַ! — האָט געשריגן דער פויגל.

כ׳האָב פריער געזען איינעם, וואָס איז געלעגן גאַנץ רויק אויף אַ טראָג־בעטל און געקוקט אויף די שטערן, ווי דעמאָלט, אין דער קוזשניע, זאַנדער. וואָס איז געשען מיט זאַנדערן?

דער לייטנאַנט האָט געזיפצט אין שלאָף. אפשר איז ער געווען ווי אַ קינד, וואָס האָט צופיל געזען?

— קראַ! קראַ! האָט געשריגן אויפן בוים.

כ'האָב ווידער געזען די אויגן, ווי זיי האָבן רויק געקוקט אין די שטערן.

ווי לאַנג וועט דאָס נאָך אַזוי דויערן?

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז נאָך געווען קיל און פייכט. די זון האָט זיך אַרויסגערוקט מיט איר אויבערשטן ראַנד פון הינטער אַ ווייטער וואָלקן-לאַווע. ס'איז געווען גאַנץ שטיל. דער לייטענאַנט לעבן מיר איז נאָך געשלאָפן. בין איך בכן אויך געבליבן ליגן און געקוקט אויפן בוים, צווישן וועמעס טונקעלע בלעטער ס'האָט אַדורכגעקוקט דער בלאַס-בלאָער הימל.

כ'האָב געשפירט אַ לייכטע אומדורכדרינגלעכע קעלט.

אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן אויפצושטיין, אויסציען זיך און צונויפצוּלייגן די קאָצן.

כ'בין אַפּערגעקראָכן פון אונזער בשותפותדיקן קאָץ. מיינע הענט זענען נאָך געווען ברוין פונם בלוט פון פראַנצויזישן אָפיציר. דאָס איז געווען, שיינט מיר, מיט אַ וואָך צוריק. זינט דאַן האָב איך מיך שוין מער נישט געוואַשן.

אין לאַזאַרעט איז געווען רויק. אויפגעשניטענע בלוזעס, אַ נאַקעטער פוס. דער מענטש אויפן טראָגבעטל האָט געגלאָצט מיט אָפענע אויגן אין הימל אַריין.

לעבן דער פעלדקיך זענען ווידער געשטאַנען די קוכערס מיט פאַרקאַשערטע אַרבל. זיי האָבן שוין וואַרשיינלעך געאַרבעט פונלאַנג. איינער פון זיי האָט אײַנגאַנצן נישט געהאַט קיין אַרבל אויפן רעכטן אָרעם, מיט וועלכן ער האָט פונאַנדערגעטיילט מיטן שעפּלעפל אין די אונטערגעשטעלטע קעסעלעך. פון דעם אָפענעם, גרויסן קעסל האָט געצעצט אַ ווייסע פאַרע.

לעבן אונז, אויפן וועג, האָבן מאַרשירט טרופּן און פאַרשווּנדן אין וואַלד. צי איז דער פראַנצויז נאָך געזעסן באַם פייער?

דער לייטענאַנט איז צוגעגאַנגען צו דער קיך אין מאַנטל. ער האָט אויסגעזען בלייך און געהאַט אויפן פּנים שטרייפן

שמוץ. כ׳האָב אים געוואָלט ווידער געבן ברויט, אָבער ער האָט עס אָפּגעשטויסן מיט אַ שאַרפער האַנט־באַוועגונג. דאַן האָט דער דער קיך־אָפיציר מיר אַרויסגענומען פון דער האַנט דעם פּעניץ ברויט, אָנגעשמירט עס מיט חזיר־שמאַלץ און דערלאַנגט פאַ־ביאַנען.

— פונוואַנען האָט איר דאָס שמאַלץ? — האָט יענער גע־פרעגט.

— אויף וואָס־זשע בין איך קיך־אָפיציר, הער לייטענאַנט?

— מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ לאָך פאַר די מתים — האָט געזאָגט ערנסט. — צי וועט דער הער לייטענאַנט רעדן אַ פּאָר ווערטער איבערן קבר?

פאַביאַן האָט זיך אויסגעדרייט: — איך קאָן נישט.

כ׳האָב מיך דערפילט מיטאַמאָל מיד און עלנט. די זון האָט גראָד אָנגעהויבן וואַרעם צו שיינען.

אַ פּאָר טריט אָן דער זייט איז געשטאַנען אַ סטויג היי. כ׳האָב מיר דאָרט געמאַכט אַ לאָך און זיך אַריינגערוקט דערין אַזוי, אַז מען האָט מערנישט אַרויסגעזען ווי די פיס.

— —

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שמועס, וואָס איז געפירט געוואָרן האַרט לעבן מיר.

— סאַניטאַר ווייס! — האָט געזאָגט פאַביאַן. — אייער פּלו־טאָן־פירער האָט מיר נעכטן אינאָוונט געמעלדן, אַז איר האָט נישט גענומען קיין אַנטייל אין אָנגריף.

כ׳בין שנעל אויפגעשטאַנען, כדי אַוועקצוגיין.

— בלייבט דאָ, רען! ס׳וועט מיר זיין ליב צו האָבן אַן עדות באַ דער אויספאָרשונג... צי האָט איר דערהאַלטן דעם באַ־פעל פון פעלדפעבל ערנסט, נאָכצוגיין דעם פּלוטאָן?

כ׳האָב אים נישט געוואָלט קוקן אין פּנים אַריין. אָבער כ׳האָב געזען, ווי זיינע פיס ציטערן.

— יאָ, הער לייטענאַנט!

— טאָ פאַרוואָס־זשע?

ער האָט נישט געענטפערט, האָט נאָר געציטערט.

— אויס מורא ?

— יאָ, הער לייטענאַנט !

פאַביאַן האָט געשוויגן. — איר זענט אויפריכטיק — האָט ער געזאָגט ענדלעך. — כ׳קאָן דאָס יעצט נישט אַנטשיידן, וואַרט דאָרט באַם בוים !

ווייס איז פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען. זיינע אָרעמס האָבן אויס אַראָפּגעהאָנגען.

דער לייטענאַנט האָט זיך צוריקגעלייגט אין שטרוי.

כ׳בין אָפּגעגאַנגען עטוואָס אָן אַ זייט און זיך צוגעקוקט צו די מאַרשירנדיקע חיילות. כ׳האָב שרעקלעך מורא געהאַט פאַר ווייסן און אויך פאַרן לייטענאַנט. ווען אים זאָל פּלוצלינג אָנכאַפּן די רציחה און... ניין, ער איז דאָך געווען גאַנץ רויק. אָבער — דאָס איז טאַקע געווען דאָס שרעקלעכע דערין, — מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס ער טראַכט.

צי האָב איך געזאָלט אייגנטלעך דאָ ווייטער בלייבן ? אָבער ווען כ׳זאָל אַנטלויפן און דער לייטענאַנט וועט זיך דערבייזערן און אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס אויף דעם אָרעמען ווייס ?... מיינע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזשעט און זיך כסדר אומגעקערט אויפן זעלביקן, פיינלעכן אָרט. און דאָ איז עפּעס נישט געווען כשורה. צי האָב איך נישט געקאָנט עפּעס טון ?

— רען !

כ׳בין צוריקגעלאָפן און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים אין איין פּחד.

— גייט אַהין צו ווייסן — ער האָט מיך אָנגעקוקט בהיסח-הדעת — און ברענגט אים דאָ אַהער ! — ער האָט זיך ווידער צוריקגעלייגט. דערביי האָב איך דערזען זיין גאַנצע רירונג, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן עטוואָס האָפענונג.

ווייס האָט געשפּאַנט לעבן דעם בוים איבער דעם פונאַנדערגעשאָטענעם שטרוי און געקוקט אויף מיר אָן אויסדרוק.

כ׳האָב אים נאָר אַ ווינק געטון מיטן קאָפּ, ער איז מיר נאָכגעגאַנגען.

אַך ! דאָס איז ווידער געווען שלעכט ! איצט קאָן ער זיך

טראַכטן, אַז איך פֿאַראַכט אים, ווייל כ'האָב נישט צו אים אויסגערעדט קיין וואָרט. מען דאַרף אים זאָגן... ניין, כ'האָב אים נישט וואָס צו זאָגן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום סטויג. כ'האָב נישט געוווּסט, ווי כ'זאָל מיך אַוועקשטעלן. און געבליבן שטיין דערלעבן.

דער לייטענאַנט איז געזעסן און אים שאַרף אָנגעקוקט.

— סאַניטאַר ווייס! איר ווייסט, אַז כ'דאַרף אייך באַשולדיקן אין ראַפּאָרט וועגן פּחדנות פֿאַרן שונא. איר וואָלט געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ קריגס-געריכט און וואָלט געווען געשענדעט אויפֿן גאַנצן לעבן... וויבאַלד כ'זאָל דאָס נישט טון, וואָלט איך אַליין באַגאַנגען אַ שטראָפּווערטיקן טאַט און דאָך טו איך עס לעת-עתּה נישט. ס'איז מיר דערווידער צו שטעלן אייך פֿאַרן געריכט, בשעת מיר וועלן אפשר נאָך היינט ווידער אַרויס אין שלאַכט. און אין שלאַכט קאָן איך נאָר גיין מיט לגמרי פֿרייע מענטשן, און נישט מיט האַלב געפֿאַנגענע. נישט קוקנדיק אויף מיין דינסטלעכער פֿליכט, שעץ איך אייך אַלס מענטש און האָב צו אייך אַזאַ צוטרוי, אַז כ'זאָג אייך: דערדאָזיקער פֿאַרפֿאַל איז פֿאַר מיר קיינמאָל נישט געשען. אייער זאַך איז צו זאָרגן דערפֿאַר, אַז אויך אייערע חברים זאָלן וועגן דעם פֿאַרגעסן. — און איצט גייט! —

ווייס האָט זיך אומגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט נאָך געציטערט גייענדיק.

— רען, זעצט זיך דאָ אַוועק!

כ'האָב זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. אָבער ער האָט שוין מער נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זייט, מיטן רוקן צו מיר, גלייך ווי ער וואָלט וועלן שלאָפֿן.

ער האָט זיך אָפּנים ענדגילטיק אַנטשלאָסן ערשט בעתן רעדן. מחמת צוערשט האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט לעת-עתּה נישט מעלדן, און דערנאָך האָט ער אויסגעשטראָכן אַלץ, וואָס איז געשען.

ער איז אַזוי געלעגן לאַנג. כ׳בין געוואָרן אַלץ אויפ־מערקזאַמער אויף זיין צושטאַנד, און זיך געפילט זייער אומרויק. איבער וואָס האָט ער זיך דאָס געגריבלט?

ער האָט זיך אויפגעזעצט: — כ׳האָב אייך גענומען אַלס עדות. כ׳וואָלט נישט וועלן, אַז מ׳זאָל אין דער קאָמפּאַניע רעדן וועגן ווייס׳ טאַט. עס ווירקט פּאַראַליזירנדיק אויף אַ מענטש, וויבאַלד מען פאַראַכט אים... ס׳איז שרעקלעכער צו שטעמפּלען אַן אָרנטלעכן מענטש אויפן גאַנצן לעבן אַלס פּחדן, איידער דערשיסן אים צום טויט!

מיר האָבן אָפּמאַרשירט טיף אין וואַלד אַריין. דאָס פייער אויף דער לאָנקע האָט נאָך געטליעט, אָבער דער פראַנצויז איז שוין דאָרט נישט געווען.

ווייטער אַהין זענען איבערן וועג געלעגן פיל טויטע גע־דיכט צוזאַמען, צווישן זיי אַ פראַנצויזישער אָפיציר.

אַרום זעקס אַזייגער אינאָוונט האָבן מיר באַגעגנט אונזער טאַבאָר, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף עפּעס אַ הויכעניש.

— האָט איר ברויט?

— אַזויפיל, אַז מ׳קאָן פּלאַצן עסנדיק.

— דאָרט איז די קאַנטינע.

— פּאַפּיראָסן האָט איר?

מיר האָבן זיך צעלייגט אין אַ גרויסן שייער. מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט עסן און געווען זייער צופרידן.

רו־טאָג

אויפצומאָרגנס אינדערפרי, באַם אַרויסגעבן די קאַווע, האָט אויסגערופן דער פעלדפעבל: — היינט בלייבן מיר דאָ!

— הער זיך איין, לאָמיר זיך גיין באָדן! — האָט געזאָגט צישע. — הינטער אונזער הויף איז דאָ אַ קאַנאַל.

מיר זענען תיכף אַהינגעגאַנגען, זיך אויסגעטון נאַקעט, פונאַנדערגעלייגט די זאַכן אויף דער זון און אַריינגעשפרונגען אין וואַסער. דער קאַנאַל איז געווען אַ טיפער און איז געפלאָסן

רדיק. מיר זענען געשוווּמען אַהין און צוריק, זיך אונטערגע־טוּקט און זיך באַשפּריצט. עטלעכע האָבן זיך געיאָגט איבער דער לאָנקע.

דערנאָך האָט מען אונדז צונויפגערופן נאָכן לוין. אַלע זע־נען געווען פריילעך און צופרידן. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ סך געלט, מחמת זינט דעם אָנהויב פון די קאַמפן האָבן מיר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסצוגעבן דאָס שכירות.

נאָכן באַקומען דעם לוין האָבן אַלע געשטורעמט צו דער קאַנטינע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אונדזער הויף. אינגיכן איז שוין דאָרט גאָרנישט געווען בנמצא, אַחוץ בריוופּאַפּיר און שיך־פּאַסטע.

אויפן שכנותדיקן הויף איז געשטאַנען דער וואָגן פון דער פעלדפּאָסט. כ׳האָב מיך אַוועקגעלייגט אין שטרוי און אָנגע־שריבן אַ בריוו צו דער מוטער.

נאָכמיטאָגס האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אויף אַ לאָנקע, הינטערן דאָרף, צום פעלד־גאָטדינסט. פאָרן פראָנט זענען גע־שטאַנען די אָפיצירן. דער פּאַסטאָר איז אָנגעקומען צו רייטן אין לאַנגן גראָען ראָק, מיט מיליטערישן הוט. אויף דער ברוסט איז אים געהאָנגען אַ זילבערנער קרייץ אויף אַ זילבערן קייטל. ער איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד און אַריין אינמיטן.

— ווען דער האַר וועט אויסלייזן די געפאַנגענע פון ציון, וועלן מיר זיין ווי די טרוימענדיקע... ליבע קאַמעראַדן, צי זענען מיר נישט די געפאַנגענע? צי זענען מיר נישט געפאַנגען פון מורא און אַנגסט און טויטשרעק? מיר האָבן ראָד־אַרום געזען דעם טויט טעגלעך אין טויזנטער געשטאַלטן. און צי זענען מיר נישט געפאַנגען פון די אייגענע איינדריקן?.. ווען אָבער דער האַר וועט אויסלייזן אונדז, געפאַנגענע, דאַן וועלן מיר זיין ווי טרוימענדיקע... טוט נאָר אַ טראַכט וועגן צען מינוט צוריק: דעמאָלט זענט איר נאָך געווען געפאַנגענע. אָבער איצט האָט איר זיך אָפּגעקערט פון אַלע שרעקענישן און ווענדט זיך צו גאָט. און צי קומט אייך איצט נישט פאָר, גלייך ווי איר וואָלט געטרוימט, אַז אַזוינס איז מעגלעך? און צי דוכט זיך אייך נישט

צוגלייך, ווי איר וואָלט ביזאַהער געטרוימט, און דאָ ערשט, באַ דער שוועל פון גאָט, הויבט זיך דאָס לעבן אָן ?..

איז דאָס טאַקע אַזוי אינדעראמתן ?

כ'האָב געזען ווי פון אַ דאַך זענען אויפגעפלויגן טויבן און זייערע פליגל האָבן געגלאַנצט אויף דער זון. אַ קליין הינטל איז אַנגעלאָפן אינמיטן דעם מיליטער-קוואַדראַט און גענומען אַרומשנאַפן די קאַמאַשן פון דעם גייסטלעכן.

שפעטער בין איך געזעסן מיט צישען אין שטרוי. זיי האָבן אַלע געפלוידערט און איך האָב אויך מיטגעפלוידערט, אָבער דאָס איז נאָר געווען לפנים. אין מיר האָט אויפגעבליצט אַ שיין, אַז ס'עקזיסטירט ערגעץ אַ קיניגרייך, וואָס איז באַשאַפן פון די חלומות פון מיין יוגנט, נאָר אַ שטאַרקערס פון יענעם. און אין דאָזיקן קיניגרייך זענען נישט געווען קיין שלאַכטן און קיין — פעלדקיכן. אגב איז דאָס נישט די מלחמה גופא, וואָס איז אַזוי שרעקלעך, נאָר — וואָס־זשע ? כ'האָב פאַרגעפילט עפעס דערפון, אָבער ס'האָט נישט געוואָלט אָננעמען די פאָרם פון אַ קלאָרן געדאַנק

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. דער לייטענאַנט איז געווען אויפגעלייגט.

די שלאַכט באַ דער מאַרנע

ברוינע פליינען. בוימלאָז איז געלאָפן דער גראָדער שאָסע אין דעם שטויבוואָלקן פון דער מאַרש-קאָלאָנע.

מ'האָט זיך אָפגעשטעלט. כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקזאַק אין דעם וועג-ראָוו. ווי דיק ס'זענען געווען מיינע הענט.

— אויפשטיין !

אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום מיר. די פעלדער זענען געשטאַנען אין דער זון נאָך פינצטערער. — בעתן מאַרש דאַרף מען נישט שלאָפן אויף דער זון ! — מיינע פיס זענען געווען פאַרשטאַרט, ווען דער שאָסע זאָל ווייניקסטנס האָבן אַן עק !

ענדלעך האָט זיך באַוויזן אַ כאַטע. פאַר איר האָט זיך

געשטופּט אַן אָפּטיילונג אַרום אַן עמער מיט וואַסער. עמעצער האָט אָנגעשעפּט אַ בעכער און אים צוגעשטעלט צום מויל. ער האָט באַקומען אַ שטויס און אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אין דער אָפענער בלוזע.

עפּעס אַ פרוי האָט אַרויסגעבראַנגט פון הויז אַ נייעם עמער. דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטון דערויף. די פרוי האָט זיך דערשראָקן, האָט געלאָזט שטיין דעם עמער און צוריק־געלאָפן אין הויז אַריין. דער פעלדשער האָט זיך איינגעבויגן, אַנדערע האָבן זיך געשטופּט הינטער אים. דאָס וואַסער איז געפלאָסן גלאַנציק איבערן שאָסעע.

ענדלעך אַ שאָסעע־פּאַרבויג אויף רעכטס, אין אַ דאָרף אַריין. דאָרט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אויך דער לייטענאַנט האָט נאָכגעשט געוווּסט, וואָס ס׳וועט זיין ווייטער.

האַרטמאַן איז אַריינגעלאָפן מיט אַ פּאָר מענטשן אין אַ גאָרטן. ער איז געזעסן אויף אַ באַרנבוים און אים געטרייסלט. מיר האָבן שוין ווידער נישט געהאַט קיין ברויט. עטלעכע האָבן זיך צוגעזעצט לעבן דער מויער, כמעט אַלע האָבן געהאַט של־שול. אַנדערע זענען געלעגן אויפן שאָסעע, אין שאָטן פון די כאַטעס און געשלאָפן.

ס׳איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון באַטאַליאָן: — גיין ווייטער!

זיי האָבן זיך שווער אויפגעהויבן. די, וועלכע האָבן אָקאָרשט געטרייסלט דעם באַרנעבוים, האָבן מיטאַמאָל אויסגעזען זייער מיד.

— ווי ווייט איז עס נאָך, הער לייטענאַנט? — האָט גע־פרעגט ערנסט.

— כ׳האָב נאָכנישט געפונען דאָסדאָזיקע אָרט. — ער האָט געזוכט אויף דער מאַפּע. — דאָ! — ער האָט עס געוויזן ערנסטן, וועלכער האָט אויסגעזען זייער איינגעמאַטערט.

— הער לייטענאַנט, אַזוי ווייט וועלן מיר נישט דערפירן דעם עולם.

— שטיל! מיר מוזן עס פּרוון. מיר גייען בראש פון דער הויפּט־מחנה, טאָ קאָנען מיר מאַרשירן גלייכמעסיק.

— רעך, איר שטעלט אַוועק די פאַרבינדונגס־לייט צווישן אונז און דער ערשטער קאָמפּאַניע!

די ערשטע קאָמפּאַניע האָט אָפּמאַרשירט. אין אַ מינוט שפּעטער האָב איך אַרויסגעשיקט די ערשטע צוויי פאַרבינדונגס־לייט, נאָך אַ ווייטערדיקער מינוט די אַנדערע, דערנאָך די דריטע, און איך אַליין בין געגאַנגען מיט די פערטע. אין אַ באַשטימטן אָפּשטאַנד איז געגאַנגען הינטער מיר די קאָמפּאַניע.

מיר האָבן מאַרשירט אין אַ פלאַכן טאָל. די זון איז פאַרגאַנגען, שאָטנס זענען אויסגעוואַקסן פון רעכטס אויף דעם פליין. ס'איז געוואָרן טונקל. כ'האָב שוין נישט געקאָנט אָבסערווירן די נאָענטסטע פאַרבינדונגסלייט. טיילמאָל נאָר האָב איך געזען אַ באַוועגונג.

מיר האָבן זיך דערנענטערט און פאַרבייגעגאַנגען עפּעס אַ דאָרף. אויף ביידע זייטן שאָסעע זענען געלעגן אומרעגלמעסיקע שטיקער וואַלד.

כ'האָב דערהערט פון הינטן: — קאָמפּאַניע, שטיי!

— שטיי! — האָב איך אויסגערופן פאַר זיך און זיך איינגעהאָרכט. כ'האָב נישט געהערט, אַז זיי זאָלן איבערגעבן דעם אויסגעשריי ווייטער. — קום נאָר מיט מיר, האַרטמאַן! מיר האָבן, דוכט זיך, פאַרלוירן די פאַרבינדונג און מיר מוזן זיך פונאַנדערציען.

כ'האָב אים אַוועקגעשטעלט אַ שטיק פאָרויס און בין געלאָפן מיט אַלע כּוחות ווייטער. דאָרט זענען זיי געגאַנגען.

— שטיי! — האָב איך אַ געשריי געטון.

איינער פון זיי האָט אָפּגעשריגן: — שטיי! — אָבער עפּעס שטיל און מיד; פון פאָרנט האָט מען ווידער נישט געענטפערט.

— צי האָט איר נאָך אָנשלוס? — האָב איך געפרעגט.

— כ'ווייס נישט — האָט געזאָגט איינער.

— איר מוזט דאָס אָבער וויסן! — האָב איך אים אָנגעשריגן. — וויבאַלד איר קאָנט נישט האַלטן קיין פאַרבינדונג, טאָ מוז איך אַליין דאָס טון!

כ׳בין געלאָפן ווייטער. ווי אַזוי־זשע וועל איך דערגיין ביז סאַמע פאָרנט, אויב ס׳וועט זיין אַזוי אומעטום ?

כ׳בין געלאָפן, האָב פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט און ווידער געלאָפן. דער טאָרניסטער האָט מיר געהאַקט אין די פלייצעס. כ׳בין געוואָרן וואָס אַמאָל צערייצטער און פאַרצווייפלטער.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען צוויי, וואָס זענען געזעסן אויפן ראַנד פון וועג.

— וואָס טוט איר דאָ ? — האָב איך אַ געשריי געטון.

— מ׳האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט. — האָט געזאָגט רויק צישע.

— צי האָט איר איבערגעגעבן ווייטער דעם רוף ?

— יאָ, פאָרנט האָט מען זיך אויך אָפּגעשטעלט.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי. מיין האַרץ האָט גע־קלאַפּט ווילד.

— ווי ווייט איז עס נאָך ? — האָט געפרעגט צישע.

— כ׳ווייס נישט — האָב איך געענטפערט שאַרף, הגם נישט ווילנדיק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט איך דערהערט טריט הינטער אונז. ווי־דער האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען, אַז מיר מאַרשירן ווייטער.

ווידער זענען מיר פאַרביי אַ דאָרף. דער באָדן איז גע־ווען זאַמדיק. וואַלד־שטיקער האָבן אונז באַגלייט. דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרייניקט אויף ביידע זייטן אין איין טרוקענעם סאָסנע־וואַלד. ס׳איז געווען אינגאַנצן שטיל.

און אָט איז באַם וועג־ראַנד רעכטס געלעגן עמעץ. — וויבאַלד זיי בלייבן שוין ליגן ביינאַכט, איז עס אַ שלעכטער סימן ! — אַ שטיקל ווייטער, זענען ווידער געלעגן צוויי.

דער וואַלד האָט זיך לינקס אָפּגערוקט אַהינטער. ס׳איז געוואָרן העלער. האַרט פאַר אונז זענען געגאַנגען די נאָענטסטע פאַרבינדונגסלייט.

דער וועג האָט זיך אויסגעבויגן לינקס אין אַ דאָרף אַריין. צי איז עס דאָ ? מיר גייען פאַרביי דעם דאָרף.

די צוויי פאַר אונז הויבן זיך אָן וואַקלען, מיר דערנענטערן זיך צו זיי שנעל. איך בין געלאָפן פאָרויס, כדי זיי אונטערצוטרייבן. דאָס זענען אָבער געווען מענטשן פון דער ערשטער קאָמפּאַניע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן פון דער רייע. פאַר זיי איז געגאַנגען נאָך דריי. וויאַזוי־זשע האָט מען דאָ איבערהויפּט געקאָנט דערהאַלטן פאַרבינדונג? אויפן ראַנד פון שאָסעע זענען זיי געלעגן צו פינף אָדער זעקס, און די אַלע פון איין קאָמפּאַניע!

ווידער הייזער אַרום. עפּעס אַ ברייט דאָרף האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונז. מיר גייען עס דורך.

כ׳בין געבליבן שטיין. אפשר זענען וועלכע פון מיינע לייט אויך געבליבן ליגן?

איך שטיי, קיינער קומט נישט אָן. ענדלעך האַרטמאַן אַליין, די גאַנצע ראָטע פאַר אים פעלט.

— און ווו איז דער אַנדערער?

— ער האָט נישט געקאָנט ווייטער.

— האָסטו פאַרבינדונג מיט דער קאָמפּאַניע?

— ניין, כ׳הער זיי שוין נישט פונלאַנג. אָבער כ׳האָב דאָך נישט געקאָנט בלייבן שטיין.

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. און אפשר זענען זיי אַראָפּ אויף אַ פאַלשן וועג בײַ איינעם פון די פיל שיידוועגן? כ׳בין געגאַנגען פאָרויס מיט האַרטמאַנען און זיך באַדענקט. דער אָפּשטאַנד צווישן אונז איז געווען צו גרויס, פון הינטן דאָסזעלבע. ווען כ׳זאָל אפילו מיך אַליין אַריינרוקן אַלס פאַרבינדונגס־מאַן, איז שוין געווען אוממעגלעך צוריקצושטעלן די קייט. האָב איך געזאָלט בלייבן שטיין און וואַרטן? וויבאַלד די קאָמפּאַניע האָט פאַלש מאַרשירט, וואָלט דאָס שוין אויך נישט געהאָלפן. ס׳איז מיר שווער געוואָרן צו טראַכטן. מיין מח איז געווען הייס און טעמפּ.

פאַר אונז האָבן אויפגעטויכט פון דעם גראָען פלייץ נידעריקע הייזלעך. דאָס איז מחויב צו זיין דער ציל פונם מאַרש!

דאָס דאָרף איז געווען קליין. ווידער זעמיר עס פאַרביי־געגאַנגען, הינטערשטעליקע האָבן זיך געשלעפּט לעבן אונז.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָבן מיר געהערט פון פאָרנט שטימען. ווידער זענען געשטאַנען כאַטעס. דאָרט האָט זיך פאַרהאַלטן די ערשטע קאָמפּאַניע.

כ'בין געבליבן שטיין און זיך אײַנגעהערט, צי אונזער באַטאַליאָן דערנעטנטערט זיך. אַ פּאָר הינטערשטעליקע זענען גע־קומען אָנצוקריכן.

אַ ברייט גערויש פון פיל שטיוול. ס'האָבן זיך באַוויזן רײַטער — דאָס איז געווען דער באַטאַליאָן.

מ'האָט אונז צוגעטיילט אַ שייער. דער עולם איז אַהין אַרײַנגעפאַלן. פאָרנט, באַם אײַנגאַנג, האָב איך אויסגעשפּרייט דעם קאָץ. איינער האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אינמיטן און זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן קאָץ.

— קריך אַראָפּ פונדאַנען! דאָס איז פאַרן הער לײַ־טענאַנט!

ער האָט אַ ברום געטון עפּעס און געבליבן ליגן.

דער הער לײַטענאַנט קאָן דאָך נישט שלאָפן הינטער דער טיר! דו מוזט דאָך האָבן שכל, מענטש איינער!

— דאָ איז דאָך שוין נישטאָ קיין אָרט! — האָט ער געמורמלט, האָט זיך אָבער אָפּגערוקט עטוואָס אָן אַ זײַט.

— ווער איז דאָ אינעווייניק? — האָט עמעץ געפרעגט דורך דער טיר.

— דריטע קאָמפּאַניע, הער קאַפּיטאַן; — האָב איך אָפּ־געענטפערט. דאָס איז געווען דער אָנפירער פון דער צווייטער, אַ זייער דיקער מענטש.

— דער שייער געהערט צו אונז — האָט ער אויסגערופן. — איר האָט דאָ נישט וואָס צו זוכן!

— אַנטשולדיקט, הער קאַפּיטאַן — האָב איך געזאָגט — אָבער דער שייער איז אונז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם באַ־טאַליאָן־אַדיוטאַנט.

— ניין, דער שייער איז פאַר אונז! איר מוזט אַרויס!

דער עולם האָט אָנגעהויבן צו מורמלען:

— מיר גייען נישט אַרויס!

און אָט איז אָנגעקומען אונזער לייטענאַנט: — הער קאַפּיטאַן, די דאָזיקע בודע איז מיר געוואָרן צוגעטיילט.

— ניין! — האָט יענער געבריליט.

— כ׳וועל נישט אַרויסגיין פונדאַנען, סיידן אויף אַ באַפעל פון באַטאַליאָן־שעף — האָט פּאַביאַן געזאָגט שטיל און שאַרף.

— טאָ וועלן מיר אייך אַרויסטרייבן פונדאַנען! — האָט געגוואַלדעוועט דער קאַפּיטאַן.

—מיר׳ן נישט אַרויסגיין! — מ׳האָט זיך שוין צוגעגרייט צו דער פאַרטיידיקונג.

— דאַן וועלן מיר אייך באַ די קעפּ אַרויסשליקען! — האָט זיך אָנגערופן עמעצער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע און זיך צוגערוקט צום טויער פון שייער.

— כ׳זוך דעם הער קאַפּיטאַן שוין אַ היפּשע צייט! — האָט אויסגערופן די שטים פון אונזער אַדיוטאַנט. — און כ׳וואָלט, כ׳לעבן, געקאָנט זוכן ביז מאָרגן, וויבאַלד דער הער קאַפּיטאַן האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדן שייער!

די צווייטע קאָמפּאַניע איז אַוועקגעגאַנגען. דער קאַפּיטאַן האָט געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט.

— דאָס איז דאָך געווען אומווירדיק פאַר אַן אָפיציר, אויפצוהויבן אַזאַ מחלוקת — האָב איך געזאָגט צו צישען.

— אָבער אימליידן אפילו נישט די זעלנער פון דער אייגענער קאָמפּאַניע.

— שטיל! — האָט געזאָגט פּאַביאַן. — ווען מיר וואָלטן אַזוי געשטאַנען פאַרן שייער, וואָלט אונז אויך דער רוח גענומען. נאָך אַזאַ מאַרש קאָן מען זיך נישט רעכענען מיט יעדן וואָרט.

דער לייטענאַנט האָט זיך אַוועקגעלייגט, איך לעבן אים און אים צוגעדעקט. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער.

— דער הער לייטענאַנט דאַרף נישט קיין מורא האָבן. מיר וועלן שוין זאָרגן פאַרן לייטענאַנט.

ער האָט תיכּף אויפגעהערט צו ציטערן. כ'האָב מיך גע-וואונדערט, וואָס כ'האָב געוואָגט אים אַזוינס צו זאָגן. ער איז געלעגן שטיל ווי אַ געהאָרכזאַם קינד. מיטאַמאָל האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו ציטערן, אָבער נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע.

— — — — — — — — — — — —

— נאָך עסן! — האָט גערופן אינדרויסן דער קיך-אונטעראָפיציר.

עטלעכע זענען אויפגעשטאַנען. איך בין ווידער אײַנגעשלאָפן.

— — — — — — — — — — — —

— הער לייטענאַנט! — האָט גערופן אַ שטים אין דער טיר — אין משך פון אַ האַלבער שעה דאַרף די קאָמפּאַניע זײַן גרייט צום אָפּמאַרשירן.

כ'בין אויפגעשטאַנען. ס'איז נאָך געווען נאַכט. כ'האָב דערשפּירט שטאַרקן הונגער.

אינדרויסן איז געשטאַנען די פעלד-קיך.

— האָט איר נאָך עפּעס צו עסן? — האָב איך געפרעגט די קוכערס.

— ניין, איצט איז שוין נישטאָ, פאַרוואָס האָט איר נישט געוואָלט אויפשטיין בײַנאַכט?

— איז ווידער נישטאָ קיין ברויט? — האָט עמיצער געפרעגט.

— די נאַכט איז אָנגעקומען אַן אויטאָ מיט ברויט. אָבער דאָס ברויט טויג אויף כּפּרות.

— גיב נאָר אַהער! — האָב איך געזאָגט.

כ'האָב אָפּגעביסן אַ שטיקל. ס'איז געווען ביטער און ווייך, ווי צעווייקטער קעז. כ'האָב עס געהאַלטן אַקעגן דער לאַמטער. פונדרויסן איז עס געווען גרין און אינעווייניק ווײַס. ס'איז געווען פולשטענדיק פאַרשימלט. כ'האָב עס אַוועקגעוואָרפן.

מיר האָבן אָפּמאַרשירט. פון פאַרנט האָט זיך דערטראָגן אַ שטאַרקער האַרמאַטן-דונער. דער פאַרטאָג איז אָנגעקומען גראָ און ניכטערן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ סאָסנע־באַוואַקסענעם שיפּוע. די זון האָט זיך אַפּערגערוקט פון הינטער דער זווי־כּוניש, ס'האָט אונז אַרומגענומען אַ זשיוויצע־ריח.

ס'איז אָנגעפאָרן די פעלדקיך און אויפגעמאַכט איר דעק. מ'האָט פונאַנדערגעטיילט געקאָכט פלייש מיט אַביסל ציבעלעס דערויף.

אָן אַ זייט, אָנגעלענט אָן אַ סאָסנע־שטאַם, איז געזעסן דער סאַניטאַר ווייס. כ'בין צוגעגאַנגען צו אים און זיך גענומען צום עסן.

— הער זיך איין! — האָב איך געזאָגט, — דער לייטע־נאַנט איז קראַנק און ער פאַנטאַזירט.

ער האָט נישט געענטפערט.

— דו מוזט מיר צוהעלפן, ווי באַלד ס'וועט מיט אים ווערן ערגער.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

כ'בין צוריקגעגאַנגען צו מיין גרופּע, זיך אַוועקגעלייגט אויפן שיפּוע און באַלד איינגעשלאָפן.

מיטאָג־צייט האָבן מיר אָפּמאַרשירט. כ'האָב זיך געפילט פריש און מונטער. פּאַביאַן האָט אָנגעטון, נישט קוקנדיק אויף דער ברענענדיקער זון, צוויי פלאַשטשן און געציטערט פאַר קעלט.

מיר האָבן זיך גערוקט פאָרויס צווישן געדיכטע וואַלד־שטיקער און זיך אַראָפּגעדרייט לסוף פון שאָסעע ווידער אין וואַלד אַריין. פאָרנט האָבן געדונערט די האַרמאַטן. אויך לינקס פון אונז אין וואַלד האָבן געמוזט שטיין האַרמאַטן.

מיטאַמאָל האָט אַ הודזשע געטון צו אונז פונווייטנס און אַ קלאַפּ געטון האַרט לעבן שאָסעע. נאָך צוויי שווערע גראַנאַטן האָבן אויפגעקנאַלט

מיר האָבן זיך גערוקט ווייטער פאָרויס.

— צי ווייסט דער הער לייטענאַנט, ווי ס'איז די לאַגע? — האָט געפרעגט ערנסט.

— כ׳ווייס נאָר, אַז מיר זענען דער לעצטער רעזערוו פון דער אַרמעע. דאָרט פאָרנט קעמפט מען שוין פון נעכטן אָן.

מיר האָבן געצויגן דורך אַ פּליין, וואָס איז געווען באַדעקט מיט איינצלנע יאַלאָוויעץ־קוסטעס.

אַ הוזאַר איז אָנגעקומען פון פאָרנט.

— אין אונזער רעכטן פליגל האָבן זיך אַריינגעריסן צוויי פראַנצויזישע שוואַדראָנען.

פון פאָרנט האָט זיך דערטראָגן אַ לעבהאַפטיק ביקסן־פייער.

מיר גייען ווייטער דורך אַ טאָל. אָן אַ זייט פון וועג זענען געלעגן עטלעכע אָפיצירן.

סורר! סורר! זענען דורכגעפלויגן איבער אונז צוויי שראַפּנעלן.

פאָרנט איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער, דיקער אָפיציר און אונז געגעבן אַ צייכן, אַז מיר זאָלן זיך לייגן אויף דר׳ערד, אָבער אַליין איז ער געבליבן שטיין.

— זענט איר פון רעזערוו? — האָט ער געפרעגט.

ער איז געשטאַנען אויסגעגלייכט אויפן שאָסעע, מיטן פלאַטערנדיקן פלאַשטש. פונווייטנס האָט געגרעגערט אַ קוילנוואַרפער: טאַק, טאַק, טאַק, טאַק.

— ווי זיי שיסן עס אַביסל! — האָט ער געלאַכט. — מ׳קאָן, כ׳לעבן, מיינען, אַז זיי שיסן אויף מיר.

ער איז פּאַוואָליע אַראָפּגעגאַנגען פון שאָסעע.

אונזער קאָמפּאַניע האָט געלאַכט. עטלעכע זענען אויפגעשטאַנען, האָבן אָפּגעשפּיליעט די הויזן און זיך אַראָפּגעזעצט.

ששש — פראַמם! איז געפאַלן אינמיטן צווישן זיי. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן רויך. עטלעכע האָבן גיך אַרויפגעכאַפּט זייערע הויזן און צוריקגעלאָפן צו דער קאָמפּאַניע. איינער נאָר איז געבליבן זיצן, אויסגעדרייט צו אונז מיט זיין ברייטן הינטערחלק. מיטן קאָפּ געווענדט אַהינטער, ווי באַ אַ סאָווע, האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגן אויפן וואָלקן רויך.

— מאַקס, דאָס איז דיר געקומען אומדערוואַרט, הע? — האָט עמעצער אויסגערופן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט מיט ברייטע טריט דער גענעראַל און זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו דעם ספּעקטאַקל.

שש! — פּראַמם! האָט אַ קראַך-געטון אַ גראַנאַט לינקס פון אונז. פאָרנט האָבן געשאָסן עטלעכע קוילנוואַרפערס. איבערן שאָסע זענען צוריקגעגאַנגען סאַניטאַרן מיט טראָגבעטלעך.

לינקס זענען אָנגעקומען עטלעכע פון פראָנט. זיי האָבן אויסגעזען ס׳רוב צו זיין פאַרוואונדעט. איצט זענען אויך טייל אָנגעקומען מיטן שאָסע. זיי זענען געלאָפן אומרויק.

— דאָ אַהער! — האָט גערופן פּאַביאַן.

פּראַמם! אַ גראַנאַט.

— כ׳בין פאַרוואונדעט, הער לייטענאַנט! — האָט אויסגערופן איינער פון זיי פאַרוואַרפספּול.

— כ׳מיין דאָך נאָר די אומפאַרוואונדעטע.

דאָס זענען געווען מענטשן פון אונזער צווייטן באַטאַליאָן.

אַן אָפיציר — דאָס איז געווען דער לייטענאַנט פאָן בעהם — איז אַרויף אויף פּאַביאַנען.

— די חזירים?

— וואָס איז געשען? — האָט געלאַכט פּאַביאַן.

— די חזירים האָבן מיר אַוועקגעלקחנט די פּאַפּיראָסן.

— די מענטשן פון דיין אייגענער קאָמפּאַניע? דאָס איז באמת אַ געמיינהייט!

— אַך ניין, די חזירים, די פראַנצויזן!

— אָבער ווי קומען זיי עפּעס צו דיינע פּאַפּיראָסן?

— נו, כ׳האָב אַוועקגעטראָגן העסן, וואָס האָט געפּאַקט אַ שאָס אין בויך, און די פראַנצויזן זענען געווען האַרט הינטער אונז. כ׳האָב געמוזט אַוועקוואַרפן דעם טאָרניסטער. אין דערין זענען געווען הונדערט שטיק פּאַפּיראָסן! איצט האָבן זיי זיי שוין, די חזירים!

— און ווו איז העס?

— כ׳האָב אים געמוזט לאָזן ליגן, כדי מיך גופא אַרויס- צוקריגן!

פּראַמם! פאַר אונז.

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען ?

— אַך, פאַסקודנע ! מיר רוקן זיך מיטן וואַלד. מיטאַמאָל האָט גענומען קראַכן פון אַלע זייטן. דער קאַפּיטאַן מאַרטין האָט געקריגן איינס אין קאָפּ. דער מאַיאָר איז געפאַלן און בענדער אויך... און די חזירים רויכערן יעצט מיינע פּאַפּיראָסן !

ער האָט אָנגעהויבן איינצוטיילן די צוריקגעקומענע אין נייע גרופּעס.

דאָס ביקסן-פייער פאָרנט האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט. ס'האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

אויפן שאָסע האָבן זיך באַוויזן צוויי אָפיצירן. איינער פון זיי האָט געהינקט. דאָס איז געווען אונזער פּולק-קאָמאַנדיר. זיין אַדיוטאַנט האָט אים אונטערגעהאַלטן.

— ווי זעט אויס די סיטואַציע ? — האָט געפרעגט דער גע-נעראַל.

— מיר האָבן באַזעצט דאָ דעם וואַלדראַנד און גראָבן זיך איין. רעכטס געפינען זיך פראַנצויזן.

— מיר האָבן אָפּמאַרשירט מיט דעם שיפּוע אויף רעכטס. דער לבנה-סערפּ האָט אָנגעהויבן צו שיינען איבערן וואַלד.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ סטעזשקע. דאָרט איז געלעגן אויסגעצויגן אַ פראַנצויז.

— טוט אַ קוק, צי ער איז טויט ?

כ'האָב אָנגענומען זיין האַנט, זי איז געווען שטייף. מיר זיינען דורכגעלאָפן אַ קעלט איבער די ביינער.

אַביסל ווייטער האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ האַלב-אָפּענעם שייער, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט קוזשאַקעס.

— פּלוטאָן-פירער ! — האָט דער לייטענאַנט שטיל אויסגערופן.

— מיר דעקן דעם רעכטן פליגל. פאַר אונז געפינען זיך צוויי קאָמפּאַניעס. איר הערט, ווי זיי שאַנצן. מיר שטייען הינטער זיי אַלס רעזערוו. מיר טאָרן, נאַטירלעך, נישט אָנצינדן קיין ליכט. דער צווייטער פּלוטאָן זאָל פונאַנדערשטעלן פּאָסטנס אַרום דעם שייער.

מיר האָבן אַוועקגעלייגט דאָס געפּעק אין דעם גרויסן

שייַער. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן גאַנץ ווייניק שטרוי. כ׳האָב צונויפגעקליבן אַביסל פּאַרן לייטענאַנט און ערנסטן.

כ׳האָב דערהערט אינדרויסן די אָנקומענדיקע פעלדקיך. מיר זענען אַהינגעגאַנגען צו איר. דאָרט איז געשטאַנען דער קאָמפּאַניע-פעלדפעבל און אַרויסגעצויגן פּאַפּירן פון אַ לעדערנער טעקע.

— וווּ איז דער הער לייטענאַנט? — האָט ער געפרעגט.

כ׳האָב זיך אומגעקוקט. ס׳האָט זיך דערנענטערט דער פערדידינער צוזאַמען מיט דעם קאָמפּאַניע-פירערס פערד.

— כ׳האָב דאָ דעם קאָץ און די קאָלדרע. ווו זאָל איך עס אַוועקלייגן?

— דער הער לייטענאַנט איז דאָך תּמיד בּאַם עסן-אַרויסגעבן — האָט געזאָגט ערנסט.

ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנער פּחד. כ׳בין אַהינגעלאָפן צו דער שאָפע. ס׳איז קיינער דאָרט נישט געווען. און דאָך — עמעצער איז אינדערפינצטער געווען אָנגעלענט אָן דער וואַנט.

— הער לייטענאַנט! — האָב איך שטיל געפרעגט.

— יאָ, וואָס איז?

— צי זאָל איך דעם הער לייטענאַנט ברענגען דאָס עסן?

— יאָ, כ׳קאָן רעכט נישט גיין; עס מישט זיך מיר אין קאָפּ.

כ׳בין אַוועקגעלאָפן צו דער פעלדקיך.

— טראָג אַוועק דעם הער לייטענאַנט די זאַכן אין שייַער אַריין — האָב איך געזאָגט צום פערד-האַלטער.

ערנסט האָט מיך אָנגעקוקט.

כ׳האָב געבּרענגט דעם לי... דיקן אַן אַלומיניום-טעלער, וואָס איז געווען זייער הייס און אַנידערגעקניט פאַר אים. ער האָט געגעסן ווייניק. דער קאָמפּאַניע-פעלדפעבל האָט אָנגעצינדן אַ ליכט און אָנגעגאָסן אַ בּעכער רויטוויין. פאַביאַן האָט אויסגעזען צו האָבן היץ.

כ׳בין אַוועק צו דער קיך, כּדי אויפצוזוכן ווייסן.

— דו! — האָב איך געזאָגט — ווו איז אונזער באַטאַליאָן-דאָקטאָר?

— כ׳ווייס נישט — האָט ער געזאָגט מיט דערשראָקענע אויגן.

כ׳האָב איבערגעטראַכט. באַנאַכט און אין דערדאָזיקער וואַלדיקער געגנט איז נישט קיין אופן געווען אים צו געפינען.

כ׳בין צוריקגעגאַנגען אין שייער אַריין. דער פעלדפעבל האָט אַוועקגעלייגט פאַרן לייטענאַנט אַקטן אונטערצושרייבן. דער־נאָך האָט אים ערנסט צוגעדעקט.

— כ׳דאַנק אייך! — האָט ער געזאָגט און געלעגן שטיל.

דער עולם איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב מיך אויך אַנידערגעלייגט. וואָס וועט יעצט מיט אונז ווערן?

דורך דעם שייער האָט געווייעט די פייכטע, באַנאַכטיקע לופט. ווי שרעקלעך האָט דאָס געמוזט זיין באַ אַזאַ פיבער! כ׳האָב אויפגעשווידערט און מיך געפילט אַליין קראַנק. אַזוי האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט די מלחמה. ס׳נעמט דיך אַרום אַזאַ צער אויף די מענטשן, אַזאַ שרעקלעכער צער, בפרט אַז מ׳קאָן זיי גאָרנישט העלפן. אַלע ווערן אַזוי אומברחמנותדיק אַוועקגע־ריסן. —

דער לייטענאַנט איז שוין געשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— הער לייטענאַנט! — ס׳איז געווען גראָער פאַרטאָג — די קאָמפּאַניע זאָל דאָ באַזעצן דאָסדאָזיקע שטיקל וואַלד און זיך איינגראָבן.

מיר האָבן זיך גערוקט אַ פּאָר הונדערט מעטער פאָרויס. דער באָדן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פאָרנט אין אומרעגלמע־סיקע וואַלדשטיקער.

כ׳האָב אָנגעהויבן צו גראָבן די ערד מיט אַ קורצן רידל. אונטער דעם אויבערשטן שטייניקן שיכט האָב איך אָנגע־טראָפן אויף אַ האַרטן און טונקלען שיכט. מיר האָבן געהאַט אין דער גרופּע נאָר איין גראָבאייזן, מיט וועלכן ס׳האָט גע־האַקט עמעצער פון לינקס. כ׳האָב געפּרוווט צו פאַרטיפן מיין לאָך מיט דעם קאַנט פון רידל.

שוין נאָך עטלעכע מינוט איז מיר דער שווייס געראָנען

איבערן שוזערן. דערווייל איז געוואָרן העלער, און די זון האָט באַשיינט די קרוין פון אַ דעמב, וואָס האָט ברייט אַרויס־געשטאַרט איבערן וואַלד.

די האַרטע ליים־שיכט איז געווען דין און הינטער איר האָט זיך געפונען געל זאַמד. מיין לאָך איז אינגיכן געווען גע־נוג טיף, אַזוי אַז כ'האָב געקאָנט פון איר אַרויסשיסן האַלב ליגנדיק, האַלב קניענדיק.

הינטער אונז האָט זיך אַוועקגעלייגט הינטער אַ סאָסנע פאַביאַן מיט זיין אָרדינאַנס, און אויך ווייס.

אַ ביקסן־שאָס פון פאָרנט!

כ'האָב זיך אומגעקוקט, אָבער כ'האָב גאָרנישט געקאָנט באַמערקן. דאָס אַרומשאַנצן האָט אויפגעהערט: אַלץ איז געווען טויט שטיל.

נאָך אַ שאָס!

דאָס שטיקל וואַלד אַקעגנאיבער האָט זיך דערנענטערט צו אונז אין דער פאָרם פון אַ קלין אויף לערך צוויי הונדערט פופציק מעטער. פון לינקס האָט זיך דער וואַלדראַנד צוריקגע־רוקט אַהינטער, און דערנאָך איז ער קווער אַריין אין אונזערע ליניעס, ווען מעס לינקער פליגל איז געלעגן פאַרבאָרגן הינטער אַ קליינער הויכעניש.

לינקס עטלעכע ביקסן־שאָסן פון אַ גאַנץ באַדייטנדיקן מרחק. אַ דייטשישער קוילנוואַרפער האָט געגרעגערט טררררר!

מיין גרופע געפינט זיך אויפן רעכטן פליגל. איך קום אויף רעכטס. לעבן מיר ליגט צישע, דאַן לעהמאַן, און ווייטער הינטער אַ גרופע שטיינער, האַרטמאַן. דער חברהמאַן זעט אויס צו שלאָפן.

כ'לויף צו אים אַריבער.

— סט! — מאַכט האַרטמאַן און בלייבט ליגן שטיל.

איך לייג מיך לעבן אים.

— דו! — שעפטשעט ער. — דאָרטן אונטן באַם וואַלדראַנד באַוועגט זיך עפעס.

— אויף וועלכן, אויפן רעכטן, צי אויפן לינקן?

— אויפֿן לינקן.

— דו, די פּראַנצויזן טאָרן זיך בשום אופן נישט אַרײַנ־קריגן פֿון זייער וואַלד אין אונזערן. פֿון איין עק צום צווייטן איז נישט מער ווי צוואַנציק טריט. אין דעם צווישנדיקן רוים מוזן מיר זיי אָפּשיסן. טאָמער וועלן זיך באַווייזן אַ פּאָר, טאָ נעם דו דעם רעכטן, און איך דעם לינקן.

האַרטמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָרט! — פֿליסטערט ער און הויבט אויף זיין ביקס.

באַם לינקן וואַלדראַנד באַוועגט זיך עמעץ. פּלוצלינג נעמט ער לויפֿן מיט גרויסע טריט אויף רעכטס.

— פּאַרזיכטיק! — זאָגט האַרטמאַן.

דאָס האָט געמוזט זיין דער לייטענאַנט פֿאָן בעהם. הינטער אים לויפֿט נאָך איינער און אַ דריטער. אַ שאָס קנאַלט. זיי פֿאַרשווינדן באַם רעכטן ראַנד.

פֿון לינקס צוויי שאָסן ראַש נאָכאַנאַנדער.

— פֿייער! — ברילט ערנסט.

— היט נאָר דיין שטיקל וואַלד! — שריי איך האַרטמאַנען אין אויער אַריין.

פֿון לינקס, אויס דעם קווערן וואַלדראַנד, זענען אַרויסגע־גאַנגען עטלעכע פּראַנצויזן. איינער איז אַנידערגעפֿאַלן, דער אַנ־דערער איז אַנטלאָפֿן צוריק.

איצט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע באַם וואַלד־קלין אויף רעכטס. די פּראַנצויזן זענען בכן געשטאַנען לענגאויס אונזער פּאָזיציע. איך ציל אין נאָענסטן. די שאָסן קראַכן.

איך דריק אָפּ. ער איז געפֿאַלן. איך לאָד אָן.

האַרטמאַן שיסט.

הינטער אונז קומען אָנצולויפֿן עטלעכע.

באַם וואַלדראַנד לויפֿן צוויי אויף רעכטס. איך ציל אויפֿן הינטערשטן.

לעבן האַרטמאַנען וואַרפֿן זיך צוויי, לעבן מיר דער לייטענאַנט. איך שיס.

ווידער באַווייזן זיך דריי אין דעם צווישנדיקן חלל.

צוויי שאָסן לעבן מיר!

איינער לויפט קעגנאיבער צוריק. איין שאָס דאָרט אַהין! ער פאַלט אַנידער. בעהמס פּאַטרול איז נאָך מסתּם דאָרטן.

אַ ביקסן־קויל פליט פון לינקס האַרט איבער אונז.

— הער לייטענאַנט! גייט אַראָפּ פון דעם הויפן שטיינער! — שריי איך, הגם עס הערשט גראָד אַ שטילקייט.

איך קוק אויפן לייטענאַנט, ער אויף מיר, פּוסט, מיט גראָען בליק.

ער קוקט זיך גלייכגילטיק אַרום. אויפן לינקן פליגל קנאַלט נאָך אַ שאָס. ער שטייט רויק אויף און קערט זיך אום אונטער זיין סאָסנע.

— שלעכט מיט אים! — זאָגט האַרטמאַן, נישט באַוועגנדיק זיך.

נאָך אַ שטיקל צייט האָב איך באַמערקט, אַז איך די פּלייצעס ברענט מיר אומאָנגענעם די זון.

שעהן זענען פאַרגאַנגען. די זון האָט געבאַקן. אַ פּאָר מאָל בין איך שיר נישט איינגעשלאָפן.

כ׳בין געווען שטאַרק הונגעריק. כ׳האָב אָפּגעשפּיליעט די מאַניערקע און זי אַרונטערגעלייגט אונטער אַ הויפן שטיינער, כּדי אָפּצוקילן די קאַווע.

סיו־קראַפּפּ! איז אָנגעפלויגן אַ גראַנאַט און געפאַלן צווישן מיר און דעם לייטענאַנט אויף דר׳ערד.

ש־בראַ־ררר! די שפּליטערס האָבן געצישעט.

כ׳האָב מיך אומגעקוקט. די זעלנער און ווייס האָבן נאָכ־געקוקט די גראַנאַטן־שפּליטערס. דער לייטענאַנט איז געלעגן אומבאַוועגלעך, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט.

פראַמם! צוויי טריט הינטער מיין פריערדיקן לאָך. די קוילן האָבן געטראָפן ווייטער צו דער מיט קאָמפּאַניע. אַלע זע־נען געווען צו ווייט. די מייסטן זענען געגאַנגען בלינד אין דעם באָדן. בלויז יעדער דריטער אָדער פערטער גראַנאַט האָט אויפגעריסן.

מיטאַמאָל האָט אַ גראַנאַט געקלונגען אַנדערש. כ׳האָב מיך

אומגעקוקט. וווהין זיי זענען איצט געלאָפן, האָב איך נישט גע־קאָנט זען. ווארשיינלעך האָבן זיי איצט געשלאָגן אין דער נאָענט פון דעם שייער, אין וועלכן מיר האָבן איבערגענעכ־טיקט.

כ׳בין געוואָרן טעמפּ. ס׳האָט געקראַכט כסדר און גלייכמעסיק.

די זון איז שוין געשטאַנען נידריק און אונז געשיינט אין פּנים. זינט אַ געוויסער צייט האָבן די גראַנאַטן ווידער געשלאָגן נאָענט פון אונז.

— סאַניטאַר! — דאָס איז געווען לעהמאַן אין שכנותדיקן לאָך.

פון הינטן איז אָנגעלאָפן ווייס. ער האָט אויסגעזען זייער בלאַס.

די שאָסן האָבן געטראָפן אין דער נאָענט פון בוים, אונ־טער וועלכן ס׳איז געלעגן פּאַביאַן.

קראַמסס! כ׳האָב זיך אַ טרייסל געטון. דאָס איז געווען זייער נאָענט. ווייס האָט זיך אָפּגעווישט פון פּנים עפּעס רויס־ווייסעס. דערנאָך האָט ער אָפּגעווישט די האַנט אָן גראָז. לעה־מאַן האָט אַ געשריי געטון, און איז פּלוצלינג אַנטשוויגן גע־וואָרן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס האָט מיך פון לעהמאַנען באַשפּריצט, די געהירן.

— צי האָט עס דיר אויך עפּעס געטון?

— כ׳ווייס נישט. דער אַרבל איז מיר אויפגעריסן.

כ׳בין צוגעקראָכן צו אים. לעהמאַן האָט זיך שוין אינ־גאַנצן איינגעשטילט. זיין הינטערשטע טייל קאָפּ איז געווען צעשמעטערט און באַקלעבט מיט שוואַרצע האָר. דער רעכטער אַרבל פון ווייסן איז געווען אויפגעטרענט בּאַם אָרעם.

— גיב אַהער דיין מעסער!

כ׳האָב אים אָפּגעשניטן דעם אַרבל פון דער בלוזע. אויפן העמד־אַרבל איז געווען אַ פלעק פון בלוט. דעם אַרבל האָב איך אויך אַוועקגעשניטן. דער אָרעם־מוסקל איז געווען צעראַצט און פאַרלאָפן מיט בלוט.

— טוט עס דיר זייער וויי?

— כ'ווייס נישט. — האָט ער געענטפערט יאָמערלעך. כ'האָב אים פאַרבאַנדאַזשירט.

— הילף, סאַניטאַר! — האָט מען גערופן פון לינקס. ווייס האָט מיך שרעקעוודיק אָנגעקוקט.

— הילף, סאַניטאַר! גיי אַהין! — האָב איך האַרט געזאָגט. אָבער כ'האָב נישט געוווסט, צי ס'איז רעכט אַזוי.

ווייס איז אויפגעשטאַנען; ער האָט נישט געקוקט אויף מיר, איז אַהינגעלאָפן איינגעבויגענערהייט.

כ'האָב אויפגעהויבן זיין אַרבל און אים באַהאַלטן אין קעשענע.

כ'האָב געמוזט אַרויסנעמען לעהמאַנען אַלע ווערטפולע זאַכן. כ'האָב אַרומגענישטערט אין זיינע קעשענעס. דאָרט איז נאָר געווען אַ טאַשנטיכל, אַ קליין שפיגעלע און אַ פּאָרטפעל. בדי אַרויסצוקריגן דאָס זייגערל און דעם דערקענונגס-צייכן, האָב איך אים געמוזט איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט. זיין קאָפּ איז געפאַלן מיטן אָפענעם מויל אין זאַמד אַריין.

כ'האָב אים אויפגעקנעפּלט די בלוזע און דאָס העמד און דורכגעשניטן די באַנד פון דעם דערקענונגס-צייכן. זיין ברוסט איז נאָך געווען וואַרעם. פון אַ קליינער קעשענע פון פאָרנט האָב איך אַרויסגעצויגן דאָס זייגערל מיטן זילבערנעם קייטל, האָב באַהאַלטן אַלצדינג און צוריקגעקראָכן צו האַרטמאַנען.

דער אָרדינאַנס עקאָלד האָט גערופן פון הינטן: — הער פעלדפעבל ערנסט צום הער לייטענאַנט!

ערנסט איז אונטערגעלאָפן איינגעבויגענערהייט און אַני־דערגעקניט באַ דעם לייטענאַנט, וועלכער האָט נאָר עטוואָס אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו מיר און זיך אַוועקגעלייגט דערלעבן. וואָס האָט ער דען געוואָלט פון מיר? ער האָט אויסגעזען אומרויק.

— דער לייטענאַנט האָט מיר אָנגעטרויט די קאָמאַנדע פון דער קאָמפּאַניע און מיר געזאָגט, אַז דאָ איז איר וויכטיק־סטער פּונקט. טוט אומבאַדינגט אַכטונג אויף אַלעם דאָ!

— ווייסט דער הער פעלדפעבל עפּעס וועגן דער אַלגע־מיינער לאַגע?

— די פראַנצויזן האָבן היינט אינדערפרי אָנגעגריפן אונ־זער אַרמעע אויף ברייטן פראָנט, זענען אָבער אומעטום אָפּגע־שלאָגן געוואָרן.

ער איז אַוועקגעלאָפן איינגעבויגן אויף לינקס.

דאָס געשיסעריי האָט אויפגעהערט. וואָס וועט זיין מיט אונז אָן דעם לייטענאַנט?

שש—פּאַק! אין אונזער ליניע, צום גליק אַ בלינדער שאָס.

סס—פּאַם! ווידער האָט עמעצער אַ געשריי געטון, דאָס איז זיכער געווען הויסלער פון מיין גרופּע. פונהייטנס איז אָנ־געלאָפן ווייס מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן אָרעם.

די זון האָט זיך גענויגט אויף מערב. דער לבנה־סערפּ איז געשטאַנען לינקס איבערן וואַלד. ס׳איז געוואָרן גאַנץ שטיל. ווייס האָט פאַרבאַנדאַזשירט אַ פאַרוווּנדעטן. די זון איז פאַר־שווּנדן. אַרום האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט געדיכטע שאָטנס.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן און אַהינגעגאַנגען צו ווייסן. ער איז אויפגעשטאַנען.

— כ׳האָב דיר געבראַנגט דיין אַרבל. ווי־זשע איז מיט דיין אָרעם?

— עס טוט וויי, אָבער ס׳מאַכט נישט — האָט ער גע־ענטפערט מאָדנע הייטער און פריש. ער האָט אָבער זייער בלאַס אויסגעזען.

כ׳האָב אים דערלאַנגט דעם אַרבל.

ס׳איז אָנגעלאָפן עקאָלד.

— וואָס איז?

— די קאָמפּאַניע רוקט זיך אָפּ. — ער האָט מיך נישט אָנגעקוקט און שנעל אַוועקגעלאָפן ווייטער. דאָס איז עפּעס נישט געווען זיין שטייגער. שוין־זשע זאָל דאָס זיין אַ צוריקטריט?

ערנסט האָט צונויפגעזאַמלט די קאָמפּאַניע און אויסגעשטעלט אַ הינטערשטע וואַך און אַ פּאַטרול אַלס זייטן־דעקונג.

— מיר טרעטן אָפּ! — האָט עמעצער געמורמלט.
— ווו איז פּאַביאַן? — האָט מיך געפרעגט ליבאָלד.
— כ׳ווייס נישט — האָב איך אָפּגעענטפערט און מיך אויסגעדרייט.

מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן צווישן וואַלד־שטיקער. פון רעכטס האָב איך געהערט דאָס קלאַפּן פון די גראַב־מכשירים. דאָרט האָבן אויך אָפּמאַרשירט טרופּן. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. דאָ האָט זיך געזאַמלט דאָס פולק. עטלעכע קאָמפּאַניעס האָבן געציילט קוים צו פערציק מאַן.

ערנסט איז געשטאַנען שטום פאַר דער קאָמפּאַניע.
כ׳האָב אים געפרעגט שטילערהייט:
— ווו איז דער לייטענאַנט, הער פעלדפעבל?
— אין נאָענטסטן לאַזאַרעט.
— ווייסט דער הער פעלדפעבל, וואָס אים איז?
— וואַרשיינלעך טיפוס.

מיר האָבן אָפּגעטרעטן ווייטער מיטן שאָסע. כ׳האָב מיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט רעדן. דאָס איז נישט געווען קיין קערפּערלעכע אָפּשוואַכונג, הגם כ׳בין געווען זייער הונגעריק. אָבער דער געדאַנק, אַז מיר טרעטן אָפּ! — ווי ווייט? לעבן מיר האָבן זיך געגריבלט אַנדערע.

מיר האָבן מאַרשירט. די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. ווען מ׳זאָל ווייניקסטנס אָנטרעפן די פעלדקיך!

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ הויכצניש.
— ווער ליגט עס דאָרט? — האָט געפרעגט ערנסט און אָנגעוויזן אויף דעם שאָסע, וואָס איז געגאַנגען אונטן.
— עפּעס אַן אָפיציר — האָב איך געזאָגט, אַהינגייענדיק צו דעם ליגנדיקן געשטאַלט. ער איז געווען אינגאַנצן איינגעוויקלט אין זיין פּלאַשטש. איך האָב זיך דערשראָקן.
— הער לייטענאַנט!
ער האָט אויפגעוויקלט דעם פּלאַשטש און מיך אָנגעקוקט.

— ווי אַזוי קומט עפּעס דער הער לייטענאַנט אויף דער נאַסער לאַנקע?

— רען? — געלויבט צו גאָט, ס׳איז מיר עטוואָס בעסער.

כ׳האָב אים געהאָלפן אויפשטיין און אַרויפגיין אויפן שאָסע.

— כ׳האָב געוואָלט גיין אין לאַזאַרעט. אָבער ער האָט געזאָלט איבערגיין צו די פּראַנצויזן. כ׳האָב שוין נישט געקאָנט גיין ווייטער.

אונזערע האָבן גראָד אָפּמאַרשירט. מיר האָבן געמוזט אַריין אין די רייען. כ׳האָב גענומען דעם לייטענאַנט אונטערן אָרעם. ווען כ׳זאָל אים געוועזן איבערלאָזן, וואָלט ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ער איז געווען הויך און שווער און נישט געקאָנט גיין אַזוי שנעל ווי די אָפּטיילונג. כ׳האָב אים געמוזט ציען. באַלד האָט מיך באַגאָסן אַ שווייס, און מיין רעכטער אָרעם, מיט וועלכן כ׳האָב אים אַרומגעהאַלטן, איז שוין אינגאַנצן געווען געליימט. סאַראַ אַנדערע ברירה האָב איך געהאַט?

— לאָזט מיך דאָ איבער! — האָט ער שטיל געזאָגט. — כ׳קאָן נישט אַזוי שנעל, עס שווינדלט מיר אין קאָפּ.

— בשום אופן נישט! — האָט געזאָגט ערנסט. — איך מיט רעכענען וועלן מיר שוין ברענגען דעם הער לייטענאַנט אין אַ קוואַרטיר.

ער האָט אונטערגעהאַלטן דעם לייטענאַנט פון רעכטס. ער איז געווען זייער שטאַרק און נישט געטראָגן נישט קיין טאָרניסטער, נישט קיין ביקס. אָבער ס׳איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער צו שלעפּן דעם לייטענאַנט. ער האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט שרעקלעכע קרעכצן. מיר איז שוין דער שווייס גערונען פון דער שפּיץ נאָז.

— דאָ שטייט די פעלדקיך — האָט פּלוצלינג געזאָגט האַרטמאַן.

מיר האָבן אַרויסגעצויגן דעם לייטענאַנט פון דער קאָלאָנע. דער קאָמפּאַניע-פעלדפעבל און דער פורמאַן האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף דער קעלניע.

מיר זענען נאָכגעלאָפן דער קאָמפּאַניע. כ׳האָב אַ שטויס־געטון מיט ברוסט און שטערן אָן אַ שאָסעע־בוים און זיך גע־קייקלט ווייטער. מיינע רעיונות האָבן זיך מיר צעמישט אין לויפן. ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

מיר האָבן שוין פון ווייטנס דערזען אַ גאַרניזאָן געמאַכט אין מויל אַריין.

די קאָמפּאַניע האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן בײַ דעם הויף, וווּ ס׳איז פאָרגעקומען דאָס מחלוקת מיטן קאַפּיטאַן פון דער צווייטער קאָמפּאַניע.

דער לייטענאַנט פאַן בעהם האָט פאַרטיילט די קוואַרטירן. צי האָט ער איצט אָנגעפירט מיט דער קאָמפּאַניע? ער האָט גע־האָלפן פאַביאַנען אַראָפּקריכן פון דער פעלדקיך און אים אַרײַנ־געפירט אין הויז. עקאָלד האָט אים אַרײַנגעטראָגן דאָס עסן.

— דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער מין קאָמפּאַניע־אָנפירער — האָט געזאָגט צישע.

— ווו האָסטו דען דיין אַרבל? — האָב איך געפרעגט ווייסן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער קיך און געגעסן, ווייס ווי קרייד אונז שמוציק.

— ער איז מיר ערגעץ אַוועקגעקומען. — עפּעס אַ פּחד איז אים געשטאַנען אין די אויגן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין מורא פאַרן שיסן.

— וועסט גיין צום דאָקטאָר?

ער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס דען נישט?

— דו מוזט מיר צוהעלפן, אַז כ׳זאָל בלייבן לעבן אייך.

שוין־זשע האָט ער נאָך אַלץ געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז נישט קיין פּחדן.

— אָבער דו מוזט דיר לכל־הפּחות שאַפן אַ נייע בלוזע. אַזיסטן וועלן אַלע זען דיין וווּנד.

ער האָט אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ. עפּעס איז מיט אים אייגנט נישט געווען כשורה. כ׳האָב אים געוואָלט פרעגן, אַלמאַי ער וויל בלייבן. אָבער ער האָט גערעדט אַזוי נישט גערן

בינו-לבינו איז געוואָרן העלער טאָג. מיר האָבן זיך אַוועק-געלייגט אינם שייער. כ׳האָב נאָכאַנאַנד געגעניצט און זיך געפּילט פאַרמאַטערט. דערצו האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן. ווי דאָס אַלץ איז געווען מיאוס!

פלוצלינג האָט מיך גענומען שוידערן. צי האָב איך זיך אָנגעשטעקט פון לייטענאַנט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. עמעצער איז געלעגן האַלב איבער מיר, און איך האָב געמוזט אַרויסגיין, און זייער גיך. כ׳האָב אים צוריקגעשטופּט און בין אַרויסגעקראָכן פון שייער. אינדרויסן האָט געשיינט די זון. אויפן הויף האָט גערויכערט די פעלדקיך. כ׳בין געלאָפן הינטערן הויז אין גאָרטן אַריין.

כ׳האָב געהאַט שטאַרקן שלשול.

ווען כ׳בין אויפגעשטאַנען, האָב איך זיך דערפילט זייער לייכט, אָבער צוגלייך אַביסל שוואַך. כ׳בין צוריקגעגאַנגען.

אויפן וועג איז איצט געשטאַנען אַ פויערישער וואָגן. בעהם האָט געפירט אונזער לייטענאַנט, וועמענס פנים האָט אויסגעזען אַלט און פיבעריק, און אים געהאָלפן איינשטייגן אין דעם וואָגן.

— גריס דאָס פאַטערלאַנד! — האָט אויסגערופן בעהם.

פאַביאַן האָט אים דערלאַנגט די האַנט און מיך טרויעריק אָנגעקוקט. דער וואָגן האָט גערירט.

צוריקטריט.

— ברייטן זיך! אין אַ האַלבער שעה אַרום גייט די קאָמפּאַניע אָפּ!

מיר האָבן ווידער מאַרשירט אויף פראָנטצו. כ׳האָב זיך אַליין געחידושט, ווי גלייכגילטיק מיר איז געווען, וווהין מיר גייען. די זון האָט געברענט גלייך אַרונטער.

מיר זענען אַראָפּ אויף לינקס אין וואַלד. פאַר אונז האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע הויכעניש.

בעהם האָט צונויפגערופן די פלוטאָן-פירערס.

— מיר געהערן צו דער הינטערשטער וואָך און האָבן דעם אויפטראָג, צוזאַמען מיט אונזער קיילנוואַרפער־קאָמפּאַניע און אַן אָפּטיילונג פעלד־אַרטילעריע, אויפצוהאַלטן די פּראַנצויזן. קיינער טאָר זיך נישט באַווייזן אויבן אויף דער הויכעניש אַחוץ דעם פּאָסטן.

— צי איז די פעלדקיך מיט אונז? — האָט ערנסט געפרעגט.

— ניין, זי איז שוין אַוועק צוזאַמען מיט דעם באַטאַליאָן־באַגאַזש.

כ׳האָב מיך געפילט אויסגעצערט און זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ בוים. ס׳איז געווען וווּנדערבאַר שטיל. ס׳האָט גע־שמעקט מיט פרישער זשיוויצע. דער הימל צווישן די סאָסנעס איז געווען טיפבלוי און גלאַנציק. אַזאַ הימל איז געווען אויך אינדערהיים, אויף אונזער באַרג.

ווען די פראַנצויזן זאָלן אָנקומען אומגעריכט מיטן שאָסע? כ׳האָב זיך כמעט געפרייט אויפן דאָזיקן געדאַנק און בין איינ־געשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויפגעוואַכט און בין געלעגן אין וואַלד. די זון האָט שוין געשיינט קווער. אַ שטאַרק הונגער־געפיל האָט מיך גע־מאַטערט. כ׳האָב זיך געוווּנדערט, וואָס אַרום זעט מען קיינעם נישט.

זיי האָבן זיך געהאַט אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט אין שאָטן פון דיביימער און געהערט די ווערטער פון לייטענאַנט.

— כ׳פאַרגין עס נישט די פראַנצויזן, אַז זיי זאָלן אונז איצט קאָנען פאַריאָגן, ווי זיי וואָלטן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. די כלבים זענען דאָך אַזעלכע פחדנים, אַז זיי זענען נאָך ביזאַהער נישטאָ. זיי באַשנאַפן וואַרשיינלעך יעדן בוים, אויב ס׳זיצט נישט הינטער אים קיין דייטש!

פון אויבן איז עמעצער אָנגעלאָפן אָן אַן אָטעם:

— הער לייטענאַנט, זיי קומען אָן מיטן שאָסע.

— באַזעצן די הויכעניש! אָבער נישט שיסן, ביז זיי וועלן זיך געפינען אויף אַ מרחק פון הונדערט מעטער!

מיר האָבן געאײַלט אין טיראַלעריע אויף דער הויכעניש אַרויף. דער וואַלד האָט זיך נאָך געצויגן אויף אַ צוואָנציק טריט לענגויס דעם קעגנאיבערדיקן אָפּהאַנג. רעכטס אויפן וועג האָט זיך דערנענטערט דער פראַנצויזישער שפּיץ, אַ קליין הייפל מענטשן.

רררררר! האָט אַ וואָרטשע־געטון פון יענער זייט וועג אײַנער פון אונזערע קוילנוואָרפערס.

די פראַנצויזן זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן אין די שאָסעע־ראָוון.

ש! ש! האָט אַ רויש־געטון איבער אונז פון הינטן און אַ קלאַפּ־געטון ערגעץ אין וואַלד. פון רעכטס האָבן געגרעגערט עט־לעכע קוילנוואָרפערס; דערצווישן אומרעגלמעסיק ביקסן־פײַער. אונז האָט פאַרשטעלט דעם אויסבליק אַ קליינע, וואַלדיקע הוי־כעניש.

רעכטס האָט אויפגעהערט דאָס שיסן. בלויז אונזער אַרטי־לעריע האָט געפײַערט אומאויפהערלעך.

מיר האָבן געוואַרט. ווידער האָט אַ גרעגער געטון אַ קוילנ־וואָרפער, האָט אָבער פלוצלינג אָפּגעהאַקט. אונזער אַרטילעריע האָט אויך אויפגעהערט צו שיסן.

ש—ס—ס—ס! איז אָנגעפלויגן פון פאָרנט און דורכגעווישט איבער אונז.

ראַם! ראַ! ראַמממ! ערגעץ אין טאָל.

סס! סס! סס! האָט געצישעט אויף רעכטס.

— פּסט! — האָט געמאַכט צישע.

כ׳האָב דערזען לינקס דריי מענטשן אַרויסקומען פון וואַלד. זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם אויף אונזער הויכעניש אַרויף.

ראַמם! האָט עס געקראַכט לינקס הינטער אונז אין דעם וואַלד. שוין־זשע האָבן זיי אונז אַנטדעקט?

קראַפּ — פּאַררר! דער גראַנאַט האָט, דוכט זיך, אויפגעריסן אין אַ בוים־קרוין.

פון דעם וואַלד זענען אַרויסגעגאַנגען אַ צען מענטשן, אומרעגלמעסיק פונאַדנערגעשאָטן — דערנאָך וואָס אַמאָל מער.

— איטלעכער נעמט איינעם אויפן ציל און אַנטזיכערט דאָס געווער! — האָט אויסגערופן שטילערהייט ערנסט. מיר האָבן איינגערוימט דעם באַפעל ווייטער.

ש—ש! האָט ווידער אָנגעהויבן אונזער אַרטילעריע, אָבער ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין פון אַ גרעסערן מרחק.

כ'האָב געצילט אויף איינעם, וואָס איז אַרויפגעשטיגן לאַנגזאַם מיט דער ביקס אונטערן אָרעם.

— איינצל-פייער! — האָט בעהם דונערנדיק אויסגעשריגן.

כ'האָב אַראָפּגעדריקט דאָס צינגל. ס'האָט אַ קנאַל-געטון. דער מענטש איז אַנידערגעפאַלן. עטלעכע זענען נאָך אַ לויף-געטון און זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דר'ערד. כ'האָב געשאָסן צום נאָענטסטן רעכטס.

ס'האָבן זיך דערטראָגן געוויישן פון שווערע קראַכן. אָבער אין וואַלד האָט עס אָפּגעהילכט צו שטאַרק, אַז מ'זאָל זיי קאָנען אונטערשיידן.

ס—ס! האָבן אַ סווישטש-געטון איבער אונז עטלעכע קוילן. אונזערע קוילנוואַרפעס האָבן געקנאַקט. רעכטס פון מיר האָט האַרטמאַן אָנגעלאָדנט, געשאָסן און ווידער אָנגעלאָדנט. ער האָט אויסגעזען ווי אין פיבער.

— רויקער שיסן! — האָט געברילט ערנסט.

דאָס קנאַלן האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די דייטשישע באַטעריעס זאָלן מער נישט שיסן. קיין קוילנוואַרפערס האָב איך אויך נישט געהערט.

— צוריקגיין! — האָט מען געורופן פון לינקס דורך די ליניע.

דאָס קנאַלן פון די ביקסן האָט אויפגעהערט. הינטער אונז האָבן געקראַכט גראַנאַטן. מיר זענען אויפגעשטאַנען און אַראָפּגעגאַנגען פון דעם אָפּהאַנג.

קראַמם! אויף רעכטס, לעבן די קושאַקעס, האָבן אַ פּליגעטון שטיקער ערד און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצע כמאַרע.

פּאַק! האָט זיך איינגעגראָבן נעענטער אין דער ערד.

קאַפּפּ—ראַמם! האָט עס אונטערגעריסן אַ בוים אין האַלבער

הויך. די קרוין האָט זיך אַראָפּגערוקט און געבליבן הענגען אויף די נידריקערע צווייגן. צוויי זענען דאָרט שנעל פאַרבייגעלאָפן. צי דאַרף מען אויבעט לויפן? האַרטמאַן איז צוגעקומען האַרט צו מיר.

וואַק! — אין דער ערד.

— יעצט אַדורך! — האָב איך געזאָגט און זיך געלאָזט לויפן, לעבן עטלעכע בוימער.

קראַמם! פון לינקס — ס׳האָט אַ פלי-געטון בלאָטע.

דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער, נאָר נאָך איינצלנע קוסטעס.

קראַפּפּ! — רעכטס הינטער אונז.

מיר האָבן זיך דורכגעריסן. כ׳האָב אויפגעהערט צו לויפן און מיך אומגעקוקט. אַנדערע זענען נאָך געלאָפן הינטער מיר. צישע האָט געפעלט. ניין, אָט גייט ער אַרויס פון הינטער אַ קוסט פּאַמעלעך און קוקט זיך כסדר אום אויף רעכטס און אויף לינקס.

— פאַרוואָס לויפט איר אַזוי? — האָט ער אויסגערופן — אַ האָר האָט געפעלט, און וואָלסט געווען אַריינגעפאַלן.

כ׳האָב זיך אויסגעדרייט. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט. סאַראַ אומזין דאָסדאָזיקע לויפן! כ׳האָב געפילט אַ שנאה צו מיר.

— טוט אַכטונג, רען! — האָט גערופן ערנסט. כ׳האָב אויפגעצאַפּלט, ער האָט געגעבן דעם צייכן צו זאַמלען זיך.

די פּראַנצויזן האָבן געשאָסן ווייטער אויף פאַרשידענע פּונקטן פון וואַלד. מיר האָבן מאַרשירט צוריק און זיך אַראָפּגעדרייט אויפן שאָסעע. אין דעם שוואַכן ליכט פון בין-השמשות האָב איך באַמערקט, אַז ס׳איז דאָרט געווען אונזער גאַנצער באַטאַליאָן און אפשר נאָך מער. ס׳איז געוואָרן שטיל.

מיר האָבן זיך גערוקט פאָרויס, פאַרהאַלטנדיק זיך אָפטמאָל. פאַר אונז איז געפאָרן אַ באַטעריע. דער הינטערשטער וואָגן האָט געקלאַפּט פון אייזן. די לבנה-שיין איז געלעגן אויפן טונקעלן קאַסטן, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרט עטלעכע שטאַנגען. כ׳האָב מיך געפילט עלנט און נידערגעשלאָגן.

מיר זענען ווידער אַריין אין דאָרף, וווּ ס'איז פאָרגעקומען דאָס מחלוקת מיטן קאַפּיטאַן. דערנאָך זענען מיר פאַרביי אַ צווייט דאָרף, וואָס איז געלעגן האַרט הינטער יענעם. — שוין־זשע וועלן מיר מוזן דורכמאַכן צוריק דעם גאַנצן מאַרש אונזערן?

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן איין און אַ צווייט מאָל.

די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. ס'איז געוואָרן פינצטער.

און דערנאָך האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך העל צו ווערן. דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט כמאַרעס. פאַר אונז איז געלעגן אַ ברייטער פוסטער פליין. דאָס גראָז אויף די לאָנקעס איז געווען ברוין־רויט. די פאַרנע לופט האָט געדריקט.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקזאַק. אויף ביידע זייטן וועג זענען געווען אויסגעזעצט זעלנער. זיי האָבן געהאַט ליידיקע מאָגנס. מיין שלשול איז פאָריבער. דער הימל האָט מיך געבלענדט, און כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן.

פלוצלינג האָט מיך עמעצער אַ צופּ געטון באַם אַרבל. כ'האָב אַ קוק געטון אויפן בלייכן פּנים פון ווייסן מיט גאַנץ דערשעפּטע אויגן. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער.

— וואָס איז דיר?

— מיין אָרעם טוט מיר זייער וויי, און דער רוקזאַק קוועטשט אַזוי.

יאָ, ווייס איז געווען איבערהויפּט שוואַכלעך.

— אָבער מיט וואָס קאָן איך דיר העלפן?

— כ'ווייס נישט — האָט ער געענטפערט יאָמערלעך.

— וואַרט נאָר! — ס'איז מיר געווען זויער אויפצושטיין. כ'בין צוגעגאַנגען צו ערנסטן.

— הער פעלדפעבל, ווייס האָט באַקומען אַ שאָס אין אָרעם, אָבער ער האָט געוואָלט בלייבן באַ דער קאָמפּאַניע. איצט האָבן אים פאַרלאָזט די כוחות. צי וואָלט ער נישט געקאָנט מיטפאָרן אַ שטיקל וועגס אויף עפּעס אַן אַרטילערישן וואָגן?

— גוט — האָט געענטפערט ערנסט — כ'וועל עס איבערגעבן דעם לייטנאַנט.

בעת כ׳האָב זיך אומגעקערט, איז ווייס געזעסן באַם ראַנד פון וועג. ער האָט געציטערט און זיך באַמיט מיר דאָס נישט אַרויסצווייזן.

— האָב נישט קיין מורא. מיר וועלן אינגיכן זיין אויפן אָרט. — כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע ווערטער. — דאַן וועלן מיר זען, וואָס ס׳איז מיט דיין אָרעם. — כ׳האָב אָבער נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס מען טוט מיט אַזאַ פאַרוווּנדעטן אָרעם.

בעהם איז אַוועק צו דער אַרטילעריע און מיטגענומען ווייסן און עטלעכע אַנדערע, וואָס האָבן זיך שוין נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

מיר האָבן מאַרשירט ווייטער. אין דעם ראָוו פון שאָסעע׳ זענען געלעגן גראָב-מכשירים, טעלעפאָן-טאָרניסטערס, געווער, אָבער קיין שום מאַרש-חולאים. מחמת ווער ס׳איז געבליבן ליגן דער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגנשאַפט.

אַרום ניין אַ זייגער אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָרט האָבן מיר געזאָלט בלייבן. ס׳איז שוין געשטאַנען די פעלדקיך, אָנגעלאַדעוועט הויך מיט ברויט.

פלוצלינג איז אָנגעריטן אין גאַלאָפּ דער אַדיוטאַנט:

— תיכּף אָפּמאַרשירן, אין יענער ריכטונג! ער האָט געטייטלט אַהין, פונוואַנען מיר זענען נאָר וואָס אָנגעקומען.

— אַזאַ חזירײַ!

— מ׳קאָן דאָך אונז נישט שלעפּן אַהין און צוריק, ווי די הינט!

— שטיל! — האָט בעהם אַ בריל געטון.

— הער לייטענאַנט! — האָט געזאָגט עפּעס אַן אונטער-אָפיציר — דאָס איז אויסגעשלאָסן!

— מיר זענען אויף מלחמה! קיינער וועט אייך דאָ נישט פּיעשטשען!

מיר האָבן ווידער מאַרשירט און פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין אַ פלאַכן טאָל. בעהם האָט צונויפגערופן די פלוטאָן-פירערס און באַשטימט די אָפּשניטן. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט

און זיך איינגעגראָבן אין דעם זאַמדיקן באָדן. כ׳האָב זיך אינ־גיכן אויסגעגראָבן אַ לאָך, וואָס איז געווען גענוג גרויס, כּדי זיך צו קאָנען אַריינלייגן. דערנאָך האָב איך אָפּגעגעבן מיין רידל לינקען, וועלכער האָט נעכטן אַוועקגעוואָרפן זיינעם, ווייל זי האָט אים אַראָפּגעשווערט און אים געהאַקט מיט דעם שטול אָן די קני.

הינטער אונז איז ווידער אָנגעקומען די פעלדקיך. זיי האָבן זי איינגעשפּאַנט אין פיר פערד, כּדי זיי זאָלן קאָנען שלעפּן די שווערע משא איבער דעם זאַמדיקן באָדן; זיי האָבן גע־טריבן די פערד מיט וויאָס און בייטשן־קנאַלן פּאָרויס.

מיר זענען אוועק צו דער קיך אָפּצונעמען דאָס עסן.

בעהם האָט באַפוילן, אַז אין דריי אָדער פיר שעה אַרום זאָל מען אונז נאָכאַמאָל אַרויסגעבן עסן.

כ׳בין אַהינגעגאַנגען צו ווייסן, הגם כ׳האָב אַליין קוים געשלעפּט די פיס און בין געווען כּמעט ווי געליימט. ער האָט זיך איינגעשאַפּט אַ נייע בלוזע, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען אומ־געשיקט פון זיין דאַרן לייב. כ׳האָב אים צוגעהאָלפן אויסטון די בלוזע. דער באַנדאַזש איז נאָך געווען אויפן אָרט, האָט זיך אָבער צונויפגעדרייט און געמוזט קוועטשן. כ׳האָב אים אויפגע־וויקלט. די וואַטע איז געווען צונויפגעקלעפּט מיט בלוט. כ׳האָב זי געפרווט באַזייטיקן פּאָרזיכטיק. אָבער ער האָט אַליין אַ כאַפּ געטון און זי אַראָפּגעריסן. די ווונד איז שוין געווען צוגעהיילט. אָבער דער מוסקל איז געווען אָנגעשוואָלן און אויסגעזוזן בלוי.

— צי איז דאָס געפערלעך? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק: — דאָס איז שטותים, אָבער ס׳טוט משוגעהדיק וויי.

קום! — האָב איך געזאָגט. — כ׳וועל דיר צוריק אָנטון די בלוזע און דערנאָך וועלן מיר גיין שלאָפן דאָרט אין מיין לאָך.

כ׳האָב געהערט ווי בעהם האָט גערעדט מיט ערנסטן: פאַר אונז איז נאָך דאָ די נייע הינטערשטע וואַך. מיר דאַרפן בכן נישט אונטערצונעמען קיין ספּעציעלע פּאָרזיכטס־מיטלען.

כ'האָב אויסגעבעט די פּאַרטיפונג מיט דעם קאָץ, מחמת דאָס זאַמד איז געווען פייכט. אונזער לאָך איז געווען ענג פאַר צוויי מענטשן. כ'האָב אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו שוידערן. ווייס האָט געציטערט, מסתם פון איבערמאַטערונג.

— שפּאַר זיך אָן אויף מיר, כדי דיין אָרעם זאָל ליגן איינגאַנצן פריי!

כ'האָב זיך נאָך איבערגעדעקט מיט אַ שטיקל קאָץ. אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — —

— קאָמפּאַניע, גרייטן זיך!

שטאַרקער האַרמאַטן-דונער.

פּראַמם! האָט אַ זעץ געטון אַ גראַנאַט אפשר אַ צוויי הונדערט מעטער פאַר אונז. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מ'שיסט שוין פון אַ לענגערער צייט. דער הימל האָט אויסגעזעען אומהיימלעך שוואַרץ, מיט אַ בלאַסן גלאַנץ.

כ'בין אויפגעשטאַנען. ווייס איז נאָך געשלאָפן. ווי בלאַס ער האָט אויסגעזען! כ'האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים אויפצוּוועקן. כ'האָב אים אָנגענומען באַם פוס.

ער האָט אויפגעכאַפּט און זיך פלוצלינג אַרומגעקוקט.

— ווי פּילסטו זיך איצט? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן מיט דער האַנט און אַ שמייכל געטון:

— גוט!

סאַראַ קינד! — האָב איך געטראַכט.

אין דער נאָענט האָט אַ קנאַק געטון אַ גראַנאַט. כ'האָב זיך געקאָנט אומקוקן, אָבער כ'האָב עס נישט געטון. די האַרמאַטן האָבן געטראַסקעט. און אפשר איז דאָס געווען דונער. דער ווינט האָט געטריבן וואָלקנס שטויב איבערן פעלד.

מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און אָפּמאַרשירט. הינטער אונז האָבן נאָך געדונערט די האַרמאַטן. פון רעכטס האָט דער ווינט אונז געשמיסן אין פּנים מיט שטויב און האָגל. די האָגל-קערנער זײַנען אונטערגעשפּרונגען אויף די פעלדער.

בעהם איז געגאַנגען פאַר אונז מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און געזאָגט:

— וועט מען זיך כאָטש ווייניקסטנס אַמאָל אָפּוואַשן! נאָר די צרה איז, וואָס מען קאָן דערביי נישט רויכערן!

דער ווינט האָט כסדר געהאַקט דאָ מיט דיקע טראָפּנס רעגן, באַלד מיט האָגל. דאָס וואַסער האָט געראָנען איבער דער ביקס און אַריינגעקאַפּעט פונם העלם אין האַלדז אַריין.

סענט מארי-לאַ בענאָיט

כ׳ווייס נישט, וויפיל טעג מיר האָבן מאַרשירט. כ׳קאָן מיך איבערהויפּט נישט דערמאָנען די פּרטים פון דידאָזיקע מאַרשן. מיר זענען געוואָרן שווייגעוודיק. ס׳האָט גערעגנט טאָג באַ טאָג. אין די נעכט האָבן מיר געפּרירט אין די דורכגע-נעצטע זאַכן. אונזער דריטער באַטאַליאָן איז אַרויסגעשיקט גע-וואָרן אַלס אַריערגאַרד און איז צוריקגעקומען באַנאַכט מיט ווייניק מענטשן און אָן אָפיצירן. מיר זענען אַלץ ווייטער גע-גאַנגען הינטערן פראָנט אויף צפון.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג בין איך געזעסן לעבן האַרט-מאַנען הינטער עפּעס אַ הויז.

מיר זאָבן זיך נישט געקאָנט אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט, ווייל דאָר׳ט האָט געוואַקסן פּאַקשיוועז.

— דו! — האָט געזאָגט האַרטמאַן. — קענסטו מיין כלה?

— ניין! — כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי ס׳איז מיר דעמאָלט איינגעפאַלן דער געדאַנק, נאָר כ׳האָב געטראַכט, אַז ער איז דער געשטאַלטיקסטער מאַן אין דער קאָמפּאַניע, נאָר זעט אויס צו פינצטער.

— ווען מיר זאָל עפּעס געשען — ער האָט געקוקט צווישן זיינע קני אויף דר׳ערד — מוזטו עס איר שרייבן. — ער איז געווען אויפגערעגט און עס נישט געוואָלט אַרויסווייזן.

— מיינע עלטערן ווילן נישט וויסן פון איר. און אירע עלטערן פון מיר. — ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ שטיקל

צייטונג, האָט זי צעריסן און זיך אָפּגעווישט. ער האָט עס געטון אַזוי משונהדיק באַזאַכט. וואָס האָב איך אים געזאָלט זאָגן? — זי הייסט האַננאַ זיילער און וווינט אויף אַדאָלפי־גאַס 31.

מיר זענען אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין הויז. ער האָט אָנגעהויבן צו פּוצן דאָס געווער. כ'האָב מיך געראַזירט נאָר דערפאַר, כּדי נישט צו טון דאָס זעלביקע וואָס ער.

ווייס האָט זיך אויסגעטון די בלוזע און דאָס העמד און זיך געוואַשן. זיין אָרעם־מוסקל האָט נאָך געשימערט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

— אַלמאַי האָסטו אייגנטלעך נישט געוואָלט דעמאָלט גיין אין לאַזאַרעט? — האָב איך געפרעגט.

— כ'ווייס דאָך ווי ס'איז אין אַ לאַזאַרעט בעתן מאַרש. שוין גלייכער צו בלייבן בײַ דער קאָמפּאַניע, ווו ס'וועט זיך עמעץ ווייניקסטנס זאָרגן וועגן אַ מענש.

— ס'איז דאָ די פּאָסט! — האָט עמעצער אויסגעשריגן פאַרן הויז.

צישע איז אַרויסגעלאָפן.

ער האָט מיר געברענגט אַ בריוו און אים אַוועקגעלייגט אויפן רוקזאַק. כ'האָב דערקענט די האַנטשריפט פון דער מוטער. כ'האָב מיך געוואָלט פריער אָפּראַזירן און אַרומוואַשן.

ערנסט האָט אַריינגעקוקט דורך דער טיר: — גרייטן זיך תּיכּף אין וועג אַריין! — ער איז צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן.

מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אונדזערע זאַכן אין די רוקזעק. דעם בריוו האָב איך אויך דאָרט באַהאַלטן.

אויפן וועג האָט מען זיך שוין אויסגעשטעלט.

— מיר גייען קיין סענט מאַרי — האָט געזאָגט בעהם. — וואָס מיר זאָלן דאָרט טון, ווייס איך נאָך אויך נישט.

מיר האָבן זיך גערוקט איבער אַ ברייטער לאָנקע צום וואַלד. דערווייל האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ וועג־ראָוו. בײַם וואַלד זענען עטלעכע איינגעשלאָפן. איך בין כּלל נישט געווען שלעפעריק. צו וואָס האָב איך זיך אַוועקגעזעצט

הינטען אָזיקן נאַרישן טעלעגראַפן־סלופּ? ווען ס׳וואָלט נאָר געווען ערגיץ אַזוינס, מיט וועלכן מ׳זאָל קאָנען פּאַרטויבן דעם פּחד. יאָ, טרינקען! ווען ס׳וואָלט געווען וואָס. אָבער ניין, כ׳וועל דאָך נישט גיין שכורערהייט אין שלאַכט אַריין. פאַרן בלויזן געדאַנק האָט מיך געעקלט. — ווען מ׳זאָל לכל־הפּחות וויסן, ווי לאַנג עס וועט נאָך אַזוי דויערן, און ווען מ׳זאָל קענען די געגנט, אין וועלכער מ׳וועט דאַרפן אָנגרייפן!

— דער הער לייטענאַנט זאָל אַהינקומען צום באַטאַליאָן־קאָמענדאַנט.

בעהם איז אויפגעשטאַנען און געגאַנגען.

— — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויפגעוואַכט. מיינע פיס אין האַרטע שטיוול האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ערגיץ אינדערהייך. כ׳האָב זיך געהאַט אַראָפּגערוקט אינגאַנצן אין ראָוו אַריין. ס׳האָבן מיר ווײ געטון די קניען. מיין געזעס איז נאַס געוואָרן.

כ׳בין געווען צו ניכטערן, כּדי צוריק איינצושלאָפן. דער געדאַנק, צו רויכערן אָדער עפּעס צו עסן, האָט מיך געעקלט. דאָס האָט דאָך גאָרנישט געהאָלפן אין אָנגריף. — פאַרוואָס האָב איך ווידער געמוזט קריכן אין פייער אַריין? אַנדערע? די אַנדערע, זיי זענען מיך לגמרי נישט אָנגעגאַנגען — ניין, מיין קאָמפּאַניע יאָ, אָבער די אַנדערע קאָמפּאַניעס נישט. זאָלן זיי זיך אָנגרייפן, אַבי נישט ווידער מיר! צי איז נישט גענוג איינמאָל?

עמעצער איז אַדורכגעלאָפן איבערן וועג.

— דריטע קאָמפּאַניע?

— יאָ.

— תּיכּף איינטרעטן, אָבער אָן ליאַדם!

— מאַרש! האָט ערנסט באַפוילן שטיל.

מיר האָבן אָפּמאַרשירט. נאָך עטלעכע טריט האָט דער וואַלד אָנגעהויבן צו ווערן שיטער. ס׳האָבן אויפגעטויכט הייזער און אַ קירך מיט אַ נידריקן געצעלט־דאַך. אָפיצירן זענען געשטאַנען אויף דער גאַס.

— נאָך מיר! — האָט געפליסטערט בעהם. — דער באַטאַליאָן גרייפט אָן!

ער האָט אונז געפירט איילינק מיט אַ דאָרפיש געסל.

— שטיי! — האָט ער געפליסטערט — איבערגעבן אויף הינטן: די פלוטאָן־פירערס צו מיר!

די פלוטאָן־פירערס האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף אַכטונג.

— רוט אָפּ! מיר דאַרפן פאַרטרייבן די פראַנצויזן פון וואַלד פאַר אונז. אונזער קאָמפּאַניע פאַרנעמט דעם מיטן. ווען מיר וועלן אַרויס פון דאָרף אויפן פעלד, רוקט זיך דער צווייטער פלוטאָן אַרויס אויף רעכטס, דער דריטער אויף לינקס. אונזער פראָנט איז אויף האַלבערעכטס. האַלטן די מענטשן צוזאַמען, ווייל ס'איז פינצטער, און קיין הויך וואָרט נישט! — און איצט פאָרויס!

ערנסט האָט געגעבן אַ צייכן.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט פון וועג רעכטס אויף אַ לאָנקע. ס'האָט זי איבערגעשניטן פון רעכטס אַ באַן־וואַל. אויף ביידע זייטן האָב איך געהערט קלאַפּן די גראָב־מכשירים פון די פאָרויסמאַרשירנדיקע פלוטאָנען.

רעכטס און לינקס זענען נאָך געשטאַנען קליינע כאַטעס.

מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן אייזנבאַן־וואַל. פאַר אונז איז געלעגן דער וואַלד אויף דרייהונדערט מעטער. דער שטיילער שיפּוע אונטן.

פון לינקס אַ ביקסן־שאָס! דער וואַלד איז שוין געווען נאָענט. ערנסט האָט געפליסטערט: — טיראַלעריע!

כ'בין אַרויסגעלאָפן פאַר מיין גרופּע. ערנסט האָט שוין פאַר מיר אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון דער לעדערנער טאַש.

לינקס אַ ווילד ביקסן־פייער!

— מאַרש־מאַרש! — האָט געשריגן דער לייטענאַנט.

צוויי שאָסן פון פאָרנט. נאָך צוואַנציק טריט ביז צום וואַלדראַנד.

ביקסן־שאָסן האָבן געקנאַלט. כ'האָב געזען דאָס אויפבליצן אין וואַלד.

דער לייטענאַנט האָט זיך אַנידערגעוואָרפן. איך לינקס לעבן אים עמעצער איז געלאָפן פון רעכטס און אַנידערגעפאַלן. מיר איז אַדורך אין געדאַנק, אַז דאָס האָט געמוזט זיין ציטע — צי-

האָב איך געזאָלט שיסן ? ס׳האָט געפייפט אַרום די אויערן. אויפבליצן דאָ און דאָרט באַם וואַלדראַנד און רויטע פלעמ־לעך.

האַרט איבער מיין קאָפּ אַריבער! מיין גאָמבע האָט גע־שטעקט אין גראָז. די אַקסלען האָב איך צוגעפּרעסט צו דער ערד. לינקס האָט געשאָסן אַ פראַנצויזישער קוילנוואַרפער.

בעהם האָט זיך באַוועגט.

אַ שאָס נאָענט! ס׳האָט אַ קנאַל געטון. ווי שפּעט האָט געקאָנט זיין ? אפשר איז שוין באַלד פאַרטאָג ?

דאָס פייער האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט. דער קוילנוואַרפער לינקס האָט געטאַקט.

ש־ש־ש־ש! האָט אַ פלי געטון איבער אונז און אַ זעץ געטון הינטן אין דאָרף.

— צוריק! — האָט געפליסטערט בעהם.

כ׳האָב איבערגעלייגט די ביקס אין די לינקע האַנט און זיך אָנגעהויבן צו שאַרן הינטערוויילעכץ.

אַ שאָס האַרט לעבן מיין רעכטן אָרעם אין דער ערד אַריין.

ש־פּאַרר! ש־פּאַנג! אין דעם באַן־וואַל.

כ׳האָב מיך גערוקט ווייטער. מיינע הויזן האָבן זיך מיר פאַרקנוילט אינדערהויך. פאַר אונז איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. נאָר רעכטס האָט מען געשאָסן לעבהאַפטיק, און לינקס האָט געגרעגערט דער קוילנוואַרפער מיט קורצע הפסקות.

אפשר זעען זיי אונז שוין נישט, האָב איך געטראַכט, און מיך אונטערגעהויבן עטוואָס העכער פון באָדן, כדי צו קאָנען קריכן לייכטער.

רעכטס איז געלעגן דער, וואָס איז פריער אַנידערגעפאַלן.

כ׳האָב זיך אַהינגעשאַרט. ער האָט זיך נישט באַוועגט. אפשר איז דאָס נישט געווען צישע ?

כ׳האָב זיך צוגערוקט האַרט צו אים. דאָס איז געווען ערנסט. ער האָט געהאַלטן דעם לינקן אָרעם האַלב אונטערן קער־פּער.

כ׳האָב אים אָנגענומען באַם אַקסל. קיין שום סימן פון לעבן. כ׳האָב איבערגעבישטערט זיינע קעשענעס און צוגענומען זיינע זאַכן.

כ׳האָב אַ קוק געטון אויף פאָרנט. דער וואַלד איז געווען אַזוי פינצטער, אַז כ׳וואָלט אפשר געקאָנט אויפשטיין. כ׳האָב זיך אונטערגעהויבן אויף די קני. אַ שאָס לינקס פאַרביי! — נאַטירלעך, זיי זעען מיך אַוודאי אויפן פאָן פון הימל.

כ׳בין געקראָכן ווייטער.

— הילף! — האָט עמעץ געפּליסטערט לינקס. דאָס איז געווען שאַנצע פון מיין גרופּע.

— וואָס איז דיר דען?

— מיינע ביידע פיס! — האָט ער געקרעכצט.

וויאַזוי האָב איך אים געקאָנט העלפן?

— קאָנסטו גיין?

סס — קראַמם! ראַם! ראַם! ראַם! ראַם! ערגעץ פון הינטן.

ער האָט זיך געפּרוווט אויפצושטעלן:

— כ׳קאָן נישט.

— כ׳וועל זיך באַמיען דיר צוצושיקן הילף פון הינטן.

ער האָט געוויינט שטילערהייט. וויאַזוי וואָלט איך אים געקאָנט העלפן? און אויב ס׳וועט אים באַפאַלן די פרימאָרגן-דעמערונג, אַזוי נאָענט באַ די פראַנצויזן? כ׳האָב אים געפּרוווט אַרומנעמען און ווי נישט איז אים מיטצושלעפּן.

— ראַ! — האָט ער געמאַכט. דאָס איז געווען אַן אונטער-דריקטער ווײ-געשריי! און ס׳איז אַזוי אויך נישט געגאַנגען.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן.

אַ שאָס האַרט לינקס.

כ׳בין געגאַנגען ווייטער.

לינקס איז ווידער געלעגן איינער.

— ווער איז דאָס?

ער האָט נישט געענטפערט, האָט נאָר באַוועגט עטוואָס מיט דער האַנט. ער איז געלעגן אויפן רוקן.

כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן האַרט איבער אים. האַרטמאַנס אויגן, איינגעאַנצן שוואַרץ!

כ׳האָב אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און זי שטאַרק צונויפ־געדריקט אין שרעקלעכן פּחד. צי וועל איך אים צוריקברענגען צום באַוווּסטזיין? ער האָט נישט געזען גאָרנישט.

כ׳האָב אָפּגעלאָזט זיין האַנט און בין אויפגעשטאַנען.

מיר איז איינגעפאַלן, אַז כ׳וואָלט אים געדאַרפט צונעמען די זאַכן. אָבער כ׳בין געגאַנגען ווייטער.

לעבן מיר האָב איך געהערט רעדן.

— מיר מוזן אים אַרויפזעצן אויף ביקסן — האָט געזאָגט בעהם.

די קוילנוואַרפערס האָבן זיך ווידער צעגרעגערט.

— כ׳קאָן נישט דערהאַלטן — האָט געענטפערט צישע.

איצט האָב איך זיך שוין דערנעבנטערט אַזוי, אַז כ׳האָב געקאָנט באַמערקן, ווי צישע האָט געהאַלטן אינדערהייך דעם גרויסן פינגער פון זיין רעכטער האַנט.

כ׳האָב צוגעהאָלפן בעהמען איבערצוטראָגן דעם זעלנער אויף צוויי ביקסן. ער האָט געהאַט באַקומען אַ שאָס אין רעכטן פוס־געלענק.

— דאָרט ווערט שוין דער הימל העל — האָט געזאָגט בעהם — און מיר מוזן נאָך אַריבערגיין איבערן דאָזיקן פאַר־שאָלטענעם וואַל.

ס׳איז געוואָרן שרעקלעך גיך העל. דער באַן־וואַל האָט זיך אָפּגעצייכנט דייטלעך קעגן דעם ליכטיקווערנדיקן הימל. אַ פּאָר האָבן אַרויפגעקלעטערט אינדערהייך און זענען אַרויסגעקומען אויבן שאַרף און טונקל.

טאַק־טאַק־טאַק־טאַק־טאַק האָט זיך אָפּגערופן דער קוילנ־וואַרפער. עטלעכע שאָסן האָבן אויפגעקנאַלט.

איינער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דעם שטיילן אָפּהאַנג. די אַנדערע זענען אַראָפּגעשפּרונגען און זיך צוריקגעקערט צו אונדז.

מיר זענען געבליבן אַזוינאָך זיבן מאַן — אַחוץ דעם סאַניטאַר ווייס. אָבער ער האָט זיך באַוועגט עפּעס אַזוי מאָדנע!

— מיר מוזן זיך איינגראָבן — האָט געזאָגט בעהם, — פאַר הײנט אָוונט װעלן מיר נישט צוריקקומען.

מיר האָבן אָװעקגעלייגט דעם מיטן דורכגעשאָסענעם פוס־געלענק פּאָרזיכטיק אויף דר׳ערד. צישע האָט צוגעהאָלפן מיט דער לינקער האַנט.

בעהם האָט פאַראָרדנט: — רען גראָבט זיך איין דאָ, און איך רעכטס פון אים און דערלעבן די ביידע פון דער צווייטער קאָמפּאַניע. איר, צישע, וועט מיר געבן אייער רידל און זאָלט האַלטן די וואַך. קוקט זיך אַרום — צי לויפן דאָ נישט אַרום װעלכע, וואָס וואָלטן זיך געוואָלט אַריבערקריגן איבערן וואַל.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן. שאַנצען האָב איך שוין נישט געקאָנט ברענגען קיין הילף. ס׳איז שוין געוואָרן באַדייטנ־דיק העלער.

אויף צוויי שפּאַן טיף האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף ווייסן קאַלך.

— צי האָט נישט עמעצער קיין קילאָף *)? — האָב איך געפרעגט.

קיינער האָט נישט געענטפערט. ס׳איז געווען אַן אומזין צו גראָבן אין קאַלך מיט אַ קורצן רידל. האָב איך בכן אָפּ־געשאַרט דעם טונקלען באָדן אויף אַ ברייטערן שטח און געביל־דעט אַזוינאָך אַ וואַל פאַר מיר.

איינצלנע שאָסן האָבן געקנאַלט.

שש — פראַמם! האָט עס אַ זעץ געטון הינטער דעם באַן־וואַל.

איצט איז מיין לאָך געווען גענוג גרויס פאַר מיר. אָבער כ׳האָב נאָך געמוזט דערין אויפנעמען פאַרוואונדעטע. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט. הינטער מיר איז געלעגן ווייס אויפן רוקן און האָט קוים געאָטעמט. כ׳האָב געמוזט קודם־כל אַרבעטן ווייטער, און דערנאָך ערשט געקאָנט זיך מיט אים פאַרנעמען.

צישע האָט צונויפגעקליבן נאָך דריי מאַן. איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן זיך איינגראָבן לינקס.

---

*) שפּיציקער האַמער

— מאַך עס אַזוי — האָב איך געזאָגט — אַז מיר זאָלן קאָנען שפּעטער פאַררייניקן אונזערע לעכער.

כ׳האָב געאַרבעט האַסטיק צוליב דער קנאַפּער צייט. מיין שכן האָט זיך אויך ניט געפוילט און מיר האָבן שוין אַוועקגעגראָבן די לעצטע שיידוואַנט צווישן די ביידע לעכער, ווי כ׳האָב מיטאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף דער העלער לאַנדשאַפט אַרום. דער וואַלד איז געלעגן אין לייכטן פרימאָרגן־נעפּל, שוין גאַנץ דייטלעך אָבער...

— הער לייטענאַנט! — האָב איך אויסגערופן. — בעת מיר ליגן דאָ, קאָנען די פראַנצויזן אונז זען פון די שפּיצן בוימער.

בעהם האָט אַ קוק געטון פאַר זיך. — נו ווען מיר פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַוועקגעשטעלט מיט די די פּלייצעס צום ווינט און אַריינגעשטעקט אין מויל אַ פּאַפּיראָס.

אַ שאָס! ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. — פאַרפלוכטע באַנדע! — אָבער איך רויכער דאָך! פּע! — ער האָט אויסגעשפּיגן. — ס׳האָט מיר אויסגעשלאָגן אַ פּאָר ציין!

ער האָט באַקומען אַ שאָס קווער דורכן מויל. כ׳בין צוגעקראָכן צו אים.

— לאָזט נאָר! דער צונג האָט עס גאָרניט געשאַדט. דאָס רויכערן איז איצט ווערט גוט אין דר׳ערד!

כ׳האָב געזען, אַז ס׳האָט אים דאָך ווי געטון.

כ׳בין צוגעקראָכן צו ווייסן:

— און וואָס איז מיט דיר?

— כ׳האָב אַ שאָס אין דער ברוסט.

כ׳האָב אים צוגעהאָלפן אַריינקריכן אין לאָך.

ס׳האָט זיך צוגעשלעפּט צישע, אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט און אויפן רעכטן עלנבויגן, זיין גראָבער פינגער איז געווען געשוואָלן און בלוטיק.

— זאָל איך דיך פאַרבאַנדאַזשירן?

— באַנדאַזשיר ליבערשט די אַנדערע! — האָט ער געזאָגט האַרב. ער האָט געמוזט שפּירן אַ שטאַרקן ווייטיק.

כ׳האָב אַריינגעצויגן דערווייל דעם מיטן שאָס אין פוס־געלענק אין אונזער אָקאָפּ אַריין און אויפגעשניטן דעם שטיוול. כ׳האָב אויפגעשפּיליעט וויסן די בלוזע און דאָס העמד. ער האָט געהאַט אַ קליינע ווונד לינקס אונטערן שליסלביין.

— דריי זיך איבער אויף דער זייט!

כ׳האָב אים אויפגעשניטן דאָס העמד אויף די פּלייצעס. אויך די ווונד דאָ איז געווען קליין און האָט נאָר גאַנץ ווינציק געבלוטיקט. כ׳האָב אים אַרומבאַנדאַזשירט אויף די פּלייצעס.

— צי האָסטו אַ פּלאַסטערל? אַנדערש וועט עס זיך נישט האַלטן.

ס — ס! האָט אַ פּלי געטון אַ קויל האַרט איבער מיר. ס׳איז געווען העלער טאָג, און כ׳האָב מיך געהאַט אונטער־געהויבן אומפאָרזיכטיק.

כ׳האָב צוריק צוגעקנעפּלט וויסן די בלוזע און אים צו־געדעקט מיטן פּלאַשטש און קאָץ.

— דעק מיך אויך צו איבערן קאָפּ! — האָט ער געבעטן.

דערווייל האָט זיך צישע אַליין פאַרבאַנדאַזשירט דעם גראָבן פינגער און אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט, אַז כ׳זאָל אים מאַכן אַ קנופּ.

דער לייטענאַנט איז נאָך געווען אומפאַרבאַנדאַזשירט. כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיין באַנדאַזשן, זיידעל, מיין שכן, אויך נישט.

— דו, וויס! — האָב איך געזאָגט, אָפּדעקנדיק אים עט־וואָס. — גיב מיר דיינע באַנדאַזשן!

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר שוואַך געאָטעמט. וואַר־שיינלעך האָט אים דאָס אָטעמען וויי געטון.

כ׳האָב אים אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ צונויפגעוויקלט פּעקל באַנדאַזשן און אים צוריק איבערגעדעקט.

פון פאָרנט האָבן זיך נאָכאַנאַנד דערטראָגן איינצלנע ביקסן־שאָסן. שוין־זשע האָבן זיי דאָרט דערהרגעט איינציקווייז אונזערע פאַרוואונדעטע? און אפשר אויך שאַנצן, וועמען כ׳האָב געהאַט צוגעזאָגט צו ברענגען הילף? אָבער וואָס האָב איך גע־קאָנט טון?

כ׳בין אונטערגעקראָכן צום לייטענאַנט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך און געשפּיגן פון צייט צו צייט. כ׳האָב אים אַראָפּגענומען דעם העלם. מערקווירדיק! די פאַרוווּנדעטע זענען אַלע ווי די קינדער! כ׳האָב אים אַרומגעוויקלט אַ באַנדאַזש איבערן קאָפּ און גאָמבע.

— כ׳מוז אַוודאַי אויסזען, ווי אַן אַלטע וועשין — האָט ער געזאָגט.

— אָבער מיט אַ באָרד, הער לייטענאַנט.

איצט האָב איך געמוזט צוקומען צו די פון רעכטס. ס׳האָט מיך אָפּגעטיילט פון זיי אַ מרחק פון פיר טריט. אויב זיי זענען אַקעגנאיבער געזעסן אויף די בוימער, וואָלטן זיי מיך געמוזט זען.

כ׳בין פונדעסטוועגן אַריבערגעקראָכן. אַ פּאָר רעגנטראָפּנס זענען געפאַלן אין גראָז. דאָרט זענען געלעגן פיר ענג לעבן איינאַנדער אין איין אָקאָפּ. איינער האָט געהאַט אַ פאַרבונדענעם אונטעראָרעם. און לעבן אים איז געלעגן עמיץ אויף אַ זייט און מיך אָנגעקוקט מיט אַ שרעקלעכן בליק. אַרום מויל און נאָז איז אַלץ געווען אויפגעשוואָלן און פול מיט בלוט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַזוי אויפן ראַנד פון טאָרניסטער, אַז דאָס בלוט האָט אַראָפּגעקאַפּעט אויף דר׳ערד. כ׳האָב אים דערקענט אָן שטערן און אויגן: דאָס איז געווען עקאָלד. ווי אַזוי האָט מען אים געקאָנט פאַרבינדן די וווּנד? ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שטאַרן בליק.

— צי קאָן איך דיר העלפן?

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט וואַרשיינלעך נישט געקאָנט רעדן.

— איר, דאָ — האָב איך געזאָגט צו די אומפאַרוווּנדעטע — מוזט וואַכן בייטנדיק, מיר טוען עס דרינען אויך אַזוי.

עקאָלד קאָן דאָך צומאָל נישט עסן און נישט טרינקען! — האָב איך געטראַכט. און דער רעגן קאַפּעט אים אין פּנים, אָבער ס׳האָט נישט קיין זין דאָ צו פאַרבלייבן און גלאָצן אויף אים, ווי אויף עפּעס אַ בייז וווּנדער. כ׳בין צוריקגעקראָכן.

— איצט קאָנסטו שלאָפֿן — האָב איך געזאָגט צו זיידעלן. — ווען כ'וועל מיד ווערן, וועל איך דיך אויפוועקן.

— העלפֿט מיר פֿונאַנדערוויקלען מיין קאָץ און דאָס מאַנטל — האָט געזאָגט צישע. כ'האָב אים צוגעדעקט.

פֿון אַרומקריכן בין איך געוואָרן אינגאַנצן אויסגעשמירט מיט צעווייקטן קאַלך און ערד. ס'האָט גערעגנט וואָס אַמאָל שטאַרקער. אין גראָז האָט זיך דערהערט אַ שטיל גערויש. ווייטער איז געווען גאַנץ שטיל. מיין קאָץ האָב איך אַוועקגעגעבן זיידלען.

— קום אַהער אונטער מיין קאָץ — האָט געזאָגט זיידעל. דאָס איז געווען אַ גאַנץ יונגער חברהמאַן מיט אַ קיילעכיקן פּנים און קיילעכיקע, בלאָע אויגן.

מיר זענען געלעגן שטיל לעבן איינאַנדער. כ'האָב מיר געמאַכט אַן איינשניט אין דעם וואַל, כּדי צו קאָנען באַקוועמער שיסן. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעלייגט. דער רעגן האָט מיר געקאַפּעט אויפֿן קאָץ. כ'בין געלעגן גאַנץ רויק, אָדער האָב עס געמיינט צו זיין. ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן צו קריכן אין קאָפּ אַריין כלערליי דמיונות: אַז דער, וואָס איז געלעגן לעבן מיר, איז דאָך נישט פּערל, נאָר וויס. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס איז פּאָרט פּערל. דער רעגן האָט געקאַפּעט. דאָרט ערגעץ האָט דאָך האַרטמאַן געגוסט... די קרוינען פֿון די וואַלדבוימער האָבן זיך שוין נישט באַוועגט איבער דער לאָנקע.

קעגן אָוונט האָב איך געהערט רעכטס אַ כּסדרדיק קרעכצן. צישע האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו באַוועגן אונטער דעם קאָץ. וויס האָט אויסגעזען צו שלאָפֿן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער באַוועגט מיט דער האַנט. כ'בין צוגעקראָכן צו אים. אין אונזער לאָך איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע. כ'האָב אים אָפּגעדעקט דאָס פּנים.

— דאַרפֿסטו עפּעס?

— ניין — האָט ער געשמייכלט, — ס'איז מיר גאַנץ גוט.

ער האָט געפּרוּווט ווידער אַ שמייכל צו טון, אָבער ער

האָט נישט געקאָנט. כ׳האָב אים צוריק צוגעדעקט. אין מיר האָט אַ בליץ געטון אַ געדאַנק: ער שטאַרבט!.. אָבער ווי באַלד ער פילט זיך פאַרט גוט? מען קאָן זיך דאָך נישט פרייען, ווען איינער האָט אפילו אַ לייכטן טויט... אָבער אפשר איז דאָס באמת נישט אַזוי שלעכט? ווידער האָבן זיך דערהערט קרעכצן.

ס׳איז אָנגעקומען דער בין־השמשות. דערנאָך איז געוואָרן פינצטער. כ׳בין אויפגעשטאַנען.

— ווען מיר גיין איצט, הער לייטענאַנט.

ער האָט געשטאַמלט עפּעס. וואַרשיינלעך איז ער געשלאָפן.

— אַך, ס׳איז שוין פינצטער.

איך און זיידעל האָבן מיר גענומען אויף די ביקסן דעם מיטן שאָס אין פוסגעלענק.

ווייס איז אויפגעשטאַנען און דערקלערט, אַז ער וועט קאָנען גיין אָן שוועריקייט. דאָס האָט מיך פאַרחידושט. עקאָלדן האָט מען געמוזט טראָגן.

מיר זענען פאַרזיכטיק אַרויפגעשטיגן אויפן משופּעדיקן באַן־וואַל. מיטאַמאָל האָב איך זיך אַ גליטש געטון אויפן לינקן פוס. דער פאַרוואונדעטער האָט שטיל אַ יאָמער געטון און מיך אָנגעכאַפּט פעסטער באַם האַלז. דערנאָך זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט און פאַרקירעוועט צום דאָרף.

עטלעכע מענטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אונז. דאָס איז געווען אַ פּאַטרול מים סאַניטאַרן. מיר האָבן זיי איבערגע־געבן זייערע פאַרוואונדעטע. כ׳האָב דערלאַנגט די האַנט צישען און ווייסן, אָבער כ׳בין נישט בכוח געווען זיי עפּעס צו זאָגן, אָדער צומאָל אַ טראַכט צו טון. עקאָלדן האָב איך אַפילו נישט געוואַגט אָנצורירן.

בעהם איז געגאַנגען מיט אונז פיר אומפאַרוואונדעטע ווייטער אין דאָרף אַריין.

מיר זענען אַריין אין אַ טונקעלן פעדערהויז. בעהם האָט אָנגעקלאַפּט אָן אַ טיר.

— אַריין! — האָט מען אויסגערופן פון אינעווייניק.

בעהם האָט אויפגעעפנט די טיר. דאָרט איז געשטאַנען

אונזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר אין מאַנטל באַ אַן עטוואָס פלאַ־טערנדיקן ליכט־פלאַם. — די פענצטער־שויב איז געווען צעבראָכן.

— בעהם! — האָט ער אויסגערופן און אים אָנגעכאַפּט באַ ביידע הענט. — קאָנט איר רעדן? — ער האָט אַ קוק געטון מיט אַ באַזאָרגטן בליק אויף זיין באַנדאַזש.

— אפילו נאָך רויכערן, הער מאַיאָר! — האָט געזאָגט בעהם.

— נו, דאָס איז גוט, אָבער וואָס טוען די פיר דאָ?

— די נאָר ברענג איך צוריק געזונט.

— נעכטן זענען אויך נישט פיל מער צוריקגעקומען... גייט אַריין אין הויף קעגנאיבער! מיר האָבן אין באַטאַליאָן בלויז איין קאָמפּאַניע, אונטער דער אָנפירונג פון לייטענאַנט עגער.

אויף דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען אויפן הויף די פיר פעלדקיכן.

— רעז! — האָט אויסגערופן דער פעלדפעבל און מיר דערלאַנגט די האַנט.

אָבער איך האָב שוין נישט געקאָנט מער. ער האָט מיך אויסגעפרעגט. כ׳ווייס נישט, וואָס כ׳האָב געענטפערט.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר זיך אָפּגערוקט ביז שעלי.

פאָזיציע-מלחמה

די פּאָזיציע-מלחמה אונטער שעלי

I

ס׳דוכט זיך טיילמאָל, ווי כ׳וואָלט די צוויי וואָכן אין שעלי נאָר דורכגעלעבט אין חלום.

בעת כ׳האָב אין אָוונט נאָך דער שלאַכט אונטער סענט מאַרי אויפגעפּאַקט אין דער קוואַרטיר מיין רוקזאַק, איז דאָרט געלעגן דער בריוו, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן מיט צוויי וואָכן צוריק, נאָך אומגעלייענט.

> מיין יונגל! אַלפרעד, דעם פּאַסטאָרס זון, איז געפאַלן, ווי, האָב איך פאַרגעסן. כ׳בין געווען בא די פּאַסטאָרס, זיי לאָזן דיך גריסן. דער פּאַסטאָר האָט געזאָגט צו מיר: איך ווינטש אייך אַזאַ גליק, וואָס איז אונז און אונזער איינציקן קינד נישט באַשערט געווען. דערביי האָבן אים די טרערן גערונען פון די אויגן און ער איז באַלד אַריין צו זיך אין צימער. שרייב זיי אָן ווען עס איז! דו שרייבסט דאָך אַזוי שיין. ווייטער קאָן איך דיר גאָרנישט דערציילן אַחוץ דאָס, אַז כ׳בין יעדן טאָג מתפּלל פאַר דיר.
>
> דיין מוטער.

כ׳בין אַרויס אויף דער פרישער לופט. כ׳האָב געטראָפן עטלעכע מענטשן פון דער קאָמפּאַניע אויף דער גאַס. אַן אַלטע פרוי האָט עפּעס געוואָרטשעט פאַר איר טיר. אַ קליין

הינטל מיט אַן איינגעצויגענעם עק איז אַנטלאָפן אין איין אימ־פעט הינטערן עק פון הויז. כ׳האָב געזען דאָס אַלץ, און דאַך ווי כ׳וואָלט גאָרנישט געזען.

אין .דער קוואַרטיר זענען געזעסן די קאַמעראַדן און גע־רויכערט שווייגנדיק. אָדער זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן און דערביי שווייגט דאָך דער מענטש אויך. זיי האָבן געהאַט אַ פינצטערן אויסזען און זענען געוואָרן אויפגעבראַכט, ווען עמע־צער פלעגט זיי פרעגן וועגן זייערע איבערלעבענישן. מיר איז דאָס געווען אומפאַרשטענדלעך. ווען מיך זאָל עמעצער וועלן פרעגן, האָב איך געטראַכט. אָבער אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט מיך געפרעגט דער נייער קאָמפּאַניע־פירער, דער לייטענאַנט עגער, וועגן די נענטערע אומשטענדן פון בעהמס פאַרוווּנדונג. כ׳האָב אים דערציילט, ווי בעהם האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּי־ראָס און זיך געפרייט, וואָס עגער האָט געלאַכט דערפון. מחמת ס׳האָט מיך פלוצלינג אַרומגענומען אַ פחד, אַז כ׳וועל מוזן דער־ציילן וועגן אַלעם אַנדערן, וואָס ס׳איז דאָרט געשען.

II

כ׳האָב זיך גראָד אומגעקערט אַהיים פון אַ שפּאַציר אי־בערן דאָרף. ס׳איז געווען בין־השמשות. אין דער קוואַרטיר האָט מען געפּאַקט די טאָרניסטערס.

— אַלמאי פּאַקט איר זיך ?

— צי ווייסטו דען נאָכנישט, אַז מיר גייען ווידער פאָ־רויס ? — האָט עמעצער געזאָגט מרוקעדיק. די אַנדערע האָבן צומאָל נישט געקוקט אויף מיר.

כ׳האָב זיך גענומען צו מיין טאָרניסטער. מיינע הענט זענען מיר געווען ווי געליימט. איז נאָכאַמאָל, הייסט עס, אויפן פראָנט ? אלמאי האָט מען אונז אייגנטלעך דאָ געגעבן צו עסן, ווי באַלד מיר האָבן געזאָלט ווידער אַריין אין דאָזיקן גיהנם ?

לעבן מיר האָט עמעצער געמורמלט וועגן יענער שרעק־לעכער טויטן־לאָנקע. אָבער כ׳ווייס נישט, צי כ׳האָב אים ריכטיק

פאַרשטאַנען... ווען מ׳וואָלט כאָטש געוווסט, וווהין מען גייט! מיר האָבן ווידער געזאָלט ליגן קעגן איינאַנדער, אויף אַ הונ־דערט פופציק מעטער, און אפשר גאָר ווייניקער. ווי קאָן מען אַזוי... גאָט מיינער! ווי קאָן מען אַזוי לעבן?

מיר האָבן זיך געזאַמלט פאַרן הויז. מיר זענען געווען אַ זעכציק מאַן, די רעשטלעך פון פיר קאָמפּאַניעס. די לבנה האָט באַלויכטן דעם פּלאַץ.. דער קאָמפּאַניע־קאָמאַנדיר וועט אונז שוין זאָגן, וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך.

די פּלוטאָן־פירערס האָט אָפּגעגעבן ראַפּאָרט דעם לייטע־נאַנט.

— פריייער טריט .. מאַרש!

מיר האָבן מאַרשירט מיטן שאָסעע קיין סענט מאַרי. מיר זענען אַריין אין וואַלד און זיך אָפּגעשטעלט האַרט פאַרן אַמאָ־ליקן אָרט. צי האָבן מיר געזאָלט נאָכאַמאָל דאָרט אָנגרייפן?

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז עגער צוריקגעקומען פון דאָרף.

— פריייער טריט... מאַרש!

ווי דאָס אַלץ חזרט זיך איבער, אַז ס׳איז מיר אַזש גע־וואָרן אומהיימלעך. און דערצו דער שווייגנדיקער לייטענאַנט!

מיר גייען פאַרביי דאָס דאָרף און אַרויף אויף דער לאַנ־קע, אויף וועלכער ס׳איז איצט געווען אַן אויסגעטרעטענע סטעזשקע. דער באַן־וואַל פאַר אונז ליגט אין לבנה־שאָטן. ווען מיר האָבן זיך צו אים דערנעענטערט, האָב איך באַמערקט אין אים אַ טיפן ריס. מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט מיט אים, דער לייטענאַנט פאָרויס, איינער הינטערן אַנדערן. אויבן איז דער גרובן געווען אַזוי טיף, אַז כ׳האָב מיך נאָר געדאַרפט עטוואָס איינצו־בויגן, כדי דורכצוגיין אונטער די שינעס. אויף דער צווייטער זייט אָפּהאַנג איז דער גרובן אויך געווען טיף. אונטער אונז האָב איך געזען אין לבנה־שיין אַן אומרעגלמעסיקן אָקאָפּ מיט קרייד־ווייסע אויפּשיטן.

— דער פּלוטאָן פון דער דריטער קאָמפּאַניע — האָט זיך גע־ווענדט דער לייטענאַנט צו אונזער פּלוטאָן־פירער — אויף

רעכטס! די גרענעצן פון די פּלוטאָנען מוזט איר אַליין באַצייכענען.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם געשלענגלטן, איבער די קני טיפֿן גרובן. כ׳האָב זיך אומגעקוקט און געזוכט דאָס אָרט, וווּ מיר זענען דעמאָלט געלעגן מיט די פֿאַרווּנדעטע. אָבער כ׳האָב עס נישט געקאָנט אָפּגעפינען.

איצט האָט זיך געצויגן צו אונזער ראָוו באַלכסון אַן אַנ־דערער. ער האָט אויסגעזען מאָדנע אומאָרנטלעך, גלייך ער וואָלט געווען פֿול מיט מיסט. כ׳האָב זיך אַראָפּגעדרייט צום לעצטן עק. דער גרובן איז געווען ברייט און אויך טיף, און איבער אים פון רעכטס איז געווען אַוועקגעלייגט עפּעס אַ גאָרטנטיר, איבערגעהאָנגען מיט קאָצן. פון פאָרנט האָבן אַרויס געשטאַרצט אינדערהויך צוויי ביקסן און העלמען. דאָס זענען געווען וואַכן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורכן דאַך. מיר האָבן נישט געקאָנט אַלע דורכקריכן דורך דער ענגער כאַטע, מיר זענען בכן אַרויסגעגאַנגען פונם ראָוו און אַזוינאָך זיך גערוקט פֿאָרויס.

די גרופּע, וועלכע מיר האָבן געזאָלט פֿאַרטרעטן, איז געלעגן אין אַ שמאָלן ראָוו, וואָס איז געווען איינגעדעקט מיט צווייגן און גראָז.

— זיי מוזן פריער אַרויס, איידער מיר גייען אַריין — האָב איך געזאָגט צו מיינע מענטשן. קניענדיק האָב איך אַריינ־געשטעקט מיין קאָפּ אין די הייל:

— מיר קומען, כדי אייך צו פֿאַרטרעטן.

ס׳איז אַרויסגעקראָכן עפּעס אַן אונטעראָפיציר און גע־האַלטן פֿאַר אונז אַ לאַנגע רעדע, וואָס מיר זאָלן טון, און וואָס מיר טאָרן נישט טון: נישט הויך רעדן! נישט פֿאַראומרייניקן דעם גרובן; מ׳דאַרף זיך איינהאַלטן ביז באַנאַכט! און קודם־כל גרעסטע אויפמערקזאַמקייט לגבי דעם שונא, און אין פֿאַל פון אַן אָנגריף, מוז דער אָקאָפּ אומבאַדינגט געהאַלטן ווערן.

צו וואָס־זשע זענען מיר דען דאָ געווען? האָב איך גע־טראַכט מיט פֿאַרדראָס. ער האָט נאָך גערעדט ווייטער. כ׳האָב אים שוין אפילו נישט געהערט און וואָלט איבריקנס

נישט געקאָנט דאָס אַלץ אויפאַמאָל פאַרגעדענקען.

— דאָס איז, שיינט מיר, אַלץ... אַך, יאָ, באַנאַכט זאָלן אַ ל ע וואַכן, באַטאָג נאָר די ה ע ל פ ט. פאַר אונז אויף אַ פופציק מעטער שטייט אַ פּאָסטן.

— צי האָט די קאָמפּאַניע אַרויסגעשיקט פּאַטרולן ? — האָב איך געפרעגט. — כ׳מיין, צי האָט מען אָפּגענומען בײַ די טויטע דאָרטן די דערקענונגס-צייכנס און די זאַכן ?

— יאָ, אָבער איך בין נישט געווען מיט זיי. צי האָט איר דען דעמאָלט מיטגעמאַכט דעם אָנגריף ?

— יאָ — האָב איך געענטפערט כּלומרשט קאַלט.

אונזערע פּאָסטנס האָבן געזאָגט, אַז זיי זאָלן די לעצטע נאַכט האָבן געהערט פון פאָרנט דאָס שרייען פון פאַרוווּנדעטע. באַטאָג קאָן מען דאָרטן גאָרנישט זען.

כ׳האָב געשפּירט אַ שטאַרקע אויפרעגונג. דער אָנגריף איז פאָרגעקומען מיט צוויי וואָכן צוריק. האָט דאָך שוין בכן קיינער נישט געקאָנט לעבן. אָבער אפשר פאָרט ?

די גרופּע איז אָפּגעגאַנגען. מ׳ר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער ערד-כאַטע. ס׳איז געווען זייער ענג. דערנאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף דער פרייער לופט. כ׳האָב געוואָלט גיין אַביסל ווייטער, כדי זיך אַליין צוצוקוקן. אָבער כּל-זמן די לבנה האָט געשיינט, איז נישט מעגלעך געווען וועגן דעם צו טראַכטן.

ס׳איז אָנגעקומען אונזער פּלוטאָן-פירער און גענומען אַרויסגעבן פאַרשידענע פאַראָרדענונגען. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וויל גיין.

— מיר מוזן זיך פריער וועגן דעם אָנפרעגן בײַם קאָמפּאַניע-פירער.

ס׳האָט מיך ווידער אַרומגעכאַפּט אַ כעס.

— איר ווילט גיין אויף פּאַטרול ? — האָט געפרעגט דער לייטענאַנט עגער. ער האָט מיך מתרה געווען, אַז כ׳זאָל זיין פאָרזיכטיק, נישט שטרויכלען זיך אַמאָל און נישט פאַרראַטן אונזערע פּאָזיציעס. כ׳האָב געזאָלט מיטנעמען צוויי מאַן, אָבער זיי נישט פירן צו נאָענט לעבן איינאַנדער. ס׳האָט נישט גענומען קיין

עק; ער האָט מיר אפשר אַ האַלבע שעה צייט כסדר געגעבן גוטע עצות. כ׳האָב געהאַט פולשטענדיק געגוג מיין אייגענעם פּלאַן. שוין־זשע זענען מיר קינדער? כ׳וועל שוין מער נישט גיין אויף קיין פּאַטרול — אָדער געהיים!

כ׳בין אַרויסגעקראָכן פון לייטענאַנטס הייל. אינדרויסן איז די לופט געווען פריש, און די לבנה איז געשטאַנען איבערן וואַלד, הינטער אונז.

כ׳האָב זיך אָפּגעשמועסט אויף א פּאַטרול מיט זיידעלן און נאָך איינעם, אָבער כ׳האָב זיי נישט געזאָגט קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס דער לייטענאַנט האָט אָנגערעדט. דערווייל איז די לבנה אונטערגעגאַנגען.

איינער פון אונזערע וואַכלייט האָט אַ מאַך געטון: — פּסט!

— וואָס איז דען? — האָב איך געשעפּטשעט.

— דאָ פּאָרנט האָט זיך עפּעס באַוועגט.

כ׳האָב שאַרף אַ קוק געטון אין יענער ריכטונג און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מ׳זעט עפּעס טונקלס. צי האָבן דאָס נישט געקאָנט זיין פראַנצויזישע פּאַטרולן?

— שיס דערויף, וויבאַלד ס׳וועט זיך ווידער באַוועגן! — האָב איך געזאָגט.

דאָס האָט מיך געמאַכט עטוואָס אומרויק. מיר זענען אַרויסגעקראָכן זייער פּאָרזיכטיק פונם ראָוו, מיט גרייטע ביקסן צום שיסן. די שוואַרצע זאַך איז געוואָרן דייטלעכער, אָבער אויפפאַלנדיק דין. דאָס איז געווען אַ הילצערנער פּלאָקן. דערלעבן זענען געווען אַריינגעשלאָגן נאָך אַ פּאָר פּלעקענער און פאַרצויגן מיט עטלעכע דראָטן.

מיר האָבן זיך געווענדט אויף לינקס, מחמת דעמאָלט האָבן מיר אָנגעגריפן פון דאַנען. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דער פאָרם פון דער ביימער־גרופּע, וועלכע כ׳האָב געזען אויפן פּאָן פון הימל. אָט־אָ־די האָב איך געוואָלט קודם־כל אָפּזוכן.

מיר האָבן געשפּאַנט שטילערהייט. דאָס גראָז איז געווען פייכט און עטוואָס נאָר געשאָרכט. כ׳האָב אויפמערקזאַם געמאַכט די חברים, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין שום וואַקלדיקע באַווע־

גונגען, ווייל די זענען אַמליכטסטן צו זען אין דער פינצטער־
עפּעס אויף דער ערד. כ׳בין געווען אומזיכער; לויט דעם
מרחק האָט דאָס געקאָנט זיין אונזער פּאָסטן.

— שטיי! ווער גייט? — האָט מען געפליסטערט.

— פּאַטרול, דריטע קאָמפּאַניע! — כ׳בין צוגעגאַנגען צו זיי: —
זאָגט די יעניקע, וואָס וועלן אייך פּאַרטרעטן, אַז מיר זענען
פּאָרנט און זיי זאָלן זיין פּאָרזיכטיק מיט שיסן.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. כ׳האָב שוין געזען דייטלעך
קעגן הימל דעם אויבערשטן ראַנד פון וואַלד. כ׳האָב זיך בכן
אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער איינצובויגן און דערנאָך צו קריכן
אויף אַלע פיר. דאָרט האָט אויסגעזען עפּעס צו זיין. כ׳האָב מיך
באַוועגט גאַנץ לאַנגזאַם. דידאָזיקע זאַך איז געווען צו נידריק,
ווי אויף אַ מענטש. כ׳בין שוין פון איר אַ צוויי טריט ווייט.
זי איז אויפפאַלנדיק טונקל. כ׳האָב עס אָנגענומען מיט דער האַנט.
דאָס איז געווען אַ קאָץ מיט אַ טאָרניסטער אונטער אים.

מיטאַמאָל האָב איך דערשפּירט עפּעס. דער ווינט האָט גע־
בלאָזן פון לינקס. מיר זענען געקראָכן אַהין. מיר האָבן באַמערקט
קאָנטורן. צוויי אָדער דריי מתים. בשעת מיינע חברים האָבן זיך
מיט זיי פאַרנומען, האָב איך געזוכט מיט די אויגן מיין ביימער־
גרופּע. זי האָט זיך געדאַרפט געפינען מער אויף לינקס. מיר
האָבן זיך גערוקט בכן אין דערדאָזיקער ריכטונג און געשטאַנען
אויף איין ליניע מיט די געפאַלענע. האַרטמאַן האָט געמוזט ליגן
ווייטער אויף לינקס.

כ׳בין אַוועקגעקראָכן עטוואָס פאָרויס און געזען עמעצן ליגן
אַליין. דאָס האָט געקאָנט זיין ער. אָבער די ביימער־קאָנטורן
פאָרנט האָבן אויסגעזען אַנדערש, ווי אין יענער נאַכט. שוין־זשע
פאַרפירט מיך מיין זכרון?

כ׳האָב איינגערוימט זיידעלן: — בלייבט איר דאָ! איך וועל
צוקריכן פאָרנטצו.

בעת כ׳האָב זיך דערנענטערט, איז דאָס געווען אַ פראַנצויז.
ער האָט זייער געשטונקען. וואַרשיינלעך איז ער שוין געוואָרן
דורכגעזוכט. כ׳האָב זיך ווידער אומגעקוקט. דאָרט איז געלעגן

נאָך איינער. דאָס איז געווען האַרטמאַן. כ׳האָב אים דורגעזוכט די קעשענעס. זיי זענען געווען ליידיק. אָבער זיין ברויטבייטל און זיין טאָרניסטער זענען נאָך דאָרט געלעגן. כ׳האָב אים אי־בערגעדרייט אויפן בויך, כּדי אים אויך דאָ דורכצוזוכן. אפשר האָט ער געהאַט נאָך עפּעס בײַ זיך.

דערנאָך בין איך צוריקגעקראָכן, שלעפּנדיק נאָך זיך דעם קאָץ און דעם טאָרניסטער.

מיר האָבן זיך אומגעקערט. כ׳בין אַריינגעקראָכן אין דער הייל פון לייטענאַנט עגער. ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעשלאָפן. כ׳האָב אים דערלאַנגט די אָפּגענומענע פּאַפּירן.

— פּע, אָבער דאָס שטינקט!

מיטאַמאָל עטלעכע גראַנאַטן נישט ווייט פון אונז רעכטס. דער וואַלד האָט אונז דאָרט פאַרשטעלט דעם אויסבליק. דאָס פייער האָט געוואָיעט און געקראַכט אומאויפהערלעך. מיר האָבן זיך גענומען איינהאָרכן. ס׳איז געשטאַנען אַ לייכטער נעפּל. פּלוצ־לינג — כ׳האָב דערשפּירט אַ שוידער דורכלויפן איבער די ביינער — עפּעס ווי אַ ברילן פון אַ חיה. אָדער אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט? אַ טראַסק פון ביקסן־פייער! עטלעכע קוילן האָבן אַ סווישטש געטון איבער אונז.

— כ׳בין פאַרוווּנדעט — האָט געזאָגט עמעצער.

— וווּ דאָס?

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַ דער ברוסט און אַרויסגעצויגן פון דעם ברוסטביין אַ קויל. איר אימפּעט איז משמעות שוין געווען זייער שוואַך, און דערפאַר איז זי נישט אַריינגעדרונגען טיפער.

דאָס ביקסן־פייער האָט אויפגעהערט, אויך דאָס אַרטילעריע־שיסן, און ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל.

— וואָס איז דאָס געווען? — האָב איך געהערט עמעצן מורמלען.

מיר זענען אַריינגעקראָכן אין אונזער הייל. כ׳האָב מיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, כ׳האָב נישט געקאָנט אויסשטרעקן די פיס, ווייל עמעצער איז געלעגן קווער פאַר מיר.

— טרעט מיר נישט אַרויף אויפן ציפּערבלאַט! — האָט ער געזאָגט.

— טאָ שטופּ נישט דיין מויל אין מיינע שטיוול אַריין.

קעגן מיטאָג האָב איך אינגאַנצן אויפגעוואַכט. פון דעם אַרויסגאַנג, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ זאַק, האָט אַריינגעדרונגען עטוואָס טאָגליכט.

אין די ליימענע ווענטלעך זענען געווען אַריינגעשלאָגן ברעטער, אויף וועלכע ס'איז געלעגן ברויט, וווּרשט און ציגאַרן.

— איר שטינקט, ווי די הינט! — האָט געשאָלטן זיידעל.

— און באַ אַזאַ קעלט!

כ'בין אַרויסגעקראָכן אינדרויסן. די זון האָט געשיינט אויף דער לאָנקע. מיר האָבן אויפגעמאַכט אונזער שטאַל, כדי אַריינצולאָזן אין איר אַ ביסל פרישע לופט, קעגן וועלכן עמעצער האָט איינגעווענדט:

— איצט גראָד האָט עס אָנגעהויבן צו ווערן אינעווייניק געמיטלעך, און איר לאָזט ווידער אַלץ אַרויס!

מיר האָבן געפרישטיקט רחבותדיק אויף דער זון. דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן צו האַרטמאַנס כלה.

נאָכמיטאָגס זענען אָנגעפלויגן צוויי גראַנאַטן און זיך איינגעגראָבן אין באַן־וואַל. ווייטער האָט מען גאָרנישט געזען און נישט געהערט. דערנאָך איז אָנגעקומען דער פלוטאָן־פירער און דערציילט, אַז היינט אינדערפרי האָבן די שוואַרצע אָנגעגריפן דעם שכנותדיקן פּולק; איצט ליגן זיי פאַר אונזערע ליניעס לעבן איינאַנדער טויט.

מיר זענען געבליבן אויף דער פּאָזיציע דריי טעג. דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין שעלי און נאָך דריי טעג ווידער אויף די פּאָזיציע. אונזער מקלט איז געוואָרן וואָס אַמאָל פולקאָמענער, ס'זענען געווען אין אים פּאָליצעס פאַר די מענאַשקעס און טשוועקעס אין סופיט, כדי צו קאָנען אַזוי אויפהענגען דעם וווּרשט און דאָס ברויט, אַז די מייז זאָלן זיך נישט צוקריגן.

היות ווי אונזער באַהעלטעניש האָט פולשטענדיק פאַרמאַכט

דעם ראָוו, האָבן מיר אויסגעבויט אַן אומקרייזנדיקן ראָוו, דורן וועלכן ס׳איז פּאַרגעקומען דער פּאַרקער.

מ׳האָט אָנגעהויבן אויך צו בויען אַ לאַטרינע, כּדי מ׳זאָל אויך באַטאָג קאָנען דערליידיקן די פּיזישע באַדערפענישן׳

..

דערוויל זענען אָנגעקומען פאַרשטאַרקונגען. דאָס זענען געווען גאַנץ בכבודיקע לאַנדווערלייט, ס׳רוב אונטעראָפיצירן אָדער יעפרייטערס. צוליב דעם האָב איך נאַטירלעך נישט גע־קאָנט פאַרבלייבן ווייטער גרופּן־פירער.

דער לייטענאַנט עגער האָט אונז אַלעמען געהייסן אויס־שטעלן זיך לויטן וווקס. אַזוינאָך איז זיידעל אויסגעקומען אויפן לינקן פליגל, און איך, אַלס העכסטער, בין אַריינגעפאַלן צווישן לויטער לאַנדווערלייט.

דער לייטענאַנט האָט געהייסן זיך פונאַנדערגיין, נישט זאָגנדיק לגמרי, וואָס ס׳וועט זיין מיט קוואַרטירן. דער עולם האָט געוזידלט, ווייל מ׳האָט פונאַנדערגעטיילט אַזויערנאָך די באַקאַנטע.

ס׳איז אָנגעקומען מיטן וועג דער פעלדפעבל פון אונזער קאָמפּאַניע. כ׳האָב אים געגעבן די רשימה פון אונזער גרופּע, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, און אים געזאָגט, אַז דער הער לייטענאַנט האָט אונז אַלע אויסגעמישט.

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך! — האָט ער אויס־געריפן — די מענטשן פון די פיר אַמאָליקע קאָמפּאַניעס זענען איינגעשריבן באַזונדער און באַזונדער ווערט געפירט זייער באַשפייזונג און לוין. כ׳קאָן נישט דערלויבן, אַז מ׳זאָל מיר יעדעס מאָל אַרויסצופן מענטשן פון אַנדערע קאָמפּאַניעס, ווי די ראָזינקעס פון אַ סעודה־קוכן! כ׳גיי תיכף צום הער לייטענאַנט.

כ׳האָב מיך געפרייט, וואָס דער פעלדפעבל וועט זאָגן דעם לייטענאַנט אַ פּאָר אמתדיקע ווערטער. אָבער ס׳האָט גאָר־

נישט געהאָלפן. מ׳האָט פאַראָרדנט אַ נייע קוואַרטיר־איינטיילונג. כ׳האָב זיך געמוזט איבערטראָגן צו די בערדיקע לאַנדוועראַלייט. די האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו די פאַרהעלטנישן אין שוץ־גרובן און אַכטונג געגעבן קעגנזייטיק אויף איינאַנדער, אַז די אַרבעטן און די וואַך־דינסט זאָלן גענוי אויסגעפירט ווערן. דאָס איז מיר תחילת גאַנץ גוט געפעלן. אָבער דערנאָך זענען מיר די לייט געוואָרן שרעקלעך לאַנגווייליק. זיי פלעגן תמיד רעדן מיט ערנסטע פּנים׳ער וועגן זייערע פרויען. אַלע זענען זיי שוין געווען עפּעס אין לעבן.

IV

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז ס׳קומען אָן נייע דערגאַנצנדיקע אָפּטיילונגען, פיל אָפיצירן און פרייוויליקע.

מיר זענען געביטן געוואָרן און אָפּמאַרשירט קיין שאַלי. אין שטוב איז געווען אין דערדאָזיקער נאַכט זייער קאַלט. צוויי פענצטער־שויבן זענען געווען צעבראָכן, און אויף זייער אָרט האָט מען ווי עס איז אַריינגעפּאַקט שטיקלעך טעקטור.

אינדערפרי בין איך גראָד געגאַנגען ברענגען וואַסער אין דער אָפּגעבראָכענער שיסל, וואָס האָט אונדז אַלעמען געדינט צום וואַשן און ראַזירן. די לופט איז געווען נעפּלדיק, אָבער די זון האָט שוין געשיינט וואַרעם.

כ׳האָב זיך געוואַשן.

— זיי קומען אָן! — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

כ׳האָב זיך שנעל אָפּגעווישט און אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. זיי זענען געשטאַנען פאַר דער קוואַרטיר פון פּולק־קאָמענדאַנט, אויסגעשפּרייט ווייט לענגאויס דער גאַס, מיט אָפיצירן פאַרן פראָנט; דער דריטער פון דער ריי איז געווען דער לייטענאַנט פּאַביאַן. כ׳בין געווען געריירט און נייגעריק, צי ער וועט מיך דערקענען. ער האָט אויסגעזען בלאַס, זייער ערנסט און אָפּ־געצערט.

דער פּאָלקאָווניק איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז, דורכגע־גאַנגען פאַרן פראָנט און געהייסן איינטיילן די אָפּטיילונגען. די אָפּטיילונגען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט באַזונדער. פּאַביאַן האָט בראָש פון זיינע לייט צומאַרשירט גלייך אויף מיר.

— רען! האָט ער אויסגערופן. — האָב איך, הייסט עס, כאָטש איינעם באַגעגנט פון דער אַלטער באַנדע! — ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט.

— צי וועט דער הער לייטענאַנט ווידער באַקומען אונדזער קאָמפּאַניע?

— וואָלט איר זיך דען געפרייט?

— אַלע וועלן זיך דערפרייען, הער לייטענאַנט! — האָב איך אויסגערופן.

כ'בין צוגעלאָפן צו זיידעלן און עס אים דערציילט.

— צי וואָלט איך נישט געקאָנט בלייבן אין אייער קאָמ־פּאַניע? — האָט ער געפרעגט טרויעריק.

— ווי פאַרשטייסטו דאָס?

— נו, איצט ווערן דאָך ווידער פונאַנדערגעטיילט די פיר קאָמפּאַניעס און איך קען דאָך אייגנטלעך פון מיין קאָמפּאַניע קיינעם נישט.

— הער זיך איין! טו אַ בעט אונדזער פעלדפעבל, אַז די זאָלסט אַריין צו אונז, אָבער שנעל; וויבאַלד וועסט אויסנוצן די אומאָרדנונג בעתן נייעם איינטיילן, וועט זיך עס דיר אַמ־לייכסטן איינגעבן.

ער איז אַוועקגעלאָפן.

מיר האָבן זיך געזאַמלט פאַר אונדזער קוואַרטיר. אונדזער גרופּע איז אַ חוץ צוויי מענטשן, איבערגעגאַנגען צו פּאַביאַנס קאָמפּאַניע. אַקעגן־זשע האָבן מיר באַקומען זיידעלן. און איין פרייוויליקן. דער פרייוויליקער איז געווען אַ פיינער יונג, מיט טונקעלע האָר און שוואַרצע, ווי איבערגעשראָקענע אויגן.

מיר האָבן זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער קוואַרטיר. דער פרייוויליקער האָט כלל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז מ'דאַרף זיך אויסזוכן אַן אָרט צום שלאָפן. און איז געווען

זייער דערשטוינט, ווען איך האָב אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט. ער האָט געהייסן קייזער. כ׳בין נישט דרייסט געווען צו פרעגן, וואָס ער איז פון באַרוף. אָבער ער איז זיכער דאָ אַהערגעקו־מען גלייך פון שול.

פלוצלינג איז אַריינגעקומען צישע.

— פונוואַנען האָסטו זיך דאָ דערנומען ? — האָב איך געפרעגט.

— נו, כ׳בין דאָך דאָ געווען די גאַנצע צייט. אָבער דו האָסט געהאַט דיינע אייגן ערגעצוווּ. כ׳קאָן דאָך נישט, שטייענ־דיק אין דער ריי, אויסשיסן פון דער ביקס, אַז דו זאָלסט מיך באַמערקן !

כ׳האָב אָנגעקוקט זיין פינגער. מ׳האָט נאָר אָנגעזוען אַ קליינעם שראַם.

— ווי וויַיט פון אונז קומט פאָר דער קאַמף ? — האָט געפרעגט קייזער.

— וואָס ? — כ׳האָב נישט געקאָנט תופס זיין, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט.

ער האָט זיך צעטומלט.

— ביסטו פאַררוקט, צי וואָס ? — האָט געזאָגט צישע. — ווייסט דאָך אודאי, וווּ ס׳זענען די פּאָזיציעס !

— אַך, אַזוי ! אַ דריי קילאָמעטער פונדאַנען, אַביסל ווייטער הערט מען שוין אפילו שיסן.

— אַך, איר מיינט, אַז מ׳האַלט כסדר אין איין שיסן ? ביין, דאָרט איז אפילו נישטאָ נאָכוואָס צו שיסן ! — האָב איך זיך צעלאַכט.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט חשד.

— באמת ! איר זעט מער נישט ווי אַ לאָנקע פאַר זיך, און די איז העל, ווען ס׳שיינט די זון, און גרין, ווען ס׳רעגנט. מען שטייט אויף דער וואַך, מען קערט אויס דעם אָקאָפּ און מ׳בויט אויס שוצגרובנס. און באַטאָג פאַלן פיר גראַנאַטן, תמיד אַרום עלף אַ זייגער, און תמיד אויפן זעלביקן אָרט.

קייזער האָט אויסגעזעצן איבערגעשראָקן. ס׳האָט מיך אָנגע־נומען אַ חשק צו טרייבן ווייטער שפּאַס.

— שטותים! — האָט געזאָגט צישע און מיך אַרויסגע־פירט אין דרויסן.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט ער געפרעגט — ביזט דאָך געווען אַמאָל אַ גאַנץ גוטער בחור.

V

דער לייטענאַנט פּאַביאַן איז באמת געווען אַן אַנדערער־פירער ווי עגער. ער איז געווען אומעטום, אַכטונג געגעבן אויף די קלענסטע זאַכן, און איז איינגיכן געוואָרן צוריק געזונט און דיק ווי פריער. ער האָט געטרונקן גערן וויין און שנאַפּס, אָבער אַחוצדעם פלעגט ער צוגלייך מיט אונז לעבן גאַנץ איינפאַך.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט זיך איינגעבראָכן איבער אים אַ וואַנט פון זיין גרובן. ער איז אַפּערגעקראָכן פון הינטערן גרוז, האָט אַרויסגעצויגן זיין קאָפּ און זיך אַוועקגעלייגט, נישט זאָגנדיק קיינעמען קיין וואָרט, אין אַ גרובן־נישע, וועלכע איז גע־ווען געשיצט קעגן רעגן מיט אַ בלעך, אָבער אָפן פון דער זייט פון אָקאָפּ. בעת זיין דינער האָט אים אינדערפרי געוואָלט דעדלאַנגען קאַווע, האָט ער געפונען זיין אָקאָפּ פאַרשאָטן און אָנגעהויבן צוזאַמען מיטן אָרדינאַנס אָפּצוגראָבן דעם לייטענאַנט.

לסוף האָבן זיי אים געפונען אין זיין נייער נאָרע געמיט־לעך גענעצנדיק.

— ווו זאָל מען בויען דעם נייעם אָקאָפּ? — האָט גע־פרעגט דער אָרדינאַנס.

— כ׳האָב דאָך שוין איינעם — האָט ער פויל גע־ענטפערט.

מ׳האָט זיך דערציילט לאַנג דידאָזיקע געשיכטע אין דער גאַנצער קאָמפּאַניע. דעם עולם איז זי זייער געפעלן. אָבער זיי האָבן גענומען פּאַביאַנען פאָרט צו פשוט. ער איז געווען אַ

מערקווירדיק געמיש פון פוילקייט און רירעוודיקייט. תמיד האָט ער געמוזט זיין מיט עפּעס פאַרנומען. הינטער שעלי איז אָבער גאָרנישט געווען אינטערעסאַנט. ער איז בכן געוואָרן שווערמוטיק און זיך אָנגעשיכורט יעדן אָוונט.

אויך מיר זענען אינגיכן דערעסן געווען די רו־טעג. די קוואַרטירן זענען געווען ענג און ווינטיק. אומעטום זענען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפן טאָרניסטערס און שטיוול. אויף אונזער קליין טישל האָבן זיך אַלע געוואַשן, גענעסן און געשפּילט אין קאָרטן. ווען כ'זאָל ווען עפּעס לייענען, וואָלט איך מיך געמוזט אַוועקזעצן אויף מיין געלעגער אויף דר'ערד. כ'האָב אָבער אויך נישט געהאַט וואָס צו לייענען. צישע און זיידעל זענען געווען טעמפּ. מיט קייזערן האָב איך שוין פונלאַנג נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. ער האָט געוואָלט ווערן טעאָלאָג. אָבער ווען כ'פלעג אים וועגן עפּעס פרעגן, פלעגט ער תמיד זאָגן: — דאָס ווייס איך נאָכנישט.

וועגן גאָט האָב איך נישט געטראַכט. העכסטנס פלעג איך מיר זאָגן: אפשר איז דאָ אַ גאָט. אָבער וואָס ווייסן מיר וועגן אים?

אין שעלי זענען אָפט פאָרגעקומען גאָטסדינסטן אין דער קירך. דער גלח פלעגט תמיד האַלטן דרשות. ער פלעגט זיך שטעלן דריי אָדער פיר פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט תמיד געענטפערט.

כ'האָב זיי שוין אַלע נישט געקאָנט ליידן. אָבער איינע האָט מיך באַזונדערס אַריינגעבראַכט אין כעס. אלמאי האָט גאָט דערלאָזט צו דער מלחמה? איינמאָל האָב איך פלייסיק נאָכגעפאָרשט, ווי אַזוי ער וועט לייזן דידאָזיקע פראַגע. אָבער מיטאַמאָל האָט ער פאַרענדיקט, און כ'האָב נישט געהערט קיין ענטפער, נאָר הוילע ווערטער.

אַרויסגייענדיק פון דער קירך, האָב איך נישט געקאָנט אַ לענגערע צייט גובר זיין מיין פאַרביטערונג. כ'האָב גענומען אין זיידעלס קעגנוואָרט צו זידל ן אויף וואָס די וועלט שטייט. ע האָט זיך באַמיט מיך צו באַרויקן.

— דו גלויבסט דאָך אַליין אין גאָרנישט! — האָב איך געשריגן.

— דאָס ווייס איך נישט.

— אלמאי צווינגט מען אונז אויסצוהערן? וויבאַלד זיי האָבן ווייטער גאָרנישט וואָס צו זאָגן, נאָר צו שטעלן נאַרישע פראַגעס!

כ׳האָב זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן אַזעלכע שטימונגען פאַר קייזערן, ווייסנדיק, אַז דאָס וואָלט אים ערלעך וויי־געטון. דערווייל איז דאָס לעבן געגאַנגען זייער אַלטצגלעך. ווייטער מיט שטיוול־פוצן, שאַנצעווען און שטיין אויף דער וואַך. ווען ס׳זאָל כאָטש זיין עפּעס אַ מענטש, מיט וועלכן מ׳זאָל קאָנען אַ וואָרט אויסרעדן.

VI

נאָך אַ פּאָר פּרעסטלעך זענען ווידער אָנגעקומען וואַרימע טעג. די זון האָט באַשיינט איין קרייד־וואַנט פון דעם גרובן. כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף דער זון און זיך געראַזירט מיט קאַווע — וואָרן קיין וואַסער האָבן מיר נישט געהאַט אין גרובן. אַביסל ווייטער האָט זיידעל אויפגעפרישט איבער אַ קליין פייער פעניצלעך ברויט, וואָס זענען געווען אָנגעשפּיזט אויף אַ באַגנעט. ער פלעגט דאָס תמיד טון פאַר זונאונטערגאַנג, מחמת דעמאָלט פלעגן זיך קיינמאָל נישט באַווייזן קיין עלטסטע, העכסטנס אונזער פלוטאָן־פירער, וועמען דאָס האָט כלל נישט געאַרט.

— וואָס איז געווען אין דיין פּאַקעט? — האָט גע־פרעגט זיידעל.

— ציגאַרן און וורשט.

— צי קריג איך אויך עפּעס?

ס׳איז אָנגעלאָפן דער פלוטאָן־אָרדינאַנס:

— אַלע זאָלן זיך גרייט מאַכן! די גרופּנפירערס צום הער פעלדפעבל!

— וואָס איז געשען?

— כ'ווייס נישט!

— אפשר איז שוין די מלחמה אויס? — האָט געלאַכט ציידעל.

כ'האָב נישט געענטפערט און מיר אָפּגעטרוקנט דאָס פּנים.

אונזער גרופּנפירער איז צוריקגעקומען פון דעם פּלוטאָן־פירער. ער האָט אונז נישט אָנגעקוקט:

— היינט ביינאַכט דאַרפן מיר נעמען דעם דרייעקיקן שאַנצגרובן. מיטן אָנקום פון דער נאַכט וועלן מיר דאָ פאַר־טרעטן ווערן דורך אַן אַנדערע קאָמפּאַניע. רעץ, גייט אַריין צום קאָמפּאַניע־קאָמענדאַנט נאָך באַנדאַזשן!

פאַר די אָקאָפּעס האָט מען פונאַנדערגעלייגט דאָס שטורעם־געפּעק.

— ווו איז געלעגן דער דרייעקיקער שאַנצגרובן?

דער לייטענאַנט פּאַביאַן איז געשטאַנען פאַר זיין אָקאָפּ און איבערגערעדט עפּעס מיט זיינע טעלעפאָניסטן.

— צי דאָרט באַ זיי איז דאָ אין גרובן אַ לאַזאַרעט? — האָט געפרעגט דער סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר.

— דאָס וועלן מיר זען אויפן אָרט... צי האָט איר גע־מעלדעט אין באַטאַליאָן דעם ענין מיט די קיכן, עשע?

— יאָ, הער לייטענאַנט. דער באַטאַליאָן וועט פאַרהאַלטן די קיכן אין שעלי און אייך טעלעפאָנירן ווהין זיי זאָלן איבערגערוקט ווערן.

— צי זענען זיי שוין געקומען נאָך באַנדאַזשן? האָט אויסגערופן דער סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר.

— דאָ איז ערשטע גרופּע, ערשטער פּלוטאָן! — האָב איך אויסגערופן.

— וויפיל מאַן זענט איר?

— ניין מאַן, הער אונטעראָפיציר!

— אָט איז דער אייזערנער זאַפּאַס פאַר אייער פּלוטאָן, נעם עס מיט! האָט איבערגעריסן עשע.

— אין וואָס זאָל איך עס טראָגן ?

— מ׳האָט דאָך אייך אָנגעזאָגט, אַז איר זאָלט מיט־ברענגען אַ קאָץ !

זיי האָבן זיך געשטופּט אַרום מיר און איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן.

כ׳האָב זיך צוריקגעקערט. דער בין השמשות האָט זיך אַריינגעשלייכט אין די גרובן־ווינקלען. אויבן, איבער די ערד־וואַלן, איז דורכגעלאָפן אַ מויז.

אין אַ שעה אַרום איז אָנגעקומען פון הינטן אַ קאָמפּאַניע און באַזעצט אונזערע פּאָזיציעס. מיר האָבן אָפּגעצויגן אויף רעכטס. מיר האָבן זיך גערוקט, איינער הינטערן צווייטן, לענגויס דעם גרובן. אויף אַ געוויס אָרט האָט אויפגעבליצט לינקס, פון אַן אָקאָפּ, אַ רויטלעך ליכט. דערנאָך איז געוואָרן פינצטער; מ׳האָט קוים געקאָנט דערזען קעגן הימל די טונקעלע ראַנדן פון די אָקאָפּעס.

לסוף זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פּאָרנט פונם גרובן. דער וועג האָט געפירט איבער אַ בוראַקעס־פעלד, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געגליטשט מיט די טשוועקעס אויף די שטיול. מיטאַמאָל האָט גענומען שרעקלעך שטינקען. לינקס זענען געלעגן צוויי טויטע אָקסן, וועלכע האָבן אויסגעזוזן ריזיק. אפשר זענען זיי געוועזן אַזוי אויפגעבלאָזן.

אַ ביקסן־שאָס פון אונזער רעכטער זייט, גאָרנישט ווייט. ער האָט אָפּגעהילכט מאָדנע לאַנג.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט אויף לינקס, און דערנאָך ווידער מיט אַ גרויסן בויגן אויף רעכטס. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט שטימען, אָבער ווי פון דער ערד אַרויס. כ׳האָב שאַרף אַהינגעקוקט און באַמערקט רעכטס עפּעס ווייס, ברייטס. דאָס איז געווען אַ קרייד־שטיינבראָך; מיר האָבן זיך טאַקע דער־נענטערט צו אים. מ׳איז דאָרט געלאָפן אַהין און אַהער. ס׳האָבן אויפגעבליצט עלעקטרישע לעמפּלעך.

— ווו זאָל מען אַוועקלייגן די רידלען ?

— ווו איז דער לאַזערעט ?

— שטילערטס! מיר זענען נאָר צוויי־הונדערט מעטער ווייט פון די פּראַנצויזן! לעשט אויס אייערע לעמפּלעך! — האָט עמעצער געשעפּטשעט.

ס׳האָט זיך דערנענטערט צו מיר דער פּלוטאָן־פירער. וואָס וויל ער?

— איר זאָלט זיך שטעלן צום הער לייטענאַנט. ער איז דאָרט אויבן — ער האָט אָנגעוויזן אויפן ראַנד פון שטיינברוך.

כ׳האָב מיך דורכגעשטופּט דורך די מענטשן. דאָרט איז געשטאַנען אַ בודע, צוגעבויט צו דער פעלז־וואַנט. דערלעבן האָבן געפירט טרעפּ אונטער אַ שמאָל דעכל, אויף וועלכן ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע אָפיצירן.

— יעפרייטער רען שטעלט זיך צום באַפעל! — האָב איך שטיל געמעלדעט.

— איר זענט היינט מיין דריטער אָרדינאַנס. גייט צוריק צום פּלוטאָן! זאָלן זיי זיך שטעלן דאָ האַרט לעבן דערדאָזיקער וואַנט!

אין שטיינברוך איז שטילער געוואָרן.

ווען כ׳האָב זיך צוריקגעקערט צו פּאַביאַנען, איז געשטאַנען לעבן אים אונזער מאַיאָר, דער באַטאַליאָן־קאָמענדאַנט, און געגעבן שטילע אָנווייזונגען: — אייער קאָמפּאַניע וועט גיין אין פייער, ווען די שטורם־אָפּטיילונגען פון די דריי אַנדערע קאָמפּאַניעס וועלן איינגעמען דעם שאַנצגרובן. כ׳מוז דאַן תּיכּף געבילדעט ווערן אַ נייע פייער־ליניע אַקעגן די פראַנצויזן. דערנאָך דאַרף מען פאַרבינדן דעם שאַנצגרובן מיט אונזער אָקאָפּעס־סיסטעם.

ער האָט געשעפּטשעט דאָס אַלץ מיט אַ האַרטן טאָן פון קאַלטן ישוב־הדעת. כ׳האָב אַזוינאָך נאָך נישט געהאַט געהערט קיין באַפעלן. אָבער ס׳איז געווען לגמרי אויפן אָרט.

פאַר אונז איז גאָרנישט געווען צו זען, אַחוץ אַ לייכט אויפשטייגנדיקע לאָנקע.

— איצט איז די צייט — האָט געשעפּטשעט דער מאַיאָר.

ס׳איז מיר אַדורך אַ שוידער.

לינקס האָב איך געהערט אַ שטיל קלינגען פון שטאָלערנע מכשירים.

ווער אָנגריף האָט זיך ...ע

ווייט הינטן. וואַמם! אַ שאָט. די קויל האָט זיך לאַנג־
...ם געטראָגן אינדערהייך אַרויף.

פאַמם — פאַמם — פאַמם! האָט אַ פלי געטון
מיט אַ משוגענער שנעלקייט איבער אונז און אַ קלאַפּ געטון
ערגעץ פאָרנט.

די שווערע גראַנאַטן האָבן זיך צעראָפּגעקייקלט, וואָס אַמאָל
שאַרפער. פראַ — ראַמם!

הינטן טויבע שאָסן. ס׳האָט געקנאַלט, געהיילט און געצי־
שעט ווילד פון די פאַרשידנסטע זייטן און זיך איינגעגראָבן דאָ
און דאָרטן אין דער ערד.

קיין שאָסן מער. וואָס וועט איצט קומען?

די לעצטע גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן.

— ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן מיט דער אַרטילעריע! —
האָט געמרוקעט דעם מאַיאָר. — זיי האָבן געדאַרפט שיסן ווי־
טער אָן הפסקה.

פאָרנט אַ ביקסנשאָס, צוויי, דריי. דערנאָך האָט גענומען
פייפן און פאַטשן. כ׳האָב זיך איינגעבויגן. אָבער דער מאַיאָר
איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. כ׳האָב זיך צוריק אויסגעגלייכט.

די קוילן האָבן געצישעט אַרום אונז. ס׳האָבן גענומען אָנ־
פליען גאַנץ איינצלנע גראַנאַטן. כ׳האָב געגלאָצט אין די פינצ־
טערניש.

וויבאַלד דער ערשטער שטורם וועט נישט געלונגען, צי
וועלן מיר נעמען דעם שוצנגראָבן?

פון פאָרנט זענען אָנגעלאָפן עטלעכע: — הילף, סאַניטאַר!

— ווי זעט עס אויס דאָרט? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט
קאַלט.

— אַך, זיי ליגן דאָרט! מ׳האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון
רידלעס. פון קעגנאיבער האָבן זיך דערטראָגן עטלעכע שאָסן,
זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און גענומען אָפּשיסן.
דער מאַיאָר האָט באַוועגט מיטן מויל, גלייך ווי ער וואָלט

גקייט עפעס. ס׳האָט געפייפט און געקנאַלט. — מ׳דאַרף דאָרט אױנשיקן אַ פּאָר מענטשן.

פון פראָנט האָבן זיך װידער אומגעקערט עטלעכע: — סאַניטאַר!

פאַביאַן האָט אַרײַנגעשריגן אין שטײַנברוך: — װער װיל גײן פרײַװיליק אויף אַ פּאַטרול?

— איך! — האָט אויסגעשריגן עמעצער מיט אויפגערעגטער שטים. דאָס איז געװען קײַזער. ער איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ מיט נאָך אַן אַנדערן פרײַװיליקן.

אַ פרישע שטים האָט גערופן פון לינקס: — סאַניטאַר!

— דאָ אַהער! — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע פון דעם שטײַנברוך אַרויס.

— ברענגט אַרויס טראָגבעטלעך! — האָט ער אויסגערופן.

— פון װעלכער קאָמפּאַניע זענט איר? — האָט געפרעגט דער מאַיאָר.

יענער האָט זיך דערנענטערט און זיך מיטאַמאָל אויסגעגליכט. ער איז געװען אַ קלײנער און שוין נישט קײן יונגער.

— פערטע, הער מאַיאָר!

— װי זעט עס אויס בײַ אײַך?

— שטאַרקע פאַרלוסטן! מיר זענען נישט דערגאַנגען!

ס׳האָט געקראַכט פון שיסן.

— גוט, איר קאָנט גײן! פרײַװיליקע! איר װעט גײן צו דער ליניע, אין דערדאָזיקער ריכטונג! איר זאָלט געװויר װערן װאָס די צװײטע קאָמפּאַניע האָט דערגרײכט!

זײ האָבן אַרויסגעקלעטערט און פאַרשװוּנדן אין דער פינצטערניש. ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זײ.

— הער מאַיאָר! — האָט מען אַרויסגעשריגן פון שטײַנברוך. — דער הער פּולקאָװניק װיל האָבן אַ מעלדונג, צי דער שטורעם האָט זיך אײַנגעגעבן!

— צו װאָס אַלץ אינאײנעם מיט די פראַגעס! כ׳װעל שוין מעלדן, װען ס׳װעט קומען די צײַט!

ס׳איז געװאָרן עטװאָס העלער. אָבער מ׳האָט נאָכנישט גע-

זען קיין נעגויערס. דאָס קנאַקן פון געווער האָט נאָך געדויערט. כ׳האָב זיך געוווּנדערט, כ׳בין שוין אָבער כּלל נישט געווען אויפגערעגט.

פון פאָרנט זענען אָנגעלאָפן צוויי, האָבן זיך אָוועקגע־שטעלט פאַרן מאַיאָר: — הער מאַיאָר, מיר האָבן נישט באַ־געגנט די צווייטע קאָמפּאַניע! — האָט געמעלדעט קייזער אָן אָטעם.

— גייט דאָ אַראָפּ! ס׳האָט נישט קיין זין אַרויסצושטעלן זיך אומנוציק אויפן פייער!

זיי האָבן אַראָפּגעקלעטערט אומבאַהאָלפן אונטן אַראָפּ. דער־נאָך האָט קייזער אויסגערופן: — די ערשטע קאָמפּאַניע איז צוּערשט אַריינגעפאַלן אין פייער. דער לייטענאַנט אַלבערט זאָל זיין דערהרגעט.

עמעצער איז אָנגעלאָפן פון רעכטס: — מעלדונג פון דער צווייטער קאָמפּאַניע: די קאָמפּאַניע איז אַריין אין פייער פון דער פערטער און האָט זיך צוריקגעצויגן אויף איר אויסגאַנגס־פּונקט.

— די קאָמפּאַניע זאָל דאָרט וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַ־פעלן! — דער שטורם איז נישט געלונגען! — האָט ער זיך גע־ווענדט צו פאַביאַנען. — אויב דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר וויל האָבן נאָך אַן אָנגריף, מוז ער נעמען אַן אַנדערן באַטאַליאָן! — ווען מיר וואָלטן געהאַט בלויז אַזעלכע לייט ווי די פּריוווילִיקע, וואָלטן מיר שוין איצט געווען אין דעם שאַנצגרובן!

מיר זענען אַראָפּגעשטיגן אין דעם שטיינבראָך. מ׳האָט גע־בראַכט אויף טראָגבעטלעך פאַרוווּנדעטע. מ׳האָט זיי פאַרבאַנדאַ־זשירט אין דער הילצערנער בודע. ס׳איז אַרויסגעקומען א דאָקטאָר און א סאַניטאַרן־אונטעראָפיציר מיט אַ לאַמטער. זיי האָבן באַלויכטן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ טינטער־גרויסן דורכשאָס אין פוס.

— צי איז דאָס פון אַ גראַנאַט? — האָט געפרעגט פאַביאַן — כ׳האָב אָבער כּלל נישט געהערט שיסן מיט קיין גראַנאַטן.

— ניין, דאָס איז פון אַ דומדום־קויל.

— שיסן בכן די פראַנצויזן באמת דערמיט?

— איר זעט דאָך. דאָס איז דאָך אַ בעסטיאַלישקייט! —

האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און אַוועקגעגאַנגען ווייטער. דער מענטש מיטן דורכשאָס איז שוין געווען טויט.

אויף דר׳ערד זענען געלעגן רידלעס, פאַרבלוטיקטע בלוזעס, שטיקלעך העמדער, ברויטבייטלען, ביקסן.

דאָס געשיסעריי האָט אויפגעהערט. מיר האָבן זיך צוריק־געצויגן אויף אונזערע פּאָזיציעס. קייזער האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון מיר, האָט אָבער נישט גערעדט קיין וואָרט.

פאַמעלעך האָט געבומען גראָען אויף טאָג. קייזער האָט אויסגעזען בלאַס און שמוציק. אָבער זיינע אויגן זענען געווען מאָדנע העל.

VII

די קאָמפּאַניע האָט זיך אויסגעשטעלט אויפן וועג קיין שעלי.

— אַכטונג! — האָט געקאָמענדירט דער פעלדפעבל.

ס׳איז אָנגעקומען פּאַביאַן און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן פראָנט. ער האָט געהאַלטן עפּעס אַ פּאַפּיר אין האַנט.

— אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער האָט דער אַרמעע־קאָמאַנדיר באַשאָנקען מיטן אייזערנעם קרייץ צווייטער קלאַס דעם וויצע־פעלדפעבל העלער, דעם יעפרייטער רען, צישען, מאַרסן, זיידעלן... כ׳ווינטש אייך פון גאַנצן האַרצן גליק דערצו!

ער איז צוגעקומען צו מיר, האָט אויפגעמאַכט אַ קליין בלאָ פּאַקעטל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שוואַרץ־ווייסע באַנד מיט אַ קרייץ און זי דורכגעצויגן דורכן צווייטן קנאָפּלעכל. — איר מוזט זי נאָך צושפּילן מיט אַן אַגראַפקע... פרייט איר זיך? ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

כ׳האָב זיך אַביסל צעטומלט, ווייל אַלע האָבן געקוקט אויף מיר.

כ׳האָב געטראָגן דעם קרייץ אַ גאַנצן טאָג לאַנג. די זון האָט געשיינט אויף דער זומפּיקער גאַס. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ס׳קוקן אויף מיר אַלע פאַרבייגייער. כ׳האָב נישט געקאָנט גובר זיין דאָס געפיל, וואָס כ׳רויטל זיך כסדר.

כ׳האָב נישט געוואַגט פאַר אַלעמען אין די אויגן געוויצער אָנצוקוקן דעם קרייץ. כ׳בין בכן אַרויסגעגאַנגען נאָכמיטאָג הינטער דעד שטאָט. דער בליצנדיקער זילבערנער ראַנד איז מיר זייער געפעלן. כ׳וואָלט גערן געהאַט אונטער דער האַנט אַ שפיגל.

אינאָוונט האָב איך פאַרפאַקט דעם קרייץ, אַז ער זאָל נישט אָנווערן דעם גלאַנץ און איבערגעלאָזט אויף דער ברוסט בלויז די באַנד.

VIII

כ׳האָב זיך אַרומגעשלענדערט צווישן די פאַרפרוירענע קריידווענט פונם גרובן אַלס יעפרייטער. אויף זיין אויפשיט האָט געטופעט מיט די פיס פון קעלט אַן אַלאַרם-פּאָסטן מיט אויפגעשטעלטן מאַנטל-קאָלנער. אַביסל ווייטער, פאַר אַן אָקאָפּ, האָט עמעצער געשאָקלט אינדערלופטן מיט אַ קיך-קעסעלע, דורך וועמעס אויסגעהאַקטע לעכער מ׳האָט געזען גליענדיקע האָלצקוילן. דערנאָך איז ער אַריינגעגאַנגען און אויפגעהאָנגען דעם פייערטאָפּ באַם סופיט. אַנדערע האָבן געגעסן פרישטיק.

כ׳האָב זיך אַראָפּגעדרייט צו דער לאַטרינע. צישע איז געזעסן אויף דער שטאַנג און געלייענט די צייטונג.

— דו! — האָט ער געזאָגט — מיר בויען אַ טורעם. — ער האָט אָנגעוויזן אין דעם ראָוו. — דו מוזט אונז אויך צוהעלפן. אָבער זאָלסט גוט צילן, אַז ס׳זאָל פאַלן אויפן אַנטשפּרעכנדיקן אָרט און צופרירן פון אויבן. די צווייטע גרופּע האָט שוין אַ העכערן טורעם ווי מיר. מיר׳ן זיך דאָך נישט לאָזן איבעריאָגן!

כ׳האָב זיך צוריק אַוועקגעלאָזט צום הויפּט-דורכגאַנג און דערנאָך קווער צו די פאָדערשטע פּאָסטנס. דער אָקאָפּ איז געווען פריש אויסגעגראָבן און האָט בכן אויסגעזען אָרנטלעכער. דאָרט זענען נאָר געשטאַנען עטלעכע פּאָסטנס.

אויף דר׳ערד איז געלעגן אַ שטיק פּאַפּיר. כ׳האָב עס אויפגעהויבן און עס אַרויסגעוואָרפן פונם ראָוו.

אויף אַן אויפשיט איז געשטאַנען זיידעל מיט אַ ביקס באַ דער זייט און געקוקט אויפמערקזאַם אויף אַ ברעט פאַר זיך. אין

דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטרוי און באַרירט דערמיט פון צייט צו צייט עפּעס, וואָס האָט געמוזט ליגן אויפן ברעט. כ׳האָב זיך דערנענטערט צו אים לאַנגזאַם.

— וואָס טוסטו אייגנטלעך?

ער האָט אַ צאַפּל געטון. דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט: — קום נאָר אַרויף!

לעבן אים איז געלעגן זיין זייגערל.

— כ׳האָב געכאַפּט אַ דיקע לויז און וויל זיך איבערצייגן, ווי ווייט זי וועט אָפּגיין במשך פון צען מינוט. אָבער די נבלה וויל נישט לויפן גלייך. מוז איך זי כסדר צוריקפירן אויף די אַלטע ריכטונג.

באַ דעם נאָענטסטן גרובן האָט עמעצער אויפגעהאָנגען אַ הילצערן שילדל מיטן אויפשריפט

רעכטע גרעניץ R 2 b.

ס—ראַמס! אַ גראַנאַט.

כ׳בין אַרויפגעגאַנגען אויף אַ טרעפּל. פון לינקס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ברוינער וואָלקן. דאָס האָט געמוזט זיין ערגעץ באַ אונזער צווייטן פּלוטאָן.

כ׳האָב זיך צוריקגעקערט צום הויפּט-גרובן. ס׳איז אָנגעלאָפן דער סאַניטאַרן-אונטעראָפיציר, הינטער אים צוויי מיט טראָג-בעטלעך.

— וואָס איז געשען?

— אין צווייטן פּלוטאָן איז איינער פאַרוווּנדעט.

— כ׳האָב זיי נאָכגעקוקט. ווי געשיקט דאָס איז צוגעגאַנגען. לענגאויס דעם גרובן האָט זיך דערנענטערט דער פּולקאָווניק, נאָך אים דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדיר, דער לייטענאַנט פאַביאַן און דער באַטאַליאָן-אַדיוטאַנט.

כ׳האָב מיך געמעלדעט: — אַלס יעפרייטער פון גרובן-דינסט, ערשטער פּלוטאָן, דריטע קאָמפּאַניע!

— האָט איר נישט קיין סיגנאַל-פייפערל?

כ׳האָב עס אַרויסגעצויגן פון מאַנטל-קעשענע.

— די דינסט-פּאָסטנס דאַרפן טראָגן דאָס פייפערל אָפן

אַראָפּגעהאָנגען! — האָט געזאָגט דער פּולקאָווניק צו פּאַביאַנען.

ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום היטל:

— צום באַפעל, הער פּולקאָווניק!

— כ׳זע נישט אויף אייער אָפּשניט קיין אויפשריפטן! — האָט געזאָגט דער פּולקאָווניק. — וווהין פירט, למשל, דערדאָזיקער קאָרידאָר?

— צו דער לאַטרינע פון ערשטן פּלוטאָן, הער פּולקאָווניק!

— צי האָט איר דאָרט כלאָר-קאַלך צום דעזינפעקצירן?

פּאַביאַן האָט מיך פרעגנדיק אָנגעקוקט.

כ׳האָב באַשטעטיקט מיט אַראָפּלאָזן די אויגן-ווייעס.

— יאָ, הער פּולקאָווניק. — האָט געזאָגט פּאַביאַן און געשמייכלט דיסקרעט צו מיר.

IX

ס׳איז אַוועק דער ווינטער. כ׳האָב דורכגעמאַכט אַ פּאָר פּאַטרולן און צוריקגעבּרענגט אַלס טראָפעע שטיקער פון פראַנצויזישע דראָט-פאַרצוימונגען. אַ פּאָר מאָל זענען פאָרגעקומען שיסערייען. איך האָב פאַרוואַלטעט מיט דער ביבליאָטעק. אין אַלגעמיין האָב איך געשפּירט אַ פּוסטקייט און זיך אָפּט אָנגעשיכורט.

צישע און זיידעל האָבן געשפּילט אין קאָרטן. כ׳האָב אויך געקענט שפּילן, אָבער כ׳האָב ממש נישט משיג געווען, ווי אַזוי מ׳קאָן עס נעמען ערנסט. דערפאַר פלעגט טאַקע אויך קיינער נישט וועלן מיט מיר שפּילן, וואָס האָט מיך איבריקנס נישט מצער געווען.

קייזער האָט זיך אויך וואָס אַמאָל מער אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע. ער האָט געליטן צוליב די קליינלעכקייטן פון דער אָקאָפּעס-מלחמה. כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז געגאַנגען אויף די מלחמה מיט באַגייסטערונג און האָב פאַרשטאַנען, ווי שווער ס׳איז אים געווען דידאָזיקע באַגייסטערונג צו דערהאַלטן, ווי-

באַלד ער האָט געמוזט טאָגטעגלעך שלעפּן אויף זיינע שוואַכע אָרעמס אייזנבאַן־שינעס צום בויען שוצגרובנס און גאַנצע חדשים האַלטן די וואַך אויף אַן אָרט, פון וועלכן מ׳האָט צו־מאָל נישט געקאָנט זען די פראַנצויזישע אָקאָפּעס. אָבער כ׳האָב אים דאָן נישט געקאָנט העלפן. כ׳האָב אפשר אויך אָפּגעפּילט אַמאָל קריגס־באַגייסטערונג, למשל נאָך דעם איבערגאַנג איבער דער מאַאַס, אָבער דידאָזיקע התלהבות האָט זיך שנעל אָפּ־געקילט, און ס׳איז נאָר געבליבן די בענקשאַפט נאָך אַנדערע געפילן...

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונז אַלע געאימפט קעגן טיפוס. מ׳האָט אונז איינגעשפּריצט אונטער דער הויט עפּעס אַ פליסיקייט. די סאַניטאַרן האָבן אונז געזאָגט, אַז מיר וועלן אינ־אָוונט באַקומען היץ. כ׳האָב זיך באמת געשפּירט זייער שלעכט. באַנאַכט בין איך געפּלאָגט געוואָרן פון כלערליי אומהיימלעכע פאָרשטעלונגען, וועלכע כ׳האָב מיך שפּעטער צומאָל נישט גע־קאָנט דערמאַנען.

כ׳האָב אויפגעוואַכט. ס׳איז געווען טאָג. דאָס שטרוי האָט געטרעשטשעט. עמעצער האָט געקרעכצט.

— דו — האָט געזאָגט זיידעל — כ׳בין אַזוי דאָרשטיק.

כ׳בין אויפגעשטאַנען. דאָס אָרט, ווו כ׳האָב נעכטן באַ־קומען דעם איינשפּריץ, האָט נאָך אַ ביסל וויי־געטון. ווייטער האָב איך זיך געשפּירט גאַנץ הייטער.

זיידעל איז געלעגן מיט אונטערגעשוואָלענע אויגן און אויסגעזען אַלט. כ׳האָב אָנגערירט זיין שטערן. ער איז געווען הייס. ער האָט געהאַט גרויס שרעק. כ׳האָב עס אָנגעזען אָן זיינע אויגן, וואָס האָבן מיך כסדר געזוכט.

אין דאָזיקן טאָג האָט זיך אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע פאַר־וואַנדלט אין אַ לאַזאַרעט. אָבער אויפצומאָרגנס זענען מיר אַלע געווען ווי נייגעבוירן. אינדרויסן האָט געשיינט די זון. בלומען האָבן געבליט. זיידעל האָט מיר דערציילט מיט אַ געלעכטער, אַז ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער שטאַרבט.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג בין איך געזעסן אין דער ביב־

ליאָטעק באַם אָפּענעם פענצטער. כ׳האָב געהערט פונדרויסן פּאָר ווערטער, וועלכע כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, אָבער זייער קלאַנג גופא האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

כ׳האָב באַמערקט קאַהלען, אַן עלטערן, פאַרהייראַטן מאַן פון אונזער קאָמפּאַניע; ער איז געשטאַנען מיט אַ בעטנדיקער באַוועגונג פאַרן גלח, וועלכער איז אַנטלאָפן פאַר אים מיט אַ גאָרטן-שויפל אין דער האַנט. וואָס איז דען דאָרט געשען?

קאַהלע האָט זיך לאַנגזאַם צוגעשלייכט אונטער דער טיר.

ער האָט אָנגעקלאַפּט.

— אַריין!

ער איז אַריינגעקומען איינגעבויגענערהייט דורך דער טיר — ער איז געווען זייער דאַר און הויך, ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט אַ מאָדנעם שמייכל און מיך אָנגענומען באַם האַלז.

כ׳האָב אָפּגערוקט זיין אָרעם: — ביסט געקומען נאָך אַ בוך?

— ניין — האָט ער געשמייכלט צו מיר פאַרליבט — צו דיר! — ער האָט אַרויסגערוקט אויף פאָרנט דעם בויך.

— זוך דיר אויס אַ בוך אָדער טראָג זיך אַרויס!

זיינע קרומע קניען האָבן געציטערט.

— גיי אַרויס און באַקלער דיר אינדרויסן, וואָס דו ווילסט!

ער איז געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן.

כ׳האָב גענומען אין די האַנט די ביכער-רשימה, גלייך כ׳וואָלט עפּעס געהאַט דאָרט איינצושרייבן.

ער האָט זיך אַוועקגעשאַרט איינגעבויגענערהייט צו דער טיר. דאָרט איז ער געבליבן שטיין און געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרבענקטן בליק.

איך האָב געבלעטערט אַ בוך.

ער האָט זיך ווידער דערנענטערט.

— וואָס ווילסטו דאָ נאָך?

— דו — האָט ער געשמייכלט צעטומלט.

— גיין ! — האָב איך געענטפערט האַרט.

ער האָט זיך אַ ריס געשלייכט. כ׳האָב געהערט, ווי ער איז געבליבן שטיין הינטער דער טיר. דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען.

עמעצער האָט האַסטיק אויפגעמאַכט די טיר. ס׳איז אַריין זיידעל :

— האָסטו שוין געהערט וועגן דעם, אַז קאַהלע איז באַפאַלן דעם פעלדפעבל לאַו ?

— ווען ? און וויאַזוי דען באַפאַלן ?

— היינט אינדערפרי. דער פעלדפעבל איז געזעסן און געשריבן. מיטאַמאָל האָט אים עמעצער אָנגעכאַפּט פון הינטן און וויל אים קוישן.

— און וואָס האָט געטון דער פעלדפעבל ?

— נו, ווי ער געוויינלעך ; ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און אָנגעהויבן צו לאַכן. ער האָט עס דערנאָך געמעלדעט פאַביאַנען, אַז ער זאָל משלח זיין קאַהלען, שייַט מיר, אין אַ שפּיטאָל פאַר נערוון-קראַנקע.

כ׳האָב באַמערקט דורכן פענצטער, ווי פון גאָרטן איז אַרויסגעגאַנגען דער גלח מיט אַ שרעקעוודיקער מינע, אומקוקנדיק זיך, צי דער שונא איז נאָך דאָ ערגעץ.

X

אין אָנהויב יולי איז אונזער באַטאַליאָן צוריקגעצויגן געוואָרן פון פראָנט, און מיר האָבן מאַרשירט לערך דרייסיק קילאָמעטער אַהינטער אין עטאַפּ, כדי זיך אַביסל אויסצוגלייכן דיביינער. מיר האָבן זיך אַלע געהאַט צוגעוווינט צום קרומען גאַנג, צוליב דער נויטווענדיקייט פון כסדרדיקן איינבויגן זיך אין די נידריקע ראָוון, איבער וועלכע ס׳זענען געווען אויסגעלייגט בעלקעס, דאָ ווידער האָבן געהאָנגען טעלעפאָן-דראָטן.

דאָס אומגעוווינטע מאַרשירן אין דער היץ מיט פולער אויסריכטונג האָט אונז זייער אָנגעשטרענגט. דאָס נאַכט-לעבן

און ווינען אין די פינצטערע, פייכטע גרובנס האָט אונז דער־שעפּט.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט משופּעדיקע, ברייטע גאַסן איבער אַ גרינעם טאָל. אויבן איז געשטאַנען אין דער קוואַר אַ גרויסער, גראָער בנין, דער שלאָס.

אונזער גרופּע האָט מען באַשטימט אויף רעכטס אַ ברייט, נידריק הויז, צו וועמעס טיר ס'האָבן געפירט עטלעכע טרעפּ. ס'איז אונז אַרויסגעקומען אַקעגן עפּעס אַן אַלטער הער, מיט גלאַט פאַרקעמטע גראָע האָר און אונז איינגעלאַדן אינעווייניק אַריין מיט אַ העפלעכער האַנטבאַוועגונג; מיר זענען אַריין אויפֿן הויף, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט ברייטע שטיינער. לינקס באַ דער מויער איז געשטאַנען אַ לאַנגע באַנק און אַ טיש מיט שטולן. ער האָט אָנגעוויזן דערויף און אונז געפירט ווייטער אין אַ גראַמען פערדשטאַל מיט אייזערנע לייטערס, קאָריטעס און באַריערעס צווישן די פּלעצער. דאָרט האָבן מיר געזאָלט שלאָפן.

— ווען קאַהלע זאָל דאָ זיין — האָט געזאָגט זיידעל — וואָלטן מיר אים דאָרט צוגעבינדן, כּדי ער זאָל אונז נישט באַפאַלן באַנאַכט.

מיר האָבן געגעסן אָוונטברויט באַם טיש. אין הינטערשטן טייל פון הויף האָט זיך געפונען אַ גאָרטן מיט ווערבעס, קשאַקעס, בלומען און אַ גרויסע אַלטאַנע.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער אַלטער הער איז געווען דער פאַטער פון שלאָס־אייגנטימער און אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט און פערד־האָדעוואַניע. פון דער זייט פון גאַס האָט זיך דאָס הויז מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די אַנדערע פּויערישע בנינים.

במשך פון די נאָענטסטע טעג האָבן מיר געמאַכט פעלד־איבונגען און זיך געלערנט פעכטן. כ'האָב מיך געפילט געזונט. דער לייטענאַנט האָט שוין געלאַכט פון פרימאָרגן אָן, ווען ער איז אַרויסגעקומען צום דינסט. אויך די פּלוטאָן־און גרופּן־פירערס

זענען געווען צופרידן, און די הייטערקייט האָט זיך מיטגעטיילט דער גאַנצער קאָמפּאַניע, דערביי איז דאָס מושטרירן פאָרגעקומען האַסטיק, און באַ די פעכט־איבונגען האָט יעדער געטון צו דער זאַך, אפשר ווייל פּאַביאַן אַליין האָט אויספּראָבירט פאַר־שידענע קאַמפּס־פאָרמען און דערנאָך הויך אַרומגערעדט די מעלות און חסרונות פון די דורכגעפירטע איבונגען.

איינמאָל אין אַ קלאָרן, וואַרעמען אָוונט בין איך געגאַנ־גען מיט זיידעלן שפּאַצירן. באַם סוף דאָרף האָבן מיר באַגעגנט דעם וויצע פעלדפעבל לויענשטיין און נאָך צוויי אונטעראָפיצירן. מיר זענען געגאַנגען מיט זיי לענגאויס אַ קליינעם, מיט אַ פּלויט אַרומגעצוימטן גערטנדל. די זון איז אונטערגעגאַנגען. די ווער־בעס און טאָפּאָלעס האָבן אויסגעזען זיך צו צעפליסן אין דער דורכזיכטיקער העלקייט.

לויענשטיין האָט גערעדט אומאויפהערלעך. כ'האָב זיך נאָר האַלב צוגעהערט.

— דאָרט — האָט אים איבערגעריסן איינער פון די אונ־טעראָפיצירן — איז פאַראַן אַ הויז, און דערין זענען דאָ צוויי שיינע מיידלעך. דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן פאַרקראַטעווען די פענצטער, כדי קיינער זאָל זיך צו זיי נישט אַריינקריגן.

— כ'מוז זיי זען! — האָט אויסגערופן לויענשטיין.

דאָס הייזל איז געווען אַ נידריקס און געהאַט אַ פּינצ־טערן אויסזען. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם גאָרטן, אין וועלכן ס'זענען געשטאַנען ווינציקע, אומגעפּלעגטע בלומען, און אָנגעקלאַפּט.

קיינער האָט זיך נישט באַוועגט. דערווייל איז זיידעל געגאַנגען אַרום דעם הויז. לויענשטיין האָט ווייטער געקלאַפּט.

— דאָ אַהער! — האָט זיידעל גערופן שטילערהייט פון הינטערן ראָג.

אין דער הינטערשטער וואַנט פון הויז, הינטער דער דראָטן־נעץ, האָט זיך געפונען אַן אָפן פענצטער. איינער פון די אָפיצירן האָט אָפּגעריסן די דראָט באַ אַן עק און מיר זענען אַריינגעקראָכן אינעווייניק אינער הינטערן אַנדערן.

ס'האָט זיך אויפגעעפנט פון לינקס אַ טיר. ס'איז אַרויס־געקומען מיט אַ ליכט אין האַנט אַן אַלטער מאַן, האָט אַ מורמל געטון עפּעס און צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן. איינער פון אונז האָט אויפגעמאַכט די טיר פון רעכטס. אויף אַ קאָמאָדע האָט זיך געברענט אַ ליכט. באַ דער קעגנאיבערדיקער וואַנט זענען געשטאַנען צוויי בעטן, און אין זיי זענען געלעגן צוויי.

— באָן זשור — האָט געזאָגט איינער. זיי האָבן אונז שטום אָנגעקוקט.

די אונטעראָפיצירן זענען צוגעגאַנגען צו זיי, האָבן זיי דערלאַנגט די האַנט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון די בעטן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַ דער קאָמאָדע אויף שטולן. די פון לינקס האָט אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגווייליקער שטים אַ שמועס. כ'האָב נאָר פאַרשטאַנען אַזויפיל, אַז זיי האָבן איינגעלעך געווינט אין נאַנסי און אַז די מלחמה האָט זיי געפאַקט דאָ באַ קרובים.

דער אונטעראָפיציר האָט זי אַרומגענומען און איר גע־דריקט דעם בוזעם. דער צווייטער האָט עפּעס געשעפּטשעט.

— דאָס געפעלט מיר! — האָט זיך לויענשטיין געווענדט צו מיר! — דאָ זעט מען כאָטש אויך עפּעס!

מיטאַמאָל האָט אַ קינד אין בעט רעכטס אָנגעהויבן צו שרייען. עס האָט געמוזט זיין באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע.

זיידעל איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו דער טיר. איך און לויענשטיין האָבן אים נאָכגעפאָלגט. מיר זענען צוריק אַרויסגעקראָכן דורך דער דראָט־נעץ.

— מיר'ן זיך דאָ אויסלערנען פראַנצויזיש! — האָט זיך אָפּגערופן לויענשטיין. — מיר'ן דאָ קומען יעדן אָוונט, איין טאָג איך מיט רענען, דעם צווייטן די אַנדערע.

— און זיידעל קאָן זיך צוקוקן! — האָב איך זיך צע־לאַכט.

— אָדער ער וועט אונז פאַרטרעטן, ווען ס'וועט אונז אָנקומען דער חשק.

זיידעל איז געגאַנגען שטום פאָרויס. באַ די ערשטע הייזער פון ישוב האָט זיך לויענשטיין אָפּגעזעגנט.

ער איז קוים פאַרשווונדן אין זיין הויז, ווי זיידעל האָט אויסגעבראָכן:

— אַזאַ חזיר! ער וועט מיר דאָס באַפעלן, ווען איך זאָל גיין צו אַ מיידל! אַזוי ווייט גייט זיין דינסט־מאַכט נישט!

ער האָט אַלץ ווייטער געזידלט.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער: דאָס האָט זיידעלן אַריינגעבראַכט אין אַ נאָך גרעסערן כעס, און מיך האָט עס וואָס אַמאָל מער געוויילט. לסוף זענען מירביידע געווען דערשעפּט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אונזער הויז האָט עמעצער געשפּילט קלאַוויר. די לאַנדווערלייט זענען געזעסן אַרום טיש אויפן געפּלאַסטערטן הויף.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי. די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן דאַך און באַזילבערט די בלעטער פון די ווערבעס. די לאַנדווערלייט האָבן טרוימעריש אַהינגעקוקט. כ׳האָב זיי כסדר אָבסערווירט. איינער פון זיי האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד און קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער נאָז אַראָפּצו. דער אַנדערער האָט געהאַט אַ רויט, קיילעכיק פּנים מיט קליינע, וואַסערדיקע אויגן. זיי האָבן געקאָנט זיין אין אַ גערירטער שטימונג, און אַזוי פלעגן זיי דאָך נאָר רעדן וועגן עסן!

אַקאָרדן זענען אַנגעקומען פון דעם צימער און זיך פונאַנדערגעגאָסן אין דעם ווייטן הימל, וואָס איז נאָך געווען פיל גרעניצלאָזער, ווי דידאָזיקע מוזיק.

כ׳האָב געקוקט אויף דער לבנה, אויף די בלעטער פון די ווערבעס און די בלומען, וועמעס פאַרבן האָבן זיך בלייך געשאָטנט. די נאַטור איז נישט געפילפול, אַפילו דאַן, ווען דער מענטש איז געפילפול. זי איז גאַנץ קאַלט און האַרט, און דאָס איז טאַקע דאָס שייגע אין איר. און דאָס איז אויך שיין אין

די־דאָזיקע מענטשן דאָ, וואָס באַ זייער טרויער זענען זיי אַזוי העסלעך.

די צייט אין דעם עטאַפּ האָט זיך דערנענטערט צו איר סוף.

מיר זענען געשטאַנען אויף אַ ברייטער לאָנקע, גרייט צום איבערבליק. מיטן וועג זענען אָנגעריטן אָפיצירן. ס׳האָט אויפגעבראַכט דער אויטאָ פון קאָמענדאַנט. ער איז אויסגעשטיגן און אַרויף אויפן פערד.

צוערשט האָט געזאָלט פאָרקומען דער איבערבליק פון ליי־טענאַנט עגערס קאָמפּאַניע. ער איז געזעסן אויף אַ דיק, גרוי פערד און זיך באַמיט צו קירעווען עס צום מיטן פון דער קאָמ־פּאַניע. דער שווייס איז אים געשטאַנען אויפן שטערן. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער האָט נישט געקאָנט רייטן.

אונזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר האָט אים אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל דורכצופירן די קאַמף־איבונג. ער האָט געזאָלט אַרויסרוקן זיך אויף לינקס, כּדי צו פאַרהאַלטן דעם קעגנער, וועמעס אָנקום ס׳איז געמעלדעט געוואָרן.

ער האָט אַרויסגעגעבן דער קאָמפּאַניע אַ באַפעל אַרויס־צומאַרשירן לענגאויס דעם וואַלדראַנד און איז אַליין געריטן אויפן רעכטן פליגל. מיטאַמאָל איז זיין פערד אריינגעפאַלן אין גאַלאָפּ און געלאָפן וואָס אַמאָל שנעלער קווער איבערן פליין. דאָרט איז געשטאַנען אַ קליין אייזעלע צוגעבונדן צו אַ סלופּ. דאָס אייזל האָט זיך איבערגעשראָקן און גענומען לויפן אַרום סלופּ, און דאָס דיקע ערד מיטן לייטענאַנט עגער האָבן זיך געלאָזט הינטער אים.

די אָפיצירן אויף די פערד האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, אַחוץ אונזער מאַיאָר, וועלכער האָט געקוקט אויף דעם ספּעקטאַקל מיט אַ שטאַרן בליק. די פערדהאַלטערס—דאָס זענען געווען לויטער קליינע הויזרן — האָבן אונטערגעשפּרונגען פון פרייד ווי די טייוולאָנימלעך. לסוף האָט זיך עפּעס אַן אָפיציר אַוועק־געלאָזט איבער דער לאָנקע אין גאַלאָפּ, כּדי צו באַפרייען עגערן און דעם אייזל פון דעם געפערלעכן פערד.

די איבונגען איז איבערגעריסן געוואָרן. בעת דעם רעשט

איבערבליק האָט דער גענעראַל געהאַט אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, צי ער זאָל לאַכן, אָדער זיך בייזערן. אונזער קאָמפּאַניע האָט געדאַרפט דורכפירן שיס־איבונגען לויט דער פאַר־אינסטרוקציע. מיר זענען, וואָס אַן אמת, נישט געווען גוט פאַר־געברייט, אָבער פּאַביאַן האָט געשטעלט אַזוי געשיקט די פּראַגעס און באַקומען אַזעלכע פלינקע ענטפערן, אַז מיר האָבן אַלע באַ־קומען מוט.

— ס׳האָט מיך זייער געפרייט. — האָט געזאָגט דער גענעראַל — וואָס די דריטע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גוטע האַלטונג און אַזויפיל פרישקייט. קודם־כל דריק איך אויס מיין אָנערקענונג דעם פירער, וועלכער האָט זיך אָריענטירט אַזוי שנעל אין אַן אומדערוואַרטעטער אויפגאַבע.

מיר זענען געווען שטאָלץ אויף דעם לויב און אויף אונזער לייטענאַנט און פאַראַכטעט די פערטע קאָמפּאַניע צוליב איר פי־רער לייטענאַנט עגער.

XI

בעת מיר זענען געווען אין עטאַפּ, זענען ווידער אָנגעקומען נייע ביכער. צווישן זיי איז געווען אַ געשיכטע פון דער פילאָ־זאָפיע. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, אַלמאַי מען שיקט אונז צו אַזעלכע זאַכן אויפן פראָנט, אָבער פערזענלעך האָט עס מיר פאַרשאַפן אַ געוויסע פרייד, מחמת כ׳האָב שוין פון לאַנג געפילט אַ נטיה צו דיזאָזיקע פּראָבלעמען. כ׳האָב בכן גענומען לייענען.

דאָרט איז געווען די רייד וועגן דער צאָל. אָבער ווי אַזוי־זשע זאָל מען זיך דאָס פאָרשטעלן? ווי אַזוי קאָן דען די צאָל זיין דער אורשטאָף, פון וועלכן מען בויט לסוף הייזער און געדאַנקען?

כ׳האָב זיך געגריבלט און געמיט זיך. כ׳האָב אויך אויפ־געכאַפּט דאָ און דאָרט דעם זין פון געוויסע פילאָזאָפישע באַ־גריפן. אָבער ס׳איז דאָרט נישט געווען דאָס ריכטיקע, וואָס איך האָב געזוכט.

כ׳האָב געלייענט רויכערנדיק און גריבלענדיק זיך.

דערביי האָב איך געשריבן. שוין צום דריטן מאָל האָב איך באַשריבן דעם קאַמף הינטער לוני. בעת כ׳פלעג אויפשטיין פון שרייבן, בין איך געווען פאַרשטאַרט פון קעלט, אָבער פול מיט עפעס אַ הייטערקייט, וואָס האָט מיר געמאַכט העל אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען. אַקעגן־זשע האָט דאָס לייענען די פילאָזאָפיע מיך אַריינגעבראַכט אין אַ שטימונג פון גרויען אומעט.

לייענענדיק די ווערק פון פאַרשידענע שריפטשטעלער איז מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק, ווי ווילקירלעך זיי וואַרפן די ווערטער, הגם ס׳איז דאָך פאַראַן א בפירושע נויטווענדיקייט צונויפצושטעלן די ווערטער אין אזאַ אָרדענונג, אין וועלכער ס׳זאָל זיי איבערלעבן דער לייענער. למשל, מ׳קאָן נישט זאָגן: אַ גרינע, ביסלעכווייז אַרויפשטייגנדיקע לאָנקע — מחמת קודם־כל דאַרף מען דאָך וויסן, אַז דאָס איז אַ לאָנקע, און דערפאַר מוז דאָסדאָזיקע וואָרט שטיין אין זאַץ פאָרנט. כדי מיר אָפצוגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס ס׳איז וויכטיק, פלעג איך מיר תמיד פאָרשטעלן קודם־כל דאָס גאַנצע בילד, מיט אַלע איינצלהייטן, מיט באַלויכטונג, מיט יעדן געוויש און יעדער נשמהדיקער רעגונג. דערנאָך ערשט האָב איך געשריבן, דורכלאָזנדיק אַלץ, וואָס איז נישט געווען אומבאַדינגט נויטיק. אָבער דידאָזיקע סכעמע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומטויגבאַר אין דער באַשרייבונג פון די וויכטיקסטע זאַכן. דאָ האָבן מיר תמיד געפעלט די ווערטער. כ׳האָב זיך באַמיט צו באַנוצן אומגעוויינלעכע אויסדרוקן. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאָס האָט מיר פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג צייט. בעת כ׳בין אינאָוונט געלעגן אויפן שטרוי, איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין עפעס אַ געדאַנק, אָבער ווען כ׳פלעג אים אויפצומאָרגנס באַטראַכטן אויף ניכטערן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווערטלאָז. ס׳האָט מיר אין תוך געפעלט כסדר דאָסזעלביקע, אָבער כ׳האָב נישט געוווּסט גענוי, וואָס דאָס איז געווען אַזוינס. געוויס, האָב איך געטראַכט, פעלט מיר נאָר אַ געוויסע דערקענטעניש. כ׳האָב בכן ווידער גענומען זוכן אין דער פילאָזאָפיע־געשיכטע. נאָך צוויי חדשים האָב איך געהאַט דורכגעקנעלט דאָס גאַנצע בוך,

און אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג בין איך אויפגעשטאַנען פון לבצטן זייטל מיט גאָרנישט. איטלעכער פילאָזאָף זאָגט עפּעס אַנדערש, און די נייעסטע ברייטן וועגן גאַנץ גלייכגילטיקע זאַכן. קיין איין וועלטאָנשויונג איז בכן נישט פאַראַן, ווייל ס׳זענען דאָ אַזוי-פיל, און קיינער פון זיי איז נישט וואָר און נישט פאַלש. כ׳האָב ז ך מיאש געווען פון דער האָפענונג צו דערגיין עפּעס אַ טאָלק.

XII

כ׳האָב באַקומען אַ צענטאָגיקן אורלאָפּ. דער פעלדפעבל האָט מיר איבערגעגעבן דעם אורלאָפּ-שיין. כ׳האָב איינגעפּאַקט מיין שילדערונג פונם פּאָרויסמאַרש אין אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, כדי עס צו געבן מיין מוטער צום באַהאַלטן. כ׳האָב דאָרט באַשריבן ביז צו דער מאַרנע-שלאַכט. דאָס איבעריקע האָט מיר אויסגעוויזן נישט צו זיין געאייגנט צום שילדערן.

אויפצומאָרגנס האָב איך אומאויסגעשלאָפן מאַרשירט אין גראָען פאַרטאָג איבער דעם בוימלאָזן וועג צו דעם קליינעם באַנהויף.

דער צוג האָט געריירט.

ביסלעכווייז האָט געגומען טאָגן.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן מערקווירדיק, וואָס איצט גראָד בין איך פאַרטיק געוואָרן מיט אַלעם, מיט דעם פּאָרויסמאַרש און מיט דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע. כ׳בין בכן ווידער געווען פריי אויף אַלעם, אָבער אויף וואָסערן צוועק? וואָס עק-זיסטירט דען נאָך?

מיין מוטער איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן פון הויז אַרויס, האָט מיך אַרומגעהאַלזט און געקושט. ווען ז זאָל געווען וויסן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין מיר, אַז כ׳גלויב שוין אין גאָרנישט, וואָלט זי מיך געוויס נישט געקושט!

כ׳האָב איר נישט געזאָגט גאָרנישט, כ׳האָב זי אויך נישט צוריקגעקושט, נאָר בין אַריינגעגאַנגען צעטומלט אין הויז.

אין דער שטוב איז געשטאַנען מיין שוועגערין און מיר

דערלאַנגט די האַנט. זי האָט תּיכּף באַמערקט אויף מיין ברוסט די באַנד פון אייזערנעם קרייץ.

— יונגל, מיר האָבן דאָ קאַווע, וועסט דאָך טרינקען מיט אונדז?

— כ'וואָלט זיך וועלן פריער אַרומוואַשן.

זי האָט מיך אַרויפגעפירט אין איינעם פון די צוויי צימערן אויבן, וועלכע פלעגן געוויינלעך זיין פאַרשלאָסן. דאָרט איז פאַר מיר געוועז צוגעגרייט אַ בעט. ס'האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון אומבאַוווינטע שטובן, דאָס מעבל איז געווען גוט געהאַלטן, אָבער עפּעס ווי טויט מחמת ווינציקן געברויך.

— מאַך עס דיר דאָ באַקוועם, מיר'ן דערוויילעצוגרייטן דיר אַלצדינג אונטן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען. כ'האָב אויסגעטון די בלוזע. איצט האָב איך געוווינט אין גאַסטצימער. כ'האָב געהאַט עפּעס אַ חשיבות אין דער פאַמיליע.

אויפן טיש, באַדעקט מיט אַ פּלושענעם טישטוך, איז געלעגן אַן אַלבום מיט פאָטאָגראַפיעס. כ'האָב אים אויפגעמאַכט. דאָרט איז געווען מיין זיידע, אַ דיקער מענטש מיט אַ שטאָלץ פּנים, באַדעקט מיט קנייטשן. און אָט איז מיין פאָטער, אַלס יונגערמאַן. ער איז געזעסן נאַכלעסיק אויף אַ שטול, און מיט אַזעלכע האַרציקע אויגן! ער האָט געמוזט דעמאָלט האָבן אין זיך אַזוינס, וואָס איך האָב שוין שפּעטער נישט געקענט. אפשר האָט ער אויך געהאַט אַזעלכע הויכע מחשבות ווי איך און אַנטדעקט אין איין שיינעם טאָג, אַז ווייטער גיין קאָן מען נישט!

בעת כ'בין אַראָפּגעקומען אונטן, האָבן מיך אַרומגערינגלט די קינדער, דריי מיידלעך און אַ יונגל. מיין עלטסטע ברודערנטאָכטער איז שוין אַלט געווען פופצן יאָר און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאָענט פאַרקרויבשט ווערן, און דאָך עפּעס ווייט. די קלענערע זענען געווען פשוטער און כּסדר געקוקט אויף מיר.

— נו, דערציילט אונדז עפּעס! — האָט געבעטן די מוטער. וואָס דערציילן? ס'האָט מיך פשוט געגרוילט דערפאַר.

אָבער לסוף האָב איך מיך גובר געווען און גענומען דערציילן אָן אויפהער.

אין די נאָענטסטע טעג האָב איך באַזוכט אַלצדינג, אי די בינשטאָקן, אי דעם באַרג.

פון צווישן די קינדער האָב איך זיך באַפריינדעט אויף אַן אמת מיט דעם קליינעם יונגל. ער האָט מיך געוואָלט אומעטום באַגלייטן און כ'האָב אים גערן מיטגענומען. ער האָט דאַן געשפּאַנט לעבן מיר שווייגנדיק און ערנסט. אין אַלגעמיין בין איך געווען אומרויק און צוגעהאָלפן אַלעמען אין הויז און אויפן פעלד.

XIII

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום רעזערוו און דערנאָך ווידער צו דער ערשטער ליניע. די פראַנצויזן האָבן אפנים געשפּאָרט אמוניציע און אונז צומאָל נישט געשיקט די טעגלעכע פּאָרציע גראַנאַטן.

מיר האָבן אויסגעליידיקט די אַלטע גרובנס און אויסגעבויטע נייע אָקאָפּעס. מיר האָבן דורכגעבויערט לעבן אונזער גרובן אין דער קריידוואַנט אַ טונעל און אים אונטערגעשפּאַרט מיט בעלקעס. מ'האָט זיך גענומען אויסבויען גרויסע אונטערערדישע טונעלן, כּדי זיך צו באַשיצן קעגן אַ באַשיסונג.

מ'האָט דאָרט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג באַם ליכט פון גרובן-לאָמפּן, און באַנאַכט פלעגט מען אויסשיטן הינטער דעם שיס-גרובן פולע זעק מיט קרייד.

מיר האָבן זיך שוין נישט אומגעקערט קיין שעלי אויף אָפּרו, נאָר אין אַ וואַלדלאַגער, ווו די פּיאָנערן האָבן געהאַט אויפגעשטעלט געצעלטפּאָרמיקע באַראַקן. מתחילת איז אונז דאָרט גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן. אָבער מיט דער צייט האָבן די לייז באַקומען אַזאַ שליטה, אַז מ'האָט זיך פון זיי נישט געקאָנט אָפּיאָגן. מיר האָבן שוין דעמאָלט נישט באַקומען קיין שטרוי פאַר די געלעגערס, ווייל אין דייטשלאַנד האָט אַלץ אָנגעהויבן אויס-

צוגיין — נאָר שטויסן פּאַפּיר. ס'איז געווען האַרט אויף זיי צו ליגן, און די לייז זענען געזעסן אין דעם קרישלדיקן פּאַפּיר.

דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער אין לאַגער און מ'האָט עס געדאַרפט ברענגען פון אַן איינזאַמען פּאָלוואַרק. דער ברונים, וועלכן די פּיאָנערן האָבן אויפגעבויט, איז שוין געווען צוואָנציק מעטער טיף און ס'האָט זיך נאָכנישט געוויזן קיין טראָפּן וואַסער.

— — — — — — — — — — — — —

איינמאָל אינדערפרי האָט מיך פּאַביאַן געלאָזט רופן.

— ס'טוט מיר זייער לייד — האָט ער געזאָגט — וואָס כ'מוז דיך אָפּקאָמאַנדירן, אָבער כ'האָב נישט קיין אַנדערן געאייגנטן יעפרייטער. איר מוזט אַוועק קיין פראָמענטין

אין די פּאָלקוואַרשטאַטנאַלס סטאָלער.

כ'בין געשטאַנען אַ פאַרבליפטער. האָב איך בכן געזאָלט אַוועק פון מיין גרופּע?

— איז עס אייך נישט ניחא? — האָט געזאָגט פּאַביאַן. — צי וואָלט איר בעסער געוואָלט בלייבן דאָ אין געפאַר, איידער צו לעבן רויק הינטערן פראָנט?

— יאָ, הער לייטענאַנט.

— אייך טרעפט דערזעלביקער גורל וואָס מיר — האָט ער געזאָגט. — אָט רייסט מען מיך אַוועק פון מיין קאָמפּאַניע, וועלכע איך פיר דאָ אין פעלד שוין זינט צוויי יאָר. איך קען יעדן איינעם און יעדער קען מיך. און דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך געפונען אַן עלטערער לויט דער ראַנג, וועמען ס'האָט זיך פאַרגלוסט צו זיין דער אָנפירער פון אַ קאָמפּאַניע. מען שיקט מיך בכן אַוועק אין שטאַב, כדי אויסצובילדן רעקרוטן.

— ווײַבאַלד דער הער לייטענאַנט גייט אַוועק, וויל איך אויך דאָ נישט בלייבן! — האָב איך אַרויסגעפּלאַצט.

ער האָט צו מיר טרויעריק אַ שמייכל געטון און מיר דערלאַנגט די האַנט — זייט געזונט! — ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען.

כ'האָב איינגעפּאַקט מיין טאָרניסטער. כ'בין געווען אַזוי

פֿאַרביטערט, אַז כ׳האָב זיידלען נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין.

אינדרויסן איז געווען נעפּלדיק און פּראָסטיק. קראָען זענען געזעסן אויף די לאָנקעס און אויפגעפלויגן, ווען כ׳האָב זיך דערנענטערט.

כ׳האָב מיך געמעלדעט אין פּראָמענטין באַ אַ פעלדפעבל־לייטענאַנט, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אין אַן אָנגע־נעמער שטוב, צוזאַמען מיט פינף, ס׳רוב עלטערע בעלי־מלאכות.

דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אַקעגנאיבער. מיר האָבן אויסגעפּערטיקט קעסטלעך אויף אַמוניציע, ברעטער צום שיצן די שיס־גרובנס און נאָך אַזעלכע ענלעכע זאַכן.

ווען כ׳קוק צוריק אין עבר, קומט מיר דידאָזיקע צייט פאָר ווי אַ לאַנקע אין ווינטער. ווען וואָס כ׳האָב דעמאָלט געטראַכט — ווייס איך נישט. קורץ דערנאָך איז צישע אָנגעקומען אין די קוזשניע. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען כסדר פאַרריסט. זיינע ציין און אויגן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ווייס אויפן פּנים און די ליפּן רויט. אָבער ווייטער ווייס איך לחלוטין נישט, וואָס ס׳איז מיט אים אין דערדאָזיקער צייט געשען.

ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער פרילינג. קייזער איז געפאַלן בעת עפּעס אַ פּאַטרול. צי האָב איך באמת אָנגעהויבן אָפּצו־שטאַרבן אינערלעך, פאַרהאַרטעוועט ווערן אין רגילותן און מיי־נונגען און אָפּגעשטויסן אַלץ, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין?

די שלאַכט באַ דער סאָמע.

איינמאָל נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען אין וואַרשטאַט אַריין דער פּולק־קאָמענדאַנט צוזאַמען מיט זיין אַדיוטאַנט. פאַרטיפט אין אַ שמועס, האָבן זיי אויפגעעפענט די טיר.

— אָבער טוט נאָר אַ טראַכט — האָט געזאָגט דער פּולקאָוו־ניק — הונדערט האַרמאַטן אויף יעדן קילאָמעטער פראָנט! שטעלט אייך נאָר פאָר דאָסזעלביקע באַ אונז! אונזערע לייט וואָלטן אויך נישט געקאָנט בײַשטיין אַזאַ הוראַגאַן־פייער.

זיי האָבן איבערגעריסן דעם שמועס. כ׳האָב זיי געוויזן מיינע קעסטלעך און ברעטלעך. זיי האָבן קוים אַ קוק געטון און אַוועק ווייטער.

זיי האָבן גערעדט מסתם וועגן די קאַמפן באַ דער סאָמע. כ׳האָב געלייענט וועגן זיי לויפיק אין עפעס אַ צייטונג. כ׳האָב אויך געוווּסט, אַז אונזער שכנותדיקער פּולק האָט אָפּמאַרשירט צו דער סאָמע. אָבער כ׳האָב נישט נאָכגעטראַכט וועגן דעם. וועגן וואָס האָב איך דען בכלל געטראַכט במשך פון גאַנצן לעצטן יאָר? און ווען אַפילו אונזער פּולק וואָלט דאָרט אַהינגעגאַנגען? און אונז האַנטווערקער — וואָלטן זיי דאָ געלאָזט צורו? כ׳האָב געוואָלט דערין גלויבן, כדי מיך צו באַרויקן. כ׳האָב אָבער מיט גרויל דאָך נישט געגלויבט דערין. און אַזוי האָט עפּעס פּלוצלינג אויפגעשריגן אין מיר. אַלמאַי האָב איך נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט?

אָבער צו וואָס דאָס טראַכטן? דאָס טראַכטן נוצט דאָך גאָרנישט. אַלץ איז דאָך פּוסט.

אין די אָוונטן, ווען די אַנדערע האָבן געשפּילט אין קאָרטן, איז מיך באַפאַלן דער פּחד. טיילמאָל פלעג איך אַרויסגיין אַליין אינאָוונט. אַן אַנדערטמאָל בין איך געווען לוסטיק און דערציילט די חברים אַזעלכע אַנעקדאָטן, אַז זיי האָבן געקייכט פאַר געלעכטער. און איך האָב אויך מיטגעלאַכט. אָבער דאָס איז נאָר געווען קראַמף. כ׳האָב מיך אָנגעשיכּורט, ס׳האָט נישט געהאָלפן.

אַלמאַי כאַפּט מיך איצט אַרום אַזאַ פּחד? צי האָב איך מורא פאַרן טויט? ניין, נישט אַזוי זייער. אָדער פאַר אַ פאַרוונדונג? ניין, אַלנפאַלס גאַנץ ווייניק. אָדער פאַר געפאַנגנשאַפט? אַך, איך וועל זיך דאָך נישט לאָזן נעמען געפאַנגען. ובכן, דאָס אַלץ איז עס נישט! טאָ וואָס-זשע איז עס?

— — — — — — — — — — — —

דעם 16-טן סעפּטעמבער 1916 איז געקומען אויך פאַר אונז דער אָפּמאַרש-באַפעל.

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט אויף אַ צוואָנציק קילאָמעטער הינטערן פראָנט און געבליבן אין אַ דאָרף.

אויפצומאָרגנס זענען מיר געזעסן אין אונזערע קוואַרטירן, גערויכערט און געוואַרט. מיר האָבן געהאַט אַ באַפעל נישט צו דערווייטערן זיך פון די קוואַרטירן — מיר האָבן דערוואַרט אַן אַלאַרם.

ס׳איז אָנגעקומען מיטאָגצייט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין פעלדקיך, און יעדער האָט באַקומען אַ האַלבן לאַבן ברויט און אַ קליין שטיקל קריגס־שמאַלץ. און דאָס אַלץ איז שוין איינדער־פרי געוואָרן אויפגעגעסן. אונזער פירער, דער פעלדפעבל־לייטענאַנט קרעטשמאַר, איז אַרומגעלאָפן אַן אויפגערעגטער אַהין און אַהער.

אַרום דריי אַזייגער איז ער געקומען צו לויפן און מודיע געווען, אַז מיר באַקומען עסן אין דער קיך פון די הוזאַרן.

— ווען גייען מיר אָפּ, הער לייטענאַנט?

— כ׳האָב נאָכנישט קיין שום באַפעל.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער טאָג, דערנאָך דער אַנדערער. כ׳האָב געוואָלט שרייבן אַ בריוו, האָב אַרויסגענומען פּאַפּיר און אַ בלייַשטיפט. אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון מיר אַחוץ די ווערטער: „ליבע מוטער״!

נאָך איין טאָג. ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

אויפצומאָרגנס אַרום ניין אַזייגער איז אָנגעקומען ענדלעך דער באַפעל צום אָפּמאַרש אויפן באַנהויף. דאָרט זענען שוין גע־שטאַנען צוויי רעקרוטן־קאָמפּאַניעס מיט בלאַסע אַכצניעריקע בחורים אין נייע בלוזעס. זיי האָבן אונז נייגעריק אָנגעקוקט. מיר זענען געווען אַלטע הויכע, קרעפּטיקע חברהלייט, דער פּולק־באַדמייסטער מיט זיין רויט פּנים, צישע און דער אַנדערער שמיד, זעקס שומרים פון מלחמה־הינט, ס׳רוב געוועזענע פּאָליציאַנטן. אויך פּיפּי, אַ קליינע, שאַרפע מייזפאַנגערין, האָבן זיי מיטגעברענגט. פּאַר אירע פינף יונגע קעצעלעך האָב איך אויסגעבויט נאָך אין פּראָמענטין אַ רייזע־קעסטל.

מיר זענען איינגעשטיגן. די גרויסע וועלפהינט האָבן אַ צי־געטון די קייטן און אַריינגעשפּרונגען מיט איין זעץ אין וואַגאָן אַריין.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך דורך אַ גראָזן־פלאַכן פליין. טיילמאָל נאָר האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר קאַרשנ־ביימער און ווייסע הייזלעך.

צישע האָט אַרויסגעצויגן אַ קליין שאַכברעטל פון זיין טאָרניסטער און אָנגעהויבן צו שפּילן מיטן באַדמייסטער. זיי האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט.

אויף עפּעס אַ סטאַציע האָבן מיר באַקומען מיטאָג.

דער נאָכמיטאָג איז געווען נאָך גראָער און איינטאָניקער.

אויף עפּעס אַ באַנהויף האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן איבער צוויי שעה. פונדערווייטנס האָבן מיר שוין געהערט דאָס פאַר־שטיקטע ברומען פון האַרמאַטן.

— מ'האָט געמעלדעט דאָס דערנענטערן זיך פון אַ פיינט־לעכן פליער, אַן אַזוי גערופענעם טאָפּלדעקער! — האָט עמעצער אויסגעשריגן אויפן פעראָן.

— צי מיינט ער, אַז טאָפּלדעקער זענען געפערלעכער ווי איינדעקער? — האָט זיך צעלאַכט דער באַדמייסטער. — לאָזט מיך צו צום פענצטער! — כ'וויל נאָר אָנקוקן דעמדאָזיקן חכם!

דער, וואָס האָט פריער אויסגעשריגן, איז געווען אַ בלאַסער באַן־באַאַמטער. עטלעכע זענען אַנטלאָפן אין קעלער, וואָס איז אַגב געווען נישט קיין איבריק גראַמער. מיר האָבן זיך אַרויס־געבויגן פון די פענצטער און אָבסערווירט מיט הויכן געלעכטער דאָס געדראַנג, וואָס איז אַנטשטאַנען באַם איינגאַנג אין קעלער.

איין דייטשישער פליער נאָכן אַנדערן האָט זיך אויפגע־הויבן אינדערלופט, אָבער קיין פראַנצויזישער האָט זיך נישט גע־וויזן. ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן פאָרזיכטיק צוריק אַרויסצוקריכן פון קעלער.

— צווערשט שלעפּט איר מיך אַריין אין אייער פאַרשאָלטע־נעם קעלער, און דערנאָך טרעט איר מיר אויפן העלם! — האָט עמעצער געזידלט. דאָס איז אַ פּנים געווען אַ פראָנט־סאָלדאַט; מ'האָט עס אָנגעזען אָן זיין געלאַטעטן און צו ברייטן מונדיר.

לסוף האָט דער צוג געריירט לאַנגזאַם ווייטער. ס'זענען אונז אַקעגנגעקומען ליידיקע פראַכט־וואַגאָנען, וואָס האָבן מסתּם

אָפּגעפירט אויפן פּראָנט האָלץ און אַמוניציע. רוסישע געפאַנגענע האָבן געאַרבעט באַם אויפבוי פון אַ נייעם באַנהויף. לסוף זענען מיר אָנגעקומען קיין האַם אין פּיקאַרדיע און אויסגעשטיגן.

— — — — — — — — — — — — —

רעגן. אַ זומפּיקער פּלאַץ פאַרן באַנהויף און פונוויטנס אַ שלאָס מיט קיילעכיקע טורעמס. מיר זענען געשטאַנען אינמיטן צווישן אַנדערע מיליטער-אָפּטיילונגען, פּראָוויאַנט-וואַגאָנען, לאַסט-אויטאָס. אַרום האָבן זיך געשלעפּט פאַרוואונדעטע מיט פאַרבלו-טיקטע באַנדאַזשן, פון אויבן ביז אַראָפּ באַשפּריצט מיט ליים, צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט געפאַנגענע פראַנצויזן. אין לאַנגע, בלאָע בלוזעס.

אונזער פעלדפעבל-לייטענאַנט האָט זיך הילפלאָזיקע אַרומ-געקוקט: — צי ווייסט נישט קיינער פון אייך, ווו ס׳געפינט זיך אונזער פולק?

קיינער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוגעשטופּט צו די פּראָוויאַנט-וועגנס און געפרעגט די פורמאַנעס. דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער רעגן האָט געגאָסן אויף אונז גלייכמעסיק און אָן אויפהער. מיר האָבן זיך איינגעוויקלט אין די קאָצן און געשטאַ-נען. ס׳האָט אַראָפּגעקאַפּעט פון העלם. באַם שטיין זענען די רוק-זעק געוואָרן נאָך שווערער.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו גראָען אויף טאָג.

דער פעלדפעבל-לייטענאַנט האָט זיך אומגעקערט. זיינע ברילן זענען געווען פול מיט רעגנטראָפּנס. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געווען באַם קאָמענדאַנט פון באַנהויף. אָבער ס׳האָט דאָרט קיינער נישט געוווּסט פון אונזער פולק. דערנאָך איז ער אַוועק אין טעלעפאָן-ביוראָ. דאָרט האָט מען ווייניקסטנס געקענט די דיוויזיע. אָבער ער האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין פאַר-בינדונג.

ס׳איז שוין געווען פאַרטאָג.

— הער לייטענאַנט קרעטשמאַר? — האָט עמעצער פּלוצלינג אויסגערופן און ס׳האָט זיך באַוויזן פאַר אונז אַ מענטש מיט אַן

אַרומגעהאָנגענעם קאָץ. — כ'בין געשיקט פון דער פּולקאָווניק אָפּצופירן די אָפּטיילונג.

— אָנהענגען דאָס געווער, פרייער טריט, מאַרש!

מיר האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן וועגענער און מענטשן. די הייזער פון דער שטאָט האָבן זיך מיר אויסגעוויזן פאַרנעפּלט. כ'בין שוין לאַנג נישט געווען אין קיין שטאָט. די לעצטע הייזער זענען פאַרשוווּנדן. דער וועג איז געווען בלאָטיק, פּוסטע פעלדער רעכטס און לינקס — און רעגן. אונזער וועגפירער האָט געהאַט אַן אַלט, אויסגעמאָגערט פּנים און האַסטיקע באַוועגונגען.

— ווי זעט עס דאָרט אויס אויפן פראָנט?

— אַך, הער לייטענאַנט, אונזער פּולק! בעת כ'טו אַ טראַכט, ווי מיר זענען אָנגעקומען! און איצט... אין יעדער קאָמפּאַניע צוועלעכע פּערזאָן, און אָפיצירן קוים צוויי אָדער דריי! און אויך זיי זענען שמוציק און הונגעריק — יאָ, די פעלדקיכן קאָנען דאָך צו אונז נישט צוקומען, ווייל דאָס פאַרשפּאַר-פייער פון די פראַנצויזן הערט נישט אויף קיין רגע. ס'ליגן דאָרט אַזויפיל מתים און טויטע פערד. אָבער ווען מ'גייט נאָר דורך דעמדאָזיקן גהינום, איז דאָרט אויפן פראָנט גופא גאָרנישט אַזוי שלעכט. אַך, אונזער פּולק! הער לייטענאַנט! יעדער צווייטער איז דאָך געווען אַן אַלטער באַקאַנטער. און ווען מען גייט דורך אַן אָקאָפּ, שטאַרצט אַרויס אַ פוס פון דער וואַנט. ווער איז עס? אַך, דאָס איז דאָך עמיל, איר ווייסט דאָך, דערזעלביקער, וועמען מאַקס שמידט האָט אַמאָל פאַרנייט די הויזנאַרבל... און מיר האָבן דעמאָלט אַזוי געלאַכט! יאָ, הער לייטענאַנט, ווען מ'קען די אַלע!

ער האָט זיך צעכליפּעט.

ס'האָט גערעגנט.

און דערנאָך ווידער זיין שטים: — אָבער אונזער פּולקאָווניק... וואָס איז דאָס פאַרא קאָמאַנדיר... וואָס פאַרא מענטש! כ'בין זיין אָרדינאַנס, ווייס איך דאָך ווו ער דרייט זיך אַרום! בעת מיר קומען אויף עפּעס אַ געפערלעך אָרט, זאָגט ער: בלייבט דאָ, שענדלער! כ'וויל, נאַטירלעך, דערויף נישט באַשטיין; מ'האָט דאָך אויך אַביסל ערע, צום טייוול! אָבער

ס׳העלפט נישט; ער גיט אַרויס אַ באַפעל און אַליין גייט ער ווייטער. מיט דריי טעג צוריק... אָדער אַן ערך אַזוי... מ׳קאָן דאָך נישט אַלץ פאַרגעדענקען... האָבן די פראַנצויזן אָפּגעשניטן אונזער באַטאַליאָן... דאַן האָט ער געבּרענגט צו פירן די רעזערוון, און דערנאָך, אין צוויי שעה אַרום, זענען אַלע גרובנס געווען פול מיט געפאַנגענע, 700 מאַן און אפשר אַ שאָק אָפיצירן! מיר זענען געווען פאַרשיכורט, זעענדיק ווי זיי זענען געגאַנגען... אָבער באַלד אויפצומאַרגנס...

אַ שוידער איז מיר אַדורך איבער דער הויט. כ׳האָב געשפּירט אַ נערוועזע באַדערפעניש צו גענעצן.

ער האָט דערציילט און געשלאָכצט נאָכאַנאַנד. די בלאָטע האָט געפּאַטשט אונטער די שטיוול. פאַר אונז נישט ווייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פלאַכע הויכעניש. פון דאָרטן וועט מען קענען קוקן פאַר זיך.

מיטאַמאָל הער איך: ער דערציילט וועגן מיין קאָמפּאַניע — דער לייטענאַנט וואַלטקע, וואָס איז געווען דער פירער פון דער דריטער קאָמפּאַניע... האָט זיך פאַרטיידיקט, ווי ער געקאָנט! צוערשט האָט ער געשאָסן. דערנאָך איז ער פאַרווונדעט געוואָרן אין פוס. דאַן האָט ער נאָך געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. ער האָט שוין נישט געמוזט זיין ביים קלאָרן געדאַנק. ווען מ׳האָט אים אַוועקגעטראָגן, האָט ער כסדר גערודלט און געוואָלט ווייטער וואַרפן האַנט־גראַנאַטן. מ׳האָט אים קוים געקאָנט אָפּהאַלטן. צי האָט דער הער לייטענאַנט אים געקענט? דאָס איז דאָך געווען אַזאַ מילדער מענטש, האָט נישט געטרויכערט און נישט געטרונקען צומאָל. און ס׳זאָל אים נאָר אויסגיין צום גוטען! — אַזאַ יונגער בוים!

מיר זענען אַרויף אויף די הויכעניש. פאַר אונז האָט געבליצט דאָ און דאָרט און העט ווייט אויפן שוואַרצן האָריזאָנט. האַרמאַטן־שאָסן זענען שוין געוואָרן דייטלעכער. ליכטקוילן האָבן זיך אויפגעהויבן אין פאַרשידענע ערטער אין דערהויך און זיך פונאַנדערגעשאָטן אין געלע טרויבן. כ׳האָב געוווסט: געלע טרויבן זענען געווען אַ צייכן פון פאַרשפּאַר־פייער.

דאָרט האָט מען בכן אָנגעגריפֿן. צי האָבן מיר זיך דאָרט טאַקע געדאַרפֿט אָוועקלאָזן?

מיר האָבן גערוט.

— — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויפֿגעוואַכט. ס׳האָט געקלאַפּט קאָך־געשיר.

כ׳האָב מיך אויפֿגעשטעלט, זיך פֿונאַנדערגעצויגן און דערנאָך האָב איך מיך דערמאָנט אַלץ. כ׳בין געווען אין אַ געצעלט. אינדרויסן האָט געשיינט די זון. כ׳בין נאָך געווען נאַס, האָב מיך אָבער געפֿילט וואַרעם און גוט. וואָס איז דען געווען באַנאַכט? ס׳האָט מיר אַלץ אויסגעוויזן ווי אַ לעגענדע, וואָס כ׳האָב אַמאָל געליינט ערגעץ, — עפּעס אַן אומוואַרשיינלעכע מעשה מיט אַ ווילנעדיקן מענטש.

כ׳האָב אָפּגעשפּילעט די מענאַשקע. כ׳האָב אַנידערגעקניט דערביי און באַמערקט, אַז כ׳בין געווען אין אַ זייער גוטער שטימונג. עפּעס האָט מיך אפֿילו געצווונגען צום לאַכן. דאָס איז געווען אייגנטלעך אַ גרויסער אומזין, אָבער שיין!

ס׳איז מיר געפֿעלן די זומפּיקע, צעטרעטענע לאָנקע אינדרויסן און זיך געפֿרייט, וואָס מ׳האָט מיר געגעבן קאַווע.

דערנאָך האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט. ס׳איז אָנגעקומען דער פּולקאָווניק און דורכגעגאַנגען פֿאַרן פֿראָנט. ער האָט געהאַט אַ גראָ און ערנסט פּנים. כ׳האָב זיך אים צעלאַכט גלייך אין פּנים אַריין. — כ׳האָב זיך פּשוט נישט געקאָנט איינהאַלטן.

ער איז פּלוצלינג געוואָרן אויפֿמערקזאַם.

— וואָס איז? איר פֿרייט זיך גאָר, וואָס איר זענט אָנגעקומען צו דער סאָמע.

— יאָ, הער לייטענאַנט! — האָב איך אויסגערופֿן.

— אַזוי גאָר? — האָט ער געשמייכלט. — אָבער כ׳גלויב עפּעס דערין נישט זייער. — ער האָט זיך געווענדט צום אַדיוטאַנט, וואָס איז געגאַנגען הינטער אים. — פֿון אַזעלכע לייט איז באַשטאַנען מיין גאַנצער פּולק, בעת מיר זענען אַהערגע-

קומען... ווען מ׳וועט אונז שיקן צום צווייטן מאָל, וועט שוין זיין איגנאַנצן אַנדערש.

מ׳האָט אונז פאַרטיילט. איך מיט צישען האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו אונזער אַלטער קאָמפּאַניע. זי האָט געלאַגערט נישט ווייט פונדאַנען, אין אַ גרויסן פּאָלוואַרק.

ס׳איז אָנגעקומען זיידעל. כ׳בין אים אַרויסגעלאָפן אַקעגן.

ער האָט געלאַכט: — באַמערקסטו דען גאָרנישט?

— נו, ביסט זייער שמוציק... אַך, אַזוי... — ער איז געוואָרן ווינצעפּעלדפעבל.

— וואָס מאַכסטו עפּעס אַזאַ מינע? צי מיינסטו, אַז דאַרפסט פאַר מיר שטיין אויף אַכטונג?

זיידעל האָט מיך באַטראַכט פון דער זייט: — ווייסטו, אַז פאַביאַן פירט ווידער אָן מיט דער קאָמפּאַניע? — האָט ער געפרוווט מיט מיר פאַרבינדן אַ שמועס.

פאַביאַן איז געשטאַנען אויפן הויף: — אָט זענען ווידער אַ פּאָר באַקאַנטע! — האָט ער אויסגערופן. — כ׳דאַרף גראָד האָבן אָרדינאַנסן. איר און צישע זענט טאַקע זייער פּאַסיק דערצו.

פאַביאַן איז געוואָרן אויבערלייטענאַנט.

מיר האָבן געוווינט אין זיין הויז צוזאַמען מיט זיין דינער איילין! דאָס איז געווען אַ זייער הויכער און דיקער פאַרשוין און געהאַט אַ ברייטע, געבויגענע נאָז. ער פלעגט נישט ליב האָבן קיין סך צו רעדן. איבריקנס האָט ער געהאַט אַ גאַנץ הויכע, קוויטשנדיקע שטים. מתחילת האָב איך אים געהאַלטן פאַר אַזאַ טיפּש ווי פּערל. אָבער דערנאָך ערשט האָב איך באַמערקט, אַז ער איז אפילו געווען זייער קלוג, אָבער ער האָט זיין שכל פאַרבאָרגן אונטער אַן אומגלויבלעכער גוטהאַרציקייט.

באַנאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען קרייציקט מיך. כ׳האָב מיר געטראַכט, אַז כ׳וואָלט דאָך דאַן געשטאָרבן און געמוזט דערפאַר מורא האָבן. אָבער דערפאַר האָב איך נישט קיין מורא געהאַט, נאָר פאַר די שמערצן. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ פאַרגאָסענער מיט שווייס.

ס׳איז שוין געווען טאָג. כ׳בין געגאַנגען אַרומוואַשן זיך צום ברונים. די זון האָט געשיינט אויפן הויף. כ׳האָב אַרומגע־טראַכט וועגן מיין חלום, און אַז כ׳האָב נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. ס׳איז געווען דערין אַ שטיקל אמת.

שפּעטער בין איך געגאַנגען מיט צישען אויף דער שיס־ליניע. מיר האָבן געמוזט דורכגיין איבער אַ גראָזיקן הויכפּליין. כ׳האָב אים געוואָלט דערציילן מיין חלום, — אָבער ס׳האָט נישט געהאַט קיין זין. וויבאַלד מ׳קאָן דאָ אַ ליאַדע רגע פּאַקן אַ קויל אין קאָפּ — איז דאָס גאַנץ גלייכגילטיק; מיך גופא האָט נאָר דידאָזיקע זאַך געקאָנט עטוואָס אָנגיין.

— — — — — — — — — — — —

ס׳זענען שוין עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אין דער קומענדיקער נאַכט וועלן מיר גיין אויף די ליניע. אָבער דידאָזיקע שמיעות פלעגן זיך אַרויסווייזן פאַר פאַלשע.

דאָס וועטער איז געווען טריב. די אַנדערע האָבן גע־שפּילט אין קאָרטן. און ווייל כ׳בין געווען אומבאַשעפטיקט, האָב איך זיך גענומען צו פאַרריכטן מיינע זאַכן און זיך באַמיט צו נייען פונקט אַזוי געשיקט ווי מיין מוטער. מיינע גאַטקעס זענען גע־ווען אַזוי צעפליקט, אַז די הויזנ־אַרבל האָבן זיך קוים צוזאַמענ־געהאַלטן. אַחוצדעם האָבן זיי נישט געהאַט קיין איין קנעפל צו־מאָל. מ׳האָט אויך אַזעלכע נישט געקריגן צו קויפן. כ׳האָב בכן צוגענייט אויף ביידע זייטן אַ שטיקל שנורל, כדי זיי אַרומצו־פינדן אויפן לייב. מיין איינציקע פּאָר זאָקן האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט קיין זוילן; וואָרן כ׳האָב נישט געהאַט קיין וואָל צום צערעווען, און די מוטער האָט זי מיר נישט געקאָנט צו־שיקן, ווייל אויך אין לאַנד איז זי שווער געווען צוקריגן. זי האָט מיר געשיקט דערקעגן אַ פּאָר אָניציעס, וועלכע זי האָט אויסגעשניטן פון אַ שטיקל פלאַנעל.

דער נאָענסטער פרימאָרגן איז געווען שטראַלנדיק שיין. באַם אויסשטעלן זיך האָט פּאַביאַן געזאָגט: — היינט אינאָוונט גייען מיר אויפן פראָנט. אַ טייל פון אונזער פולק האָט שוין פאַרגאַנגענער נאַכט באַזעצט די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

מיר וועלן זיך שטעלן הינטער זיי אַלס רעזערוו, אין וואַלד בורען. פּאָרלויפיק איז דאָרט רויק, אָבער מ׳דאַרף זיך דערויף נישט פאַרלאָזן.

ער האָט געהייסן זיך פונאַנדערגיין.

כ׳האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צוטון און געשפּאַנט אָן אַ ציל איבערן דאָרף, זיך אָנגעבויגן איבער דער בריק און זיך צוגעקוקט, ווי די שיף באַוועגט זיך אויפן וואַסער — און בין ווידער צוריקגעגאַנגען. ס׳איז אָנגעקומען די צייט פון עסן. אין דאָזיקן טאָג האָט מען אונז געגעבן צום ערשטן מאָל דאָס גוטע פראָנט-עסן. דערנאָך האָב איך מיך געלייגט שלאָפן. מען האָט נישט געוווּסט, ווען ס׳וועט ווידער קומען דערצו.

אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אויפן הויף. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט וואָלקנס און ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען מיט דריבנע טראָפּנס.

פּאַביאַן איז אָנגעקומען אין שטאָלערנעם העלם, באַלאָדנט מיט מאַנטלען, לעדערנע טאָרבעס, רעוואָלווער, שטילעט, פּיסטאָ-לעט און גאַז-מאַסקע.

מיר האָבן אַרויסגערירט אויפן וועג. דאָרט זענען גע-שטאַנען גרויסע לאַסט-אויטאָס, איבערגעדעקט מיט לייוונט, כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט פאָרנט לעבן דעם שאָפער פון אַן אויטאָ.

די אויטאָס זענען געלאָפן שנעל איבערן ברייטן שאָסעע. כ׳האָב אָבסערווירט די אומגעגנט דורך די קלינגנדיקע שויבן, פון וועלכע ס׳האָט שטראָמענווייז אַראָפּגעפלאָסן דער רעגן. ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

פּלוצלינג האָט זיך אויפן וועג פאַר אונז באַוויזן אַ שוואַרצער שלאַנג. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. דער אויטאָ, וואָס איז געפאָרן פון פאָרנט האָט פאַרלוירן די קייט. דער אונטער-אָפיציר לעבן מיר האָט זיך אַרויסגעבויגן: — ווייסט איר דעם וועג?

— ניין!

— גיי נאָר אַהין, ערנסט, און פיר זיי אַוועק הינטער אונז!

דערווייל איז אָנגעקומען גראָער בין־השמשות. מיר זענען געפאָרן ווייטער אין שנעלערן טעמפּאָ, כּדי צו דעריאָגן די אַנדערע.

ס׳האָט זיך באַוויזן אַ דאָרף און אַ שיידוועג. מיר האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם לויף.

— ווו האָבן זיי געקאָנט פאָרן ? נו, ס׳איז אַלצאיינס ; מיר פאָרן ווייטער !

פון הינטן איז אָנגעלאָפן דער נאָענסטער אויטאָ. מ׳האָט געדופן עפּעס פון דאָרט, דער אונטעראָפיציר איז אַראָפּגעשפרונגען און צוגעלאָפן צו זיי.

ער האָט זיך צוריקגעקערט : — אויך זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די אַנדערע, נאָר צוויי וועגנס האַלטן זיך צוזאַמען. ווייטער !

מיר האָבן ווייטער געיאָגט אין דער פינצטער, זיך אַראָפּגעדרייט אויף רעכטס און אויף לינקס. שאָסעע־ביימער האָבן אויפגעטויכט און פערבײַ מיט געדויש, ס׳האָבן זיך פאַרבײַגעגליטש שאָטנס פון הייזער. צוויי פאַרבלענדנדיק העלע ליכט־אויגן האָבן זיך באַוויזן פון דער טיף, זיך דערנענטערט און פאַרבײַגעשוועבט.

פלוצלינג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן. אַ נידריקער אָפיציר אין אַ מאַנטל איז געשטאַנען לעבן וועג מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם. פון דער פינצטערניש האָבן אויפגעטויכט נאָך צוויי אָפיצירן.

— וועלכע קאָמפּאַניע ? — האָט געפרעגט די שטים פון אונזער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר.

— דריטע, הער קאַפּיטאַן !

— געלויבט צו גאָט ! איז כאָטש וויניקסטנס די אין קאָמפּלעט.

מיר האָבן אויסגעשטיגן און געמאַרשירט ווייטער מיט אַ זומפּיקן וועג. פונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן שווערע דעטאָנאַציעס. אויף אַ פעלד האָבן מיר צונויפגעשטעלט דאָס געווער און זיך אַרומגעהאָנגען מיט די קאָצן. כ׳האָב געוואָלט פאַררויכערן אַ פּאַ־

פיראָס אָבער ס'האָט אַזוי געקאַפּעט פונם העלם, אַז דער פּאַפּיראָס איז מיר אַזש צעווייקט געוואָרן, איידער כ'האָב אים נאָך אַריינגעשטעקט אין מויל. עטלעכע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד, נישט קוקנדיק אויף דער בלאָטע.

כ'בין צוגעגאַנגען צום באַטאַליאָן־שטאַב :

— פאַרוואָס אייגנטלעך וואַרטן מיר ?

— דער באַטאַליאָן, וועלכן מיר לוזעווען, דאַרף אונז צושיקן וועגווייזערס. אָבער ס'איז נאָך קיינער נישט אָנגעקומען.

כ'האָב צוריקגעבראָדזשעט אין דער בלאָטע צו דער קאָמפּאַניע. כ'האָב באַמערקט עפּעס אַ געלן אָפשיין און זיך אויסגעדרייט. ליכטקוילן האָבן זיך אויפגעהויבן אינדערלופט גראָד דאָרט, ווי כ'האָב געמיינט, אַז מיר מוזן אַהין אַוועק, און זענען אַראָפּגעפאַלן אַלס געלער רעגן. צו אַלדי רוחות ! האָב איך געטראַכט און געבראָדזשעט ווייטער.

פאַר אונז האָבן אָנגעהויבן צו בילן די באַטעריעס. אין עטלעכע ערטער האָב איך באַמערקט דאָס אויפבליצן פון די שאָסן. וואָס אַמאָל מער ליכקוילן האָבן זיך אויפגעהויבן און אויפגעריסן. אין דער קאָמפּאַניע איז געווען טויט־שטיל. עמעצער האָט געשנאָרכט.

די ליכטצייכנס האָבן איבערגעוואַנדערט אויף רעכטס.

און מוזן מיר אַוועק אַהין גראָד אין דער נאַכט, ווען זיי גרייפן ווידער אָן !

דאָס געשיסעריי איז ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרן, נאָר דער רעגן האָט נאָך געקאַפּעט פון העלם. כ'האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן צישען אויפן קאָץ. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. שעהן זענען פאַרגאַנגען, ס'האָט געריגנט.

— קאָמפּאַניע — אַכטונג ! געפּעק אַרויף ! אויפן וועג זיך אויסשטעלן !

כ'בין געווען פאַרשטאַרט פון פראָסט און נעץ. דער קאָץ איז אויך געווען שטייף און קאַלט.

אויף דעם וועג זענען געשטאַנען פאַר אונז צוויי אָן אויסריכטונג.

— ווי אַרומעט דאַרפן מיר מאַרשירן ?

— מיר אָריענטירן זיך נישט, הער אויבערלייטענאַנט. מיר פּלענען דאָ תּמיד גיין פון אַן אַנדער זייט.

— נישקשהדיקע פּירערס!

איינער פון אונזערע אונטעראָפיצירן האָט געזאָגט, אַז ער קען דעם וועג אַזש ביז צו אַ וועג־קרייץ, און פון דאָרטן וועלן מיר זיך מוזן וואַרשיינלעך ווענדן אויף לינקס.

מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פון שאָסע אויף אַ צעוויקעט פעלד, כּדי אויסצומיידן דאָס דאָרף, וואָס זיי האָבן נאָכאַנאַנד באַשאָסן. אויף דעם זומפּיקן באָדן האָבן זיך באַלד אונזערע רייען אויסגעמישט. כּסדר האָט זיך דערטראָגן פון הינטן דער רוף: — שטיי!

די זעלנער, ס׳רוב יונגע רעקרוטן, וואָס זענען נישט געוועזן צוגעוווינט צו באַנאַכטיקע מאַרשן צווישן פעלדער, האָבן שוין געבראָדזשעט אין אַ לאַנגער, שמאָלער רייע איבערן צעוויקטן ליים. די נאַכט איז געווען שטאָק־פינצטער, מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט דערזען נישט אויף דר׳ערד, נישט אויפן הימל.

— הער אויבערלייטענאַנט! — האָט געזאָגט דער אונטעראָפיציר. — איך ווייס שוין נישט, ווו מיר זענען. אומעטום ציט זיך דערזעלביקער זומפּ אונטער די פוס און אַזויפיל שפורן פון רעדער, אַז מ׳ווייסט נישט, ווי אַרומעט ס׳פירט דאָ דער וועג. כ׳מיין, אַז צום בעסטן וועט זיין, מיר זאָלן זיך צוריק אַראָפּדרייען אויפן שאָסע.

— גוט, פירט ווייטער! — ס׳האָט מיך געחידושט, וואָס פּאַביאַן איז געווען אַזוי רויק.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט שאַרף אויף לינקס.

מיטאַמאָל איז עמעצער אָנגעלאָפן איבערן זומפּ.

— הער אויבערלייטענאַנט פּאַביאַן!

— אַן, איר זענט עס, שובערט?

— כ׳האָב אָנגעטראָפן די ענדע פון אייער קאָמפּאַניע און געטראַכט, אַז איר קענט מסתּם נישט דעם וועג. איר קאָנט

זיך אָנשליסן אָן מיין קאָמפּאַניע, מיר האָבן ביז צו די גרויבנס דעמזעלביקן וועג.

— מיר בראָדזשען דאָ אין אַ נישקשהדיק געמויזעכץ!

דער רעגן האָט אויפגעהערט.

אַ ווײַלע האָט אונז באַגלייט אַן אויר פון מתים. דערנאָך האָט זיך דער האַסטיק אַראָפּגעלאָזט; פאַרוואָס, — דאָס האָט מען נישט געקאָנט דערקענען אין דער פינצטער. כ׳האָב זיך אויסגעגליטשט און אַרונטערגעפאָרן אויף די הויזן איבער דעם גליטשיקן, ליימיקן שיפּוע אין אַ פלאַכן גרובן אַראָפּ. גאַנץ נאָענט האָט ווידער געמויזט ליגן עפּעס א מת. טאַפּנדיק אין דער פינצטער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף קיזלשטיין, דערנאָך אויף אייזנבאַן־שינעס.

אַ שטיקל צייט זענען מיר געגאַנגען קווער דורך די פעלדער. דערנאָך האָבן מיר זיך אַראָפּגעדרייט אויף לינקס צום וועג.

— בלייבט דאָ, רען, און זעט, אַז די קאָמפּאַניע זאָל זיך האַלטן באַזאַמען!

זיי האָבן געבראָדזשעט לעבן מיר איינגעבויגענע. איינער נאָכן אַנדערן האָט געפרעגט: — ווי ווייט איז עס נאָך? צי וואָלט מען זיך נישט געקאָנט אָפּרוען?

מיטאַמאָל האָט זיך די רייע געענדיקט. דער לעצטער האָט געזאָגט: — די איבעריקע זענען שוין לאַנג געבליבן פון הינטן.

כ׳בין געבליבן שטיין און געוואַרט.

קיינער איז נישט אָנגעקומען. דאָס גערויש פון די פאָרנט מאַרשירנדיקע זעלנער האָט זיך פאַרלוירן. כ׳בין זיי נאָכגעלאָפן.

ס׳איז געוואָרן עטוואָס העלער, אָבער כ׳האָב זיך גערוקט מיט שוועריקייט פאָרויס. דער האַרטער וועג־ברוק איז געווען באַדעקט מיט גליטשיקן ליים. דערצו האָט מיר נעשטערט דער קאָך, אין וועלכן כ׳האָב זיך אַרומגעוויקלט. כ׳האָב אָנגעיאָגט דעם סוף פון דער קאָלאָנע און געלאָפן ווייטער.

פאַביאַן האָט מיך געהייסן צולויפן צום לייטענאַנט שוברט

און אים בעטן, אַז ער זאָל זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן.

כ׳בין געלאָפן ווײַטער. דאָס אָנטועכץ איז געוואָרן שטײַף און שווער פון רעגן. די קאָמפּאַניע איז געווען שרעקלעך פונאַנ־דערגעצויגן.

לסוף האָב איך זיך אַרויסגערוקט פאָרנט. דער שווייס האָט מיך געררונען פון פנים. דער לייטענאַנט האָט עפּעס אַ מורמל געטון, אָבער האָט געהייסן זיך אָפּשטעלן.

ווען די קאָמפּאַניע האָט זיך ווידער צונויפגעזאַמלט, האָבן מיר געריירט פּאַמעלעך ווײַטער. דער וועג האָט זיך אויפגעהויבן ביסלעכווײַז ביז צו אַ הויכעניש, דערנאָך האָבן מיר זיך אַראָפּ־געדרייט אין אַ טאָל.

פאַר אונז האָט זיך פאַרהאַלטן עפּעס אַ קאָלאָנע. צוקומענ־דיק נענטער, האָב איך געזען צוויי רייען וועגענער, וועלכע האָבן אונז פאַרשפּאַרט דעם גאַנצן וועג. בלויז לינקס איז פאַר־בליבן אַ שמאָלער הלל, מיר האָבן זיך בכן דורכגערוקט דאָרטן איינער הינטערן אַנדערן.

פאַר אונז האָבן זיך דערטראָגן העפטיקע שאָסן, גאָרנישט ווײַט.

עטלעכע גראַנאַטן זענען דורכגעפלויגן איבער אונז און געפאַלן הינטן אויף דער הויכעניש. די שווערע משא־פערד זע־נען געשטאַנען רויק, ווי ס׳וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. מ׳האָט אָפּגעלאָדנט שווערע גראַנאַטן, איבער וועלכע מיר האָבן געמוזט דורכגיין.

לינקס באַם אָפּהאַנג האָט זיך געפונען אַ גרובן, אין וועלכן מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט.

באַ אַ שייד־גרובן איז געשטאַנען דער לייטענאַנט שובערט און געזאָגט: — שיינט מיר, אַז איר מוזט איצט גיין אויף רעכטס. איך מוז שנעל אַוועק נאָך מיין קאָמפּאַניע! ס׳הויבט שוין אָן צו טאָגן.

ער איז שנעל אַוועקגעלאָפן אויף לינקס. מיר זענען גע־גאַנגען אויף רעכטס ווײַטער, וואָס אַמאָל נענטער צו דעם באַ־שיסונגס־פעלד. פאַר אונז אויף די טונקעלע כמאַרעס

האָט זיך געוויזן אַ רויטער שיין. פּאַביאַן איז אַרויף אויף אַן אויפּשיט און זיך אומגעקוקט.

— צי איז דאָס נישט בורען דאָ פאָרנט?

מיר זענען אויך אַרויפגעשטיגן. צוויי ביז דרייהונדערט מעטער פאַר אונז האָט געברענט אַ דאָרף, איבער וועלכן ס'האָבן אומאויפהערלעך געשפּיגן פייער־שראַפּנעלן.

— דאָס איז נישט בורען — האָט געזאָגט דער וועגווייזער — אָבער וואָס דאָס איז, האָב איך נישט קיין אַנונג.

לינקס איז אַ וואַלד. מוז דאָ לויט דער מאַפּע ליגן דער בורען־וואַלד.

— ניין, דאָס איז ער נישט.

— ווייטער! — האָט געזאָגט פּאַביאַן

לינקס לעבן אַן אָקאָפּ האָט געשפּאַנט אַ פּאָסטן אויף און אָפּ.

— ווי הייסט דאָס דאָרף פאַר אונז?

— כ'ווייס נישט.

— ווער ליגט דאָ אין גרובן?

— אונזער באַטאַליאָן־שטאַב.

— וואָס הייסט עס: אונזער באַטאַליאָן־שטאַב? — רען, טוט נאָר אַ פרעג אונטן!

כ'בין אַראָפּגעקראָכן אונטן איבער די שמאָלע טרעפּלעך. באַ אַ טריבן ליכט איז געזעסן אַ דאַרער אָפיציר אין אַ שמוציקן מאַנטל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר אונז ליגט באמת בורען, נאָר מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַביסל אויף רעכטס צו דעם באָענטסן פולק־אָפּשניט.

כ'בין צוריק אַרויפגעלאָפן.

— פון דעם ראָוו אַרויס! — האָט באַפוילן פּאַביאַן.

מיר זענען אַרויסגעקראָכן לעבן דעם פּאָסטן. אין מיין יאָגעניש האָט זיך מיר דער קאָץ פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס און כ'האָב זיך צוריק אַראָפּגעגליטשט.

אין באָדן זענען געווען טיפע גראַנאַטן־לעכער, איינער לעבן אַנדערן; איבער זייערע ראַנדן האָבן מיר זיך באַוועגט

אויף רעכטס און אויף לינקס. ס׳איז נישט געווען דאָרט קיין שום גרעזל. דערנאָך זענען די לעכער פאַרשווונדן און ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייטע לאָנקע. מיר זענען געגאַנגען אין אַ געוויסן מרחק לענגאויס דעם וואַלד און זיך דערנאָך אַראָפּגעדרייט בײַ זיין אונטערשטן ראַנד. דאָרט איז געשטאַנען אַ סאַניטאַר־וואָגן. פאַר אים זענען געלעגן צוויי טויטע פערד.

פון וואַלד איז אַרויסגעקומען אַ מענטש:

— כ׳האָב דעם הער אויבערלייטענאַנט איבערצוגעבן די אָקאָפּעס. אונזער קאָמפּאַניע איז אַוועקגעגאַנגען שוין מיט עטלעכע שעה צוריק, כדי זיך צוריקצוציען נאָך איידער ס׳וועט העל ווערן.

ש—פּ! איז דורכגעפלויגן אַ גראַנאַט און זיך איינגעגראָבן אין די ערד, נישט אויפרייסנדיק.

— ש—פּ! אַ צווייטער.

— פּאָרויס! — האָט אויסגערופן פּאַביאַן. — דאָ אין דעם גרובן אַריין!

— דאָ לינקס — האָט געזאָגט דער מענטש — געפינט זיך דער סאַניטאַרן־אָקאָפּ און דער אָקאָפּ פאַרן קאָמפּאַניע־פירער, פאַר דער רעשט קאָמפּאַניע אָקאָפּעס אין וואַלד.

פון ערגיץ ווו האָט זיך דערטראָגן די דעטאָנאַציע פון אַ א גראַנאַט.

מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ גרובן, וואָס איז פול געווען מיט ליים־שטיקער פון די ווענט און מיט צווייגן.

— איר קאָנט גיין — האָט פּאַביאַן געזאָגט קיל צו די וועגפירערס.

דורכגייענדיק האָבן מיר זיך פאַרטיילט מיט די אָקאָפּעס. דער גרובן האָט זיך פאַרענדיקט אינמיטן וואַלד מיט אַ טונקעלער עפענונג. טרעפּ האָבן געפירט אַראָפּצו.

— דאָ איז דער טונעל — האָט געזאָגט דער מענטש — אין אים דאַרף אַריין די רעשט קאָמפּאַניע מיט אַ פלוטאָן־פירער.

— און איך? — האָט געפרעגט פּאַביאַן.

— בײַם וואַלד־ראַנד, ווו די טויטע פערד זענען געלעגן.

— האָט איר דאָך דאָס באַלד געקאָנט זאָגן! — ער האָט עס פריער משמעות פאַרהערט.

מיר זענען געשטאַנען אין ענגן גרובן, הינטער אונז די האַלבע קאָמפּאַניע. מ׳האָט געשאָסן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

מיר זענען אַרויסגעקראָכן פון גרובן אויף פאָרנט. דער וואַלד איז געווען אַ געדיכטער און פיל מיט אָפּגעבראָכענע צווייגן. נאָך עטלעכע טריט זענען מיר געבליבן שטעקן פעסט צווישן דעם שטעכיקן דראָט, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט אַרויסזען אין דער געדיכטעניש. ס׳האָט געקלאַפּט. און געטרעשטשעט אין די ביימער. צווייגן זענען אָפּגעשפרונגען. אינדרויסן פאַרן וואַלדראַנד, דאָ און דאָרט, לייכטע אויפבליצן אויף דער לאָנקע און קליינע וואָלקנס רויך האַרט באַ דער ערד אין גראָען פאַרטאָג־ליכט. דאָס קראַכן און קנאַקן האָט אָפּגעהילכט און גערוישט אין דעם שטאָלערנעם העלם אַזוי, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו אונטערשיידן די קלאַנגען. כ׳האָב נאָר געזען, אַז דאָס זענען שראַפּנעלן און גראַנאַטן. מיר האָבן זיך ווידער פאַרטשעפּעט אָן דראָט. אויף דער ערד האָב איך באַמערקט דעם שילד פון אַ קוילנוואַרפער און עפּעס אַ שמוציק־בלייך פּנים אין שטאָלערנעם העלם. אין אַ מיט צווייגן איבערגעדעקט ערד־לאָך איז געשטאַנען אַ פּאָסטן. מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט פון וואַלד אויף אַ פרייען שטח, כדי צו רוקן זיך שנעל פאָראויס. אָבער מיטאַמאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ ברייטן פּאַס דראָט־פאַרצוימונג. דורכקריכנדיק האָב איך זיך פאַרטשעפּעט די בלוזע אָן שטעכיקן דראט און מיר צעריסן אַן אַרבל. מיר זענען געלאָפן פאַזע דעם וואַלדראַנד. כ׳האָב זיך נאָכאַנאַנד אומגעקוקט אין אַלע זייטן, וווהין ס׳האָט געשאָסן. איצט איז דער גרובן געלאָפן האַרט באַם וואַלדראַנד. מיר זענען אַריינגעשפרונגען און זיך גערוקט ווייטער. דער אויסגאַנג פון גרובן האָט זיך געפונען באַם וועג. מיר האָבן אַרומגערינגלט די טויטע פערד אין אַזאַ קליינעם בויגן, ווי דאָס איז מעגלעך געווען צו טון אויפן גליטשיקן וועג, און זיך לסוף דערקריגן אָן אַן אָטעם צו אונזער ראָוו. ס׳האָבן זיך נאָר דאָרט געפונען

טרעפּ, אָבער קיין שום אָקאָפּ. אויף דער לינקער זייט האָבן זיך געפונען אַ פּאָר ברעטער, וואָס האָבן געבילדעט געלעגערס. דערלעבן איז נאָר געבליבן אַ שמאָלער דורכגאַנג צו די אונטערשטע געלעגערס.

איילִיק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס אַ גרויסן זאַק, וואָס ער האָט נאָך געטראָגן אַחוץ זיין רוקזאַק, און אָנגעהויבן אים אויסצופּאַקן. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און עס צוגע־קלעפּט צו דער פּריטשע פון אויבערלייטענאַנט.

— רען, איר מוזט נאָך אַוועק מיט דער מעלדונג צום באַטאַליאָן! דער שטאַב מוז זיך דאָ ערגעץ געפינען אין וואַלד.

כ׳האָב שוין געוואָלט אַרויסלויפן. אָבער צישע האָט אויס־געדרופן: — איך גיי מיט. וועל איך זיך אויך אין איינוועגס דערוויסן, ווו ס׳געפינט זיך דער שטאַב.

ער האָט זיך אָנגעהאָנגען די גאַז־מאַסקע, און מיר זענען אַרויסגעלאָפן. ס׳איז שוין געווען גאַנץ העל. די טויטע פערד פאַר דעם סאַניטאַרן־וואָגן האָבן געהאַט אויפגעשוואָלענע לייבער און שרעקלעך געשטונקען.

מיר זענען אַריינגעלאָפן אין גרובן.

ראַמם! האָט אויפגעריסן אַ גראַנאַט האַרט הינטער אונז. כ׳האָב באַקומען אַ שטיק ליים אין האַלז אַריין.

לינקס אין אַ שמאָלן זייטיקן גרובן איז געשטאַנען אַ פּאָסטן.

— ווו איז דער שטאַב פון ערשטן באַטאַליאָן?

— דאָ אינעווייניק.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ טיר מיט אַ דראָט־פענצטערל און אָנגעקלאַפּט.

— אַריין! — ס׳איז געזעסן דער קאַפּיטאַן צוזאַמען מיטן אַדיוטאַנט; זיי האָבן געגעסן. כ׳האָב אים איבערגעגעבן די מעלדונג.

בעת מיר זענען צוריקגעקומען אין אונזער גרובן, האָט שוין איילִיק געהאַט אָנגעוואַרעמט קאַווע און אָפּגעשניטן ברויט.

— ווי זיי שיסן עס אַביסל — האָט ער געלאַכט, טייט־לענדיק מיטן פינגער אינדרויסן אַרויס.

— איר מיינט אַוודאי — האָט געלאַכט פּאַביאַן — אַז דאָס איז די מלחמה־אַריע אונטערן גרינעם טענענבוים מיט ראַקעטן און זשאַבעס!

כ׳האָב מיך אָוועקגעזעצט מיט צישען אויף די טרעפּ און געפּרישטיקט. דערנאָך האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן, אויבן אייליך מיט צישען, אונטן פּאַביאַן בײַ דער וואַנט, איך לעבן אים. אינדרויסן האָבן די גראַנאַטן געקלאַפּט אָן די ביימער.

קעגן מיטאָג האָבן מיר אויפגעוואַכט. מיר האָבן געגעסן ברויט מיט קאָנסערוון־וווּרשט. דערנאָך איז פּאַביאַן אַרויסגעגאַנגען, כּדי זיך אַרומצוקוקן איבער די געגנט, און האָט מיך מיטגענומען.

ס׳איז געווען אַ לייכטער נעפּל. קיין שום שאָס נישט. מיר זענען געגאַנגען אין דעם גרובן. אין אַ געוויסן אָרט איז אַריבערגעפּאַלן אַ בוים און אונז פאַרשפּאַרט דעם וועג מיט די שאַרפּע, צעבראָכענע צווייגן, אַז מיר האָבן געמוזט דורכקריכן הינטער אים. דער גרובן איז געוואָרן אַלץ מער פלאַכער און געפירט לענגאויס דעם וואַלדראַנד. לינקס האָט זיך אין אַ געוויסן מרחק געוויזן אַ צווייט שטיק וואַלד.

— הערט זיך איין — האָט געזאָגט פּאַביאַן — ווען מ׳דאַרף אייך, אָרדינאַנסן, האָבן צו עפּעס, אָריענטירט איר זיך ס׳רוב זייער קנאַפּ. כ׳וועל אייך בכן איצט זאָגן אַלץ, וואָס איך ווייס אַליין, און איר וועט אינפאָרמירן צישען... דאָסדאָזיקע שטיק וואַלד פאַר אונז איז דאָס טערקישע וועלדל. דאָרט ליגן די איבעריקע קאָמפּאַניעס פון אונזער באַטאַליאָן. אַן אַכט הונדערט מעטער פאַר אים ליגט אין דער פאָדערשטער פּאָזיציע דער צווייטער באַטאַליאָן. ובכן, קריצט אייך דאָס גוט איין אין זכּרון! דער פולק־אָפּשניט האָט אַ קנאַפּן קילאָמעטער די ברייט, און דערין ליגן, תּמיד מיט אַן אָפּשטאַנד פון לערך אַכטהונדערט מעטער, גאַנץ פאָרנט דער צווייטער באַטאַליאָן, אין טערקישן וועלדל פאַר אונז דער ערשטער באַטאַליאָן אַחוץ אונזער קאָמפּאַניע, דאָ,אין בורען־וואַלד, מיר, די דריטע קאָמפּאַניע, הינטער אונז דער דריטער באַטאַליאָן. איר קאָנט זיך אוודאי משער זיין, צו וואָס מיר ליגן דאָ: מיטן ציל פון עווע־

טועלן קאָנטראָנגריף, אין פאַל, ווען די פּראָבּצוויזן זאָלן אַריינדרינ־
גען פאָרנט.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טונעל. דער באַלקן איבער די טרעפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף צוויי אייזנבאַן־שינעס, וואָס זענען געלעגן אויף גאַנץ שוואַכע ברעטער.

אונטן האָט זיך געטראָגן אַ קילער עיפּוש פון נאַסע זאַכן, טאַבעק־רויך און סאַזשע. די ליכט, וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעקלעבט אויף פאַרשידענע געגנשטאַנדן, האָבן געהאַט אַ ברויך־רויטן פלאַם. פונדערווייטנס האָט זיך דורכגעריסן אַ גראָער שימער פונם טאָגליכט. דאָס איז געווען דער אַרויסגאַנג פון טונעל.

מיר האָבן זיך געמוזט איינבויגן, כדי זיך נישט אָנצו־שטויסן אָן דעם באַלקן. ביי דער רעכטער טונעל־וואַנט זענען געווען איינגעבויט בעטלעך פון דראָטנעץ, צו צוויי איבעראיינאַנ־דער. דערלעבן איז געווען אַזאַ שמאָלער דורכגאַנג, אַז דער זעלנער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און געגעסן, האָט געמוזט אַרויפקריכן אויפן בעט, כדי אונז דורכצולאָזן. איז ער איצט טאַקע געזעסן מיט זיין לאַנגער בלאָנדער באָרד צווישן נאַסע זאָקן, ברויט, שטיוול, ציגאַרן און בריוופּאַפּיר, און געשמייכלט צו אונז איבער זיין מישמאַש.

לינקס האָט געפירט אַ שמאָלער, פינצטערער קאָרידאָר.

— וווהין פירט ער דאָס?

— צו דער לאַטרינע, הער אָבערלייטענאַנט.

מיר האָבן טאַפּנדיק אין דער פינצטער זיך אַריינגעשלייכט אַהין. די ווענט זענען געווען פון בלויז ליים, נישט באַשלאָגן אַפילו מיט קיין האָלץ. פּאַביאַן האָט אָנגעצונדן זיין עלעקטריש לעמפּל. זיי זענען דאָרט געזעסן אויף אַ לאַנגן שטאַנג, מיט די קעפּ אויסגעדרייט צו אונז, ווי די סאָוועס אין דער פינצטער. אין דעם שמאָלן דורכגאַנג זענען געלעגן אָנגעלייגט בײַ די ווענט קעסטלעך פון האַנט־גראַנאַטן.

— גוט מאָרגן, הער אָבערלייטענאַנט! — האָט עמעצער פלוצ־לינג אַ זאָג געטון. דאָס איז געווען דער לייטענאַנט פון לאַנד־ווער אייסאָלד, דער פירער פון אונזער ערשטן פלוטאָן.

— צי נעמט איר תּמיד אָן אין דערדאָזיקער פּאָזיציע.

— ניין, הער אָבערלייטענאַנט, איך... ער האָט אַרויסגעצויגן פּאַפּיר פון קעשענע און זיך גענומען אויסווישן.

— צי האָט איר שוין נאָכגעזען, — האָט פּאַביאַן געזאָגט פּאַרדראָסיק — וויפל עס ליגן דאָ האַנטגראַנאַטן און צי זיי טויגן צום געברויך?

— ניין, הער אָבערלייטענאַנט.

— כ'בעט מיר צו באַלייגן ראַפּאָרט וועגן דעם! גוטן טאָג!

ס'האָט מיך געחידושט, וואָס אייסאָלד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ באַשיינפּערלעכע מורא פאַר פּאַביאַנען. אָבער באמת, ער איז געווען אַ נישט איבערגעשפּיצטער מענטש, און פּאַביאַן האָט אים, ווייזט אויס, נישט געקאנט ליידן. די קאָמפּאַניע האט אויך נישט ליב געהאַט אייסאָלדן.

מיר זענען צוריקגעגאַנגען אין דעם הויפּט-קאָרידאָר, פון וועלכן ס'זענען נאָך אָפּגעגאַנגען עטלעכע זייטיקע וועגן, וואס האבן געפירט צו די סאַפּערן-אָקאָפּעס און די ווינונגען פאַר די אַרטילעריע-אָבסערוואַטאָרן. טייל האבן געפירט צו די איצט פאַר-לאָזענע בעטאָנישע האַרמאַטן-שטעלעס. דער גאַנצער טונעל איז געווען לערך זיבעציק מעטער לאַנג.

מיר זענען נאָך געגאַנגען אין גרובן א שטיק קעגן בורען און זיך אומגעקערט מיטן וואַלד, אַרויסגייענדיק פון ראָוו. פּאַ-ביאַן האט געזאגט:

— טוט א קוק! דאָ זענען די איינגענג צו די אָקאָפּעס! אין דאזיקן אָרט האָט, שיינט מיר, עקספּלאָדירט אַן אונטערער-דישער אַמוניציע-מאַגאַזין. דער טרעכטער האָט איבער צען מע-טער אין דורכמעסער, און ווי טיף!... אויב דאָרט זענען געווען מענטשן?

אין וואַלד איז געלעגן עפּעס איינגעוויקלט אין אַ קאָץ, מיט אַ צווייג אַריינגעשטעקט פון אויבן. דאָס איז געווען אַ טויטער קערפּער.

— לאָמיר אים אַרויפטראָגן אויבן, אויף די לאָנקע. דאָרט איז, שיינט מיר, אַ בית-עלמין.

מיר האָבן אַרויפגעשלעפּט דאָס פּעקל איבער דעם שיפּע און צוועקגעלייגט צווישן אַ פּאָר הילצערנע צלמים. ס׳זענען דאָרט געלעגן פיל אומבאַגראָבענע, אַלע מאָדנע גראָ און שטיל.

ערגעץ ווו האָט אָנגעהויבן צו קראַכן. פון דעם טערקישן וועלדל פאַר אונז האָבן זיך דערטראָגן גראַנאַטן־וואָלקנס.

— — — — — — — — — — — — — — —

אויפצומאָרגנס נאָכן פרישטיק האָט אונז פּאַביאַן אַוועקגע־שיקט כדי דורכצוזען די ראָוון, וואָס האָבן געפירט אויף פראָנטצו. ס׳איז געווען אַ קילער פרימארגן. דער געווײַנלעך שווייגעדיקער צישע האָט געפלוידערט וואָס ס׳איז אים נאָר געקומען אין מויל אַריין.

בעת מיר זענען אַרײַנגעקומען אין דעם טערקישן וועלדל, האָב איך זיך געוווּנדערט, וואָס ער איז געווען אַ סך ווייניקער צעשטערט ווי אונזער וואַלד. ס׳זענען דאָך געווען אַפילו גרינע קוסטעס, און דערלעבן זענען געשטאַנען אין זונענשײַן מיט צווייגן באַדעקטע כאַטעס. אַרום זיי האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון זעלנער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע. איינער האָט זיך געראַזירט. עטלעכע האבן געשפּילט אין קאָרטן. ליבערט, דער פון שכנות־דיקן דאָרף, האָט געפּוצט די ביקס.

— ווי שיין ס׳איז בײַ אײַך! — האָב איך געזאָגט.

— אבער נעכטן איז כּלל נישט געווען שיין! דאָרט האט עס אײַנגעלייגט איין באַראַק. נאָך אַ גליק, וואָס זיי זענען אַלע באַצײַטנס אַנטלאָפן!

מיר זענען געגאַנגען קווער דורכן וואַלד. אויף דער צווייטער זייט האָט זיך געצויגן אַן אײַנגעפאַלענער גרובן. מיר זענען אים פאַרבײַ אויף לינקס און זיך אַוועקגעדרייט צו אַן אַנדערן, וואָס האָט געפירט אויף פראָנטצו. דער גרובן איז געוואָרן וואָס אַמאָל פלאַכער, אַזוי אַז מיר האבן טיילמאל אַרויסגעשטאַרצט ביז דער העלפט קערפער.

— טו אַ קוק! — האָט פּלוצלינג אויסגערופן צישע, וואָס איז געגאַנגען הינטער מיר.

— וואָס איז?

ער האָט געטיטלט אונטן אַראָפּ. כ׳האָב דערזען אַן אַרבל מיט אַ האַנט. דער מת איז געווען אינגאַנצן אַריינגעקוועטשט אין ליים. כ׳האָב זיך געשובט, צי כ׳זאָל פּאַרבייגיין לעבן אים און זיך אומגעקוקט הינטער מיר. אַרום איז געווען אַ פּלאַכער ליים־מדבר, אויף וועלכן ס׳האָט געשיינט די זון. פון האָריזאָנט האָט זיך אויפגעהויבן לאַנגזאַם אַ גרויסער פראַנצויזישער אַעראָפּ־לאַן, אין דער באַגלייטונג פון דריי קלענערע, וואָס האָבן אים אַרומגענומען אין לייכטן בויגן.

— דו, דאָס איז אַן אַרטילעריע־אָבסערוואַטאָר. ס׳וועט זיך באַלד אָנהויבן אַ באַשיסונג. לאָמיר זיך ליבערשט לאָזן צוריק.

און אָט איז שוין אָנגעפלויגן דער ערשטער גראַנאַט און אויפגעריסן אַ פופציק מעטער פון אונז, אין וואַלד.

מיר זענען אַרויסגעלאָפן פון ראָוו און געלאָפן קווער איבערן פעלד.

לעבן אונזער וואַלד האָב איך זיך אויסגעדרייט. דאָס טערקישע וועלדל איז געשטאַנען אין רויך און שטויב. מיטאַמאָל איז אַ גאַנצער בוים אַ פלי געטון אינדערלופטן.

ש—קרעמם! האָט אַ בורטשע געטון איבער אונז.

מיר זענען אַריינגעשפּרונגען אין גרובן אַריין. איצט האָט עס געקראַכט אַזוי נאָענט הינטער מיר, אַז כ׳האָב זיך אַזש אומגעקוקט אויף צישען. ער האָט מיך אויך אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. מיר זענען לסוף אַריין אין אונזער אָקאָפּ.

— אייך האָט עס אויך פאַרטריבן! — האָט געלאַכט פּאַביאַן, — וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן! נו כ׳האָב געקריגן אין די מאָרדע! ס׳איז אָבער נאָר טיבוף.

איילעך האָט געבראַנגט וואַסער און פּאַביאַן האָט געכאַפּט אַ בליק אין אַ קליין שפּיגעלע. ער האָט געהאַט צעלעכע בלוּ־טיקע שטראָמען אויף דער באַק. ער האָט זיי באַטראַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ באַפרידיקטער.

דאָס באַשיסן האָט באַלד אויפגעהערט. כ׳בין ווידער אַרויס־געגאַנגען מיט פּאַביאַנען.

פון דער זייט פון טערקישן וועלדל זענען אָנגעקומען דריי זעלנער. איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ העלם אין דער האַנט. דער צווייטער — כ׳האָב גלייך דערקענט ליבערטן — האָט געהאַט אַן אויפגעריסענע בלוזע און העמד.

— וווהין ווילט איר?

— אַך, הער אָבערלייטענאַנט, מיר זענען פאַרשאָטן געוואָרן פאָרנט אין וואַלד! אונזער גאַנצער פלוטאָן איז פאַרשאָטן! מיר נאָר זענען ניצול געוואָרן, ווייל מיר זענען געלעגן באַם אַרויס־גאַנג! דאָרט פאָרנט שיסט מען נאָך אַלץ.

ליבערט האָט געסאַפּעט. ער האָט מיך צומאָל נישט דער־קענט. פּאַביאַן האָט זיי אָפּגעשיקט אין טונעל. מיר האָבן זיך אַראָפּגעדרייט צום אָקאָפּ פון באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן די אָרדינאַנסן און זיך צוגעהערט צו דעם שמועס פון די אָפיצירן.

— גוט! — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — שיקט אָפּ אַלע, וואָס וועלן צוריקקומען פון דער צווייטער קאָמפּאַניע, אין טונעל אַריין! און שטעלט אַוועק הינטן באַם גרובן־שיידוועג אַ פלוטאָן־פירער מיט אַ וואַך, וואָס זאָל פאַרהאַלטן די מענטשן! אַנדערש וועלן זיי אַנטלויפן אין שרעק גאָט ווייסט ווי ווייט.

מ׳האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַריינגעשטופּט עמעצן אי־נעווייניק אַריין. ער איז געווען אינגאַנצן נאַקעט. ער האָט גע־טראָגן אַרום האַלז אַ שטריקל מיט דעם אָוואַלן דערקענונגס־צייכן.

דער קאַפּיטאַן האָט אים אָנגעקוקט: — וואָס באַטייט דאָס?

— הער קאַפּיטאַן! — האָט געזאָגט דער אָרדינאַנס, וואָס האָט אים געבּרענגט — כ׳קאָן פון אים גאָרנישט דערגיין. ער איז פון דער צווייטער קאָמפּאַניע.

— גיט אים קודם־כל אַ פלאַשטש! — מ׳האָט אים אַרומגע־האָנגען מיט עפּעס אַ מאַנטל, און ער איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ צעטומלטער.

— זענט איר פאַרשאָטן געוואָרן?

— דער באַלקן איז איינגעפאַלן.

— און דערנאָך?

— כ׳ווייס נישט.

— דערנאָך זענט איר פון דאָרט אַרויסגעקראָכן ?

— כ׳ווייס נישט.

— כ׳פרעג זיך, צי איר האָט באַוויזן אַרויסצוקריכן פון דעם אָקאָפּ ?

ער האָט זיך געוואַקלט : — אָבער ניין, כ׳האָב דאָך נישט געקאָנט.

— פאַרוואָס עפּעס ?

— ס׳האָט מיר צוגעהאַלטן אַ פוס.

— און דאַן האָט איר אויסגעטון דעם איינגעקלעמטן שטיוול ?

ער האָט זיך ווידער געוואַקלט : — ס׳איז געווען אַזוי ענג.

— אָרדינאַנס ! פירט אים אַהין צום דאָקטאָר ! און גיט אים אויך הייסע קאַווע, וויבאַלד איר האָט !

— מיר האָבן גענוג, הער קאַפּיטאַן,

— ווי אַ מענטש קאָן זיך דאָס אויסטון נאַקעט — האָט ער זיך געוואונדערט צו פּאַביאַנען — ווען אים ווערט נאָר איינגעקלעמט דער שטיוול ! — צי וואָלטן מיר אויך פעיק געווען צו באַגיין אַזאַ נאַרישקייט ?

כ׳גלויב נישט — האָט זיך פאַרטראַכט פּאַביאַן. — דערצו איז שוין נויטיק אַ שטאַרקער מאַנגל אין זעלבסטבאַ-הערשונג.

במשך פון דער גאַנצער נאַכט האָט עס געקראַכט אַרום אונזער גרובן. טיילמאָל האָט זיך געטרייסלט דער באָדן. דערצו האָבן די פערד געשטונקען וואָס אַמאָל שטאַרקער.

אינמיטן דער נאַכט זענען צוויי מענטשן אַראָפּגעקראָכן פון די טרעפּ.

— וואָס איז געשען ?

— אַנטשולדיקט, הער אויבערלייטענאַנט ! מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָ ווינט דער קאָמפּאַניע-אָנפירער ! מען שיסט אַזוי שטאַרק, מיר זענען אַראָפּגעלאָפן דאָ אַהער !

באַגינען האָט אַ קראַך געטון מיטאַמאָל נענטער ווי תּמיד, און עמעצער איז געלאָפן איבער די טרעפּ אַראָפּ.

— ווער איז דאָרט ?

— איילינץ — מען שיסט אַזוי, זענען מיר אַראָפּ טיפער.

ווידער האָט נאָך אַ געוויסער צייט עמעצער אויסגערופן פונדרויסן : — צי איז דאָ דער סאַניטאַרן-שוצגרוב ?

— דער נאָענסטער איינגאַנג אויף רעכטס ! — האָבן מיר זיך אַלע אָפּגערופן גלייכצייטיק.

דערנאָך איז אָנגעקומען עמעצער : — הער אויבערלייטענאַנט, כ׳מעלד געהאָרכזאַם, אַז מיין פּלוטאָן האָט זיך אומגעקערט פון דער פאָדערשטער ליניע, וווּ ער האָט געבויט אָקאָפּעס. מיר האָבן דריי מאַן פאַרוווּנדעטע.

באַלד ווי ס׳איז העל געוואָרן זענען מיר אויפגעשטאַנען און פאַרפרוירענע געטרונקן קאַווע. דערנאָך איז פּאַביאַן אַליין אַוועקגעגאַנגען און זיך אומגעקערט ערשט אין עטלעכע שעה אַרום.

— מ׳האָט ערשט איצט געפונען דעם פירער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע אַ טויטן. מיר האָבן איצט אַלס פערטן פּלוּטאָן די רעשטלעך פון דער צווייטער קאָמפּאַניע. עס פירט מיט איר אָן דער לייטענאַנט אייסאָלד. און איצט וועלן מיר זיך איבערטראָגן אין טונעל אַריין.

אינדרויסן איז געווען רויק, אַזוי אַז מיר האָבן געקאָנט אומגעשטערט פּטור ווערן פון די טויטע פערד. איינס פון זיי איז געהאַט געפּלאַצט און די בלאָע און רויטע געדערים האָבן פאַרלייגט דעם וועג.

אין טונעל זענען געזעסן איינגעקנוילט די מענטשן פון דער צווייטער קאָמפּאַניע צווישן טאַבעק-רויך און עיפּוש : — זיי וועלן אונז נאָך דאָ אויסשיסן ! אָדער די פראַנצויזן וועלן זיך אַריינקריגן פאָרנט און די ראָוון, און דאַן וועל זיי דאָ אויך

זיין אינגיכן! מיר וועלן זיך אַלע לאָזן אויסשיסן ווי די הינט!

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ גרובן, אין וועלכן ס'זענען שוין געלעגן צוויי אָפיצירן און עטלעכע זעלנער. זיי האָבן זיך געמוזט צונויפרוקן ענגער.

מיר האָבן געהאַט אַן אומרויקן אָוונט און נאַכט. דער קוכער און דער קיך־פורמאַן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן באַם אַרויסגעבן דאָס עסן. צו די דריי אָפיצירן, וואָס זענען געזעסן באַם טיש און געשריבן, זענען כסדר אָנגעקומען שליחים. מ'האָט מיך אַרויסגעשיקט עטלעכע מאָל און פאַרשידענע ערטער. אינדערפרי האָבן מיר זיך לסוף געלייגט שלאָפן. אַרום באַ די ווענט זענען געווען פּריטשעס, כסדר צו צוויי איבער איינאַנדער. איך האָב זיך געלייגט אויבן, אונטער מיר צישע. האַרט איבער מיר האָט זיך געפונען אַ לאָך און דעם סופיט, וואַרשיינלעך, כדי דורכצושטעקן אַן אויוון־רער. כ'האָב געהערט דורך אים דאָס קראַכן אין וואַלד, אַמאָל ווידער — העלע, הילצערנע טענער. דאָס זענען געווען שראַפּנעלן, מיט וועלכע מ'האָט באַשאָסן דעם וואַלד.

אויפצומאָרגנס האָב איך געזען דעם עולם ווידער רויכערן און פּלוידערן. — מיר קאָנען שוין נישט לענגער! מיר וועלן קיינמאָל נישט צוריקקומען אַהיים! אין אַ פּאָר טאָג אַרום וועלן מיר זיך געפינען און געפאַנגענשאַפט באַ די פראַנצויזן, אָדער מ'וועט ליגן ערגעץ ווו אין אַ ראָוו, און די אַנדערע וועלן טרעטן איבער אונזערע טויטע קערפּערס!

ס'האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרדריסן אויף דער צווייטער קאָמפּאַניע. אַלמאי קאָנען זיי זיך נישט באַהערשן? אַזוינאָך נעמען זיי באַ די אָרעמע רעקרוטן, וואָס האָבן אָקאָרשט דערשמעקט דעם פראָנט, דעם לעצטן מוט אָפּ!

אין הויפּט־קאָרידאָר פון טונעל האָט מען איינגעבויט

האַהט אונטערן באַלקן אַ דריטע ריי בעטן. ס׳האָט געמוזט זיין אַ קונצשטיק זיך דאָרט אַריינצוקוועטשן. בײַ אונז האָט נאָך געפונען אַ מקלט אַ פערטער אָפיציר מיט אַן אָרדינאַנס, אַזוי אַז איך מיט צישען האָבן זיך געמוזט בייטן מיטן שלאָפן.

אינדרויסן האָט די זון וואַרעם געשיינט. פיל פראַנצייזישע אַראָפּלאַנען האָבן אַרומגעקרייזט איבער אונזערע פּאָזיציעס. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלטן נישט געווען קיין דייטשע פליערס. מיר פלעגן בכלל נישט ליב האָבן די פליערס, צוליב זייער חוצפּה־דיקער האַלטונג, אבער איצט האָבן מיר זיי געזידלט נאָך מער ווי תמיד.

מיטאָגצייט האָט זיך דער הימל פאַרכמאַרעט און ס׳האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען. פון טערקישן וועלדל האָט זיך אַרויסגערוקט דער לעצטער אָבסערוואַציע־אָפיציר פון דער אַרטילעריע און אויך געפונען אַ מקלט אין אונזער אָקאָפּ. איצט האָט אפילו דער אויבערלייטענאַנט נישט געהאַט קיין בעט פאַר זיך אַליין, נאָר איז געשלאָפן בייטנדיק זיך מיט אייליצן.

בעת ס׳איז געוואָרן טונקל, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ העפטיק פייער אין אונזער ריכטונג.

אייליץ איז אָנגעקומען מיט פאַרעדיקע מענאַשקעס און געזאָגט מיט זיין הויכער שטים: — אין דער נאָענט פון דער קיך זענען אויך געפאַלן גאַז־גראַנאַטן.

— אָן וואָס האָט איר דאָס דערקענט?

— ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן אַזעלכע קליינע וואָלקנדלעך. מתחילת האָב איך נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. אָבער ווי נאָר כ׳האָב באַקומען דאָס עסן, האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן אַזאַ זיסלעכער גערוך, אַז כ׳בין געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַ צעדולטער!

אויפצומאָרגנס האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט. פון פרימאָרגן אָן האָט מען אונז באַשאָסן מיט שווערע גראַנאַטן. צוויי

אָקאָפּעס פון צווישן פּלוטאָן האָבן געדראָט איינצופאַלן און גע־מוזט אויסגערוימט ווערן. נאָך מער מענטשן האָבן זיך געמוזט אַריינפּאַקען אין טונעל.

מיטאָגצייט האָט זיך דערטראָגן גאַנץ נאָענט אַ משוגענער קראַך. די ערד האָט אַ ציטער געטון. מיר זענען אַהינגעלאָפן צום טונקעלן דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט צום הויפּט־קאָרידאָר. אָבער פון דאָרטן זענען געקומען אָנצולויפן אַנדערע און אונז געשטופּט אויף צוריק.

— וואָס איז געשען ?

— ס'האָט געטראָפן אין טונעל.

כ'האָב דערשפּירט דעם רויך פון גראַנאַט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר זיך באַרויקט און אַריין אינעווייניק אין טונעל. די ליכט האָבן געברענט נאָך טריבער. ס'האָבן נאָר געפּלאַצט צוויי ברעטער פון באַלקן. ווייטער איז גאָרנישט געשען.

נאָכמיטאָג האָב איך געמוזט אַוועק מיט אַ מעלדונג צום באַטאַליאָן. פאַר דעם אָקאָפּ איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע בלוט פון דעם פּאָסטן, וואָס איז דאָ פאַרוואונדעט געוואָרן, די דיקע שויב איז געווען צעבראָכן און אַרום זענען געלעגן אירע שטיקלעך. אָבער דער קאַפּיטאַן און זיין אַדיוטאַנט האָבן געלאַכט פון צופרידנ־קייט.

— — — — — — — — — — — —

ווידער האָב איך געהערט אין דער נאַכט קראַכן און קנאַלן.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. די זון האָט גע־שיינט, און אַ גרויסער פראַנצויזישער אַעראָפּלאַן, אַרומגערינגעלט מיט קלענערע, האָט אַרומגעקרייזט איבער אונז. פון טערקישן וועלדל האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן ריזיקע גראַנאַטן־וואָלקנס.

מיטאָגצייט איז אָנגעלאָפן אַ באַטאַליאָן־אָרדינאַנס ; כ'האָב באַמערקט, אַז ער איז געווען בלאַס ווי די וואַנט :

— הער אָבערלייטענאַנט, דער באַטאַליאָן לאָזט צו וויסן טון, אַז די פראַנצויזן האָבן באַזעצט דאָס טערקישע וועלדל, די

דריטע קאָמפּאַניע זאָל באַזעצן דעם ראַנד פון אונזער וואַלד

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי אַלץ אַרום וואָלט ווייס געוואָרן.

— אָרדינאַנסן, גרייטן זיך!

ס׳איז געווען פינף מינוט נאָך צוועלף אַזייגער.

— אַלאַרמירן די פלוטאָנגען! פלוטאָנפירערס צו מיר!

כ׳בין אַוועקגעלאָפן אין טונעל, צו דער ערשטער מיר לינקס. לייטענאַנט אייסאָלד איז געזעסן מיט צוויי אָפיצירן און געשפילט אין קאָרטן.

— הער לייטענאַנט! די פלוטאָנגען זאָלן אַלאַרמירט ווערן! די הערן פלוטאָנפירערס צום הער לייטענאַנט!

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן: — וואָס איז געשען?

— די פראַנצויזן זענען אין טערקישן וועלדל.

אין דער לינקער האַנט האָט ער נאָך געהאַלטן די קאָרטן און מיט דער רעכטער האָט ער אַ נעם געטון די גאַז-מאַסקע: — וואָס זאָלן מיר טון?

— דערווייל נאָר אַלאַרמירן! — כ׳בין געלאָפן ווייטער צו זיידעלן.

ער האָט גראָד גערייכערט זיין פייקע און געזאָגט: — איצט וועט עס זיך ערשט אָנהויבן! — דערנאָך האָט ער אויסגעקלאַפּט דעם טאַבאַק און איז אויפגעשטאַנען.

באַם ראַנד פון טערקישן וועלדל האָב איך געזען אַרומ-גיין מענטשן, האָב אָבער נישט געקאָנט דערקענען, צי דאָס זע-ען געווען פראַנצייזן. ווי שיקט זיך דאָס, אַז די פראַנצויזן זאָלן זיין אַזוי נאָענט און מ׳זאָל נישט האָבן געהערט קיין איינציקן ביקסן-שאָס? ס׳וואָלט דאָך געמוזט קומען עפּעס אַ שליח פון דער ערשטער ליניע! און אפשר איז דאָס אַלץ נישט געווען ריכטיק?

אויך דער קאַפּיטאַן איז אַפּנים געווען אין ספק: — שיינט מיר, אַז דאָס זענען דייטשן. שיקט אַריבער אַ פּאַטרול!

און אפשר האָבן זיך די פראַנצויזן אַריינגעריסן אין שטח

פון שכנותדיקן פולק און זיך איצט אַריינגערוקט צווישן אונז און אונזער ערשטער ליניע?

פון יענער זייט טערקישן וועלדל האט זיך אויפגעהויבן א געלער ראַקעט און זיך פונאַנדערגעפאלן הויך אינדערלופטן. פאַביאַן האט געטייטלט אויף אים מיטן פינגער: — דארט האַלטן זיך נאך געוויס אונזערע און גיבן אונז ליכט־סיגנאַלן. צי וואלט מען נישט געדאַפט תיכף אנהויבן אַ קעגנאָנגריף?

— ניין, דער פולק־קאָמאַנדיר דאַרף אַרויסגעבן דעם באַפעל. מיר מוזן וואַרטן.

דערווייל האָבן זיך פאַרזאַמלט די פלוטאָנפירערס און געשעפטשעט צווישן זיך אין אַ ווינקל. אויף דר׳ערד איז געלעגן אַ טויטער קערפּער, וועמען מ׳האָט אַראָפּגעצויגן די שטיוול, זאָקן און אויך די הויזן; מחמת ס׳האט זיך שוין געפילט אַ דוחק אין אָנטועכץ.

מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט. לסוף איז צוריקגעקומען דער פירער פון דעם אַוועקגעשיקטן פּאַטרול און געמאָלדן, אַז מ׳האט זיי באַשאסן פון דעם טערקישן וועלדל אַרויס, אבער ער גלויבט, אַז דאס זענען געווען דייטשן. איינער פון פאַטרול איז געווארן פאַרוואונדעט אין פוס.

— האט איר נישט געשריגן צו זיי?

— יא, הער קאַפּיטאַן, אבער זיי האבן נישט געענטפערט.

פאַביאַן האט אנגעקוקט דעם פאַטרול־פירער מיט אַ מאדנעם בליק און אים אַוועקגעשיקט. ער האט אים וואַרשיינלעך נישט געגלויבט.

פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געפונען אויף רעכטס, עטוואָס פאָרנטצו, איז אָנגעלאָפן אַ שליח און געמעלדעט: — דאָס טערקישע וועלדל איז באַזעצט דורך פראַנצויזן. וועגן די קאָמפּאַניעס פון דער פאָדערשטער ליניע איז נישטאָ קיין שום ידיעה.

פון רעכטס זענען אָנגעקומען אַ פאָר אַרטילעריסטן און מיטגעשלעפּט עמעצן צווישן זיך. דאָס איז געווען אַ פאַרוואונדעטער, וועמען אַ גראַנאַט האָט אַראָפּגעריסן ביידע פיס. פון די שטיקלעך הויזן האָט אַראָפּגעקאַפּעט דאָס בלוט.

ס׳זענען דערווייל אַוועק דריי שעה זינט דער ערשטער ידיעה. פּאַביאַן האָט מיך אַוועקגעשיקט צו די פלוטאָנען מיט דער ידיעה, אַז די פליייש־פּושקעס, האַרטן ספּיריטוס און סעלטער־וואַסער וועט מען היינט נעמען ביי איילינצן, מחמת די קיך וועט ווארשיינלעך נישט קאָנען צופאָרן צו אונזער ליניע.

כ׳בין געגאַנגען לענגאויס אין גרובן, אין וועלכן ס׳זענען איצט געווען אויפגעשטעלט פּאָסטנס. איינער פון זיי איז גע־שטאַנען אַזוי טיף איינגעבויגן, אַז אַפילו זיין העלם האָט נישט אַרויסגעשטאַרצט איבערן ראַוו.

כ׳בין געבליבן שטיין: — אַלמאַי האָסטו אַזוי מורא?

ער האָט מיך נישט אָנגעקוקט. דאָס איז געווען איינער פון די אַכצניעריקע רעקרוטן פון דער צווייטער קאָמפּאַניע.

— טו נאָר א קוק אַרויס! — האָב איך געלאַכט. — מען זעט נישט קיינעם און די זון שיינט.

ער האָט זיך אַפילו נישט גערירט. וואָס האָב איך געזאָלט טון?

בעת איך בין צוריקגעקומען איז דער פּאַרוווּנדעטער מיט די אָפּגעהאַקטע פיס געלעגן אויף ד׳ערד און געיאָמערט. ער האָט אויסגעזען צו האָבן פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. איילינץ האָט אַרויסגעגעבן איבער אים די פליייש־פּושקעס און די אַנדערע זאַכן.

כ׳בין ווידער אַוועק צו דער אַרטילעריע־פּאָזיציע. פּאַביאַן איז שוין דאָרט נישט געווען. באַ דער עפענונג פון דעם בעטאָן־אָקאָפּ איז געשטאַנען דער געלער הערשל אַלס פּאָסטן. לעבן אים איז געלעגן אויף ד׳ערד דער, וואָס איז דאָ פריער געשטאַנען אויף דער וואַך.

— האָט מען דען דאָ געשאָסן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, ס׳האָט אָקאָרשט אויפגעריסן אין דער נאָענט עטלעכע שראַפּנעלן. — דערביי האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר, און כ׳האָב באַמערקט, אַז דער האָט לגמרי קיין מורא נישט! און ווען ער זאָל היינט פאַלן? כ׳וואָלט עס באמת באַדויערט, וואָרן דער איז אַ יאַט... איך וועל דאָך נישט פאַלן, דערין בין איך געווען זי־כער. אָבער פונדעסטוועגן בין איך נישט געווען אינגאַנצן רויק.

עמעצער איז אַרויפגעקומען מיט די טרעפּ.

— רען! — האָט פאַביאַן רויק געזאָגט און אַ ביסל געשמייכלט. — איך דריי פערטל שעה אַרום! — דערנאָך דינסטלעך: — כ׳האָב אַרויסגעשיקט צישען, אַז ער זאָל ברענגען די פּלוטאָנען. איילעך בלייבט דאָ. מיר מוזן איצט גיין.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם גרובן און אָפּגעוואַרט די קאָמפּאַניע. אויף דער לאָנקע איז נאָך געלעגן דער געלער שיין פון דער זון. אָבער דער וואַלד איז שוין געווען גראָ.

די קאָמפּאַניע האָט זיך צונויפגעזאַמלט במשך פון אַ האַלבער שעה. פאַביאַן האָט שטילערהייט אַרויסגעגעבן באַפעלן און אַרויסגעקראָכן מיט אונז פון גרובן צו אַ נאָענטער, פולשטענדיק צעשאָסענער אַרטילעריע־שטעל, וווּ מיר האָבן זיך אויסגעלייגט הינטער וואַלן אין די האַלב פאַרשאָטענע גרובנס. ער האָט אָנגעוויזן די פּלוטאָנפירערס אַ פּאַס קוסטעס, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם טערקישן וועלדל און דערקלערט, ווי אַזוי מ׳זאָל אָנגרייפן.

מיר האָבן נאָך איצט געמוזט וואַרטן אויף דער פערטער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געזאָלט אָנגרייפן לינקס פון אונז. לסוף איז אָנגעקומען אַ טייל פון דער קאָמפּאַניע. זיי זענען געגאַנגען דורכן וואַלד גלייך, נישט איינבייגנדיק זיך צומאָל. זיי האָבן אויסגעזען נישט צו האָבן קיין השגה, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— ווען די פאַרשוינען וואָלטן זיך ווייניקסטנס אַנידערגעלייגט! — האָט מיר זיידעל איינגערוימט. — זעסט, דאָרט קומט שוין אָן אַ פאַרפלוכטער פראַנצויזישער פליער. אַ קינד וואָלט זיך דאָך געקאָנט משער זיין, אַז מיר׳ן אָנהויבן אַ קעגנאָנגריף פאַרנאַכט! און אויך אַז דער אויסגאַנגס־פּונקט וועלן זיין די דאָזיקע קוסטעס! הלוואַי מיר זאָלן נאָך פריער נישט אַרייַנכאַפּן קיין פּסק!

ס׳איז אָנגעקומען דער קאַפּיטאַן מיט דעם אַדיוטאַנט און זיך אַוועקגעלייגט לעבן אונז. פאַר אונז איז אויפגעגאַנגען די לבנה, און פון רעכטס האָט דער הימל נאָך געלויכטן רויטגעל איבערן פליין.

די פערטע קאָמפּאַניע איז נאָך אַלץ נישט געווען אין קאָמפּלעט. לסוף איז אָנגעקומען דער פירער מיט דעם רעשט זעלנער.

פּאַביאַן האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע מענטשן, כדי זיי זאָלן איבערשניידן מיט אַ שער די לעצטע שטערנדיקע דראָטן. איינער פון זיי איז אַרויסגעקראָכן אויפן בויך פון דעם העכער ליגנדיקן וואַלד.

מיטאַמאָל האָט אַ רויש געטון: קראַך! אַ זייל ערד האָט זיך אויפגעהויבן עטלעכע טריט פאַר אים. די ליים־שטיקער זענען אָנגעפלויגן אַזש צו אונז. דער זעלנער איז אויפגעשפרונגען און זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ גראַנאַטן־טרעכטער.

— צי קאָנען מיר נישט איצט, הער קאַפּיטאַן? — האָט פּאַביאַן געפרעגט אומגעדולדיק.

— יאָ, אָנהויבן!

— נאָך מיר! — האָט פּאַביאַן געפליסטערט. מיר זענען אַרויסגעקראָכן הינטער אים פון וואַלד. צווישן די קוסטעס בין איך אויפגעשטאַנען. פּאַביאַן איז געלאָפן שנעל. די שטעכיקע קשאַקעס האָבן אונז כסדר פאַרהאַלטן.

בראַמם! האַרט הינטער מיר. שטיקלעך ליים זענען מיר אַריין אין האַלז און די גאַז־מאַסקע איז מיר אַראָפּגעפאַלן. כ'האָב זי אויפגעהויבן און געלאָפן ווייטער. די באַנד איז געווען איבערגעריסן. כ'האָב מיך פלוצלינג אַרומגעקוקט נאָך צישען. הינטער מיר איז נאָר געלאָפן זיידעל. פּאַביאַן האָט זיך אַרויסגערוקט פאָראויס, ס'איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקעלער. אַלץ האָט זיך צעפלאָסן אין ווייסלעכן האַלבנעפל.

פּאַביאַן האָט זיך פאַרהאַלטן און אַנידערגעקניט. פינף טריט פאַר אונז האָבן זיך געענדיקט די קשאַקעס. ביז צו דער טונקעלער וואַנט פון טערקישן וועלדל איז נישט געווען מער ווי הונדערט טריט. דערצווישן איז געלעגן אַ לאָנקע.

פּאַביאַן האָט איינגערוימט עפעס זיידלען און אים אָנגעוויזן, וויאַזוי מ'זאָל אָנגרייפן: — ווען איר וועט דערלאַנגען צום וואַלד, וועל איך אונטערקומען מיט פאַרשטאַרקונגען און צוהעלפן אַרויסטרייבן די פראַנצויזן.

זיידעלס פּלוטאָן איז געשטאַנען אויפן אָרט, אָבער פון די אַנדערע פּלוטאָנען קיין זכר נישט. צישע האָט געפּעלט.

לינקס האָבן געקלאַפּט שטאָלערנע מכשירים. דאָס האָט גע־מוזט זיין די פערטע קאָמפּאַניע. אַ פּאָר ביקסן־שאָסן.

פּאַביאַן האָט זיך אָנגעבויגן צו זיידעלן: די פערטע קאָמ־פּאַניע איז באַמערקט געוואָרן. גרייפט אָן!

זיידעל האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט. זיי זענען אויפגעשטאַנען און געלאָפן אין גראָען בין־השמשות אַרויס.

עמעצער איז אָנגעלאָפן פון הינטן: — פּאַביאַן! דער קאַפּי־טאַן איז פאַרשאָטן! איר פירט אָן מיטן באַטאַליאָן!

שאַרפער ביקסן־געקנאַל אַרום אונז און לייכטע אויפבליצן לענגאויס דעם וואַלד.

— דער גרעסטער טייל פון אייער קאָמפּאַניע איז אויך פאַרשאָטן! בלויז איך האָב מיך אַרויסגעקריגן און בין געקומען אַהערצולויפן!

ס׳האָט געפייפט אַרום אונז. פּאַביאַן האָט אָנגעוויזן מיט אַ נערוועזער באַוועגונג פאַר זיך: — טוט אַ קוק, ווו זיי לויפן! כ׳קאָן זיי שוין נישט פאַררהאַלטן! — זיי לויפן צו וויַיט רעכטס!

מיינע אויגן האָבן זיך איינגעבויערט אין דער פינצטערניש...

דאָס איז שרעקלעך! זיי לויפן לענגאויס דער ליניע פון די פּראַנצויזן. דאָרט פאַלט איינער, און נאָך איינער!

דערנאָך האָב איך נישט געזען קיינעם. באַם וואַלדראַנד האָבן אויפגעפלאַמט רויטע פייערלעך. ס׳האָט געפייפט אַרום די אויערן. כ׳האָב דערשפּירט אויפן האַלז דעם ווינט פון אַ דורכ־פליענדיקן גראַנאַט.

וואָס איז געשען מיט זיידעלן? — און מיט צישען?

אַ קלאַפּ אין מיין לינקן אָרעם.

— כ׳בין פאַרוווּנדעט! — האָב איך געזאָגט.

— ווו? — האָט געפרעגט פּאַביאַן.

כ׳האָב עס אים געוויזן.

דער מוסקל האָט אָנגעהויבן ווי צו טון און איז געוואָרן ווי אָנגעשוואָלן.

— צי האָט איר אַ מעסער ? — האָט געפרעגט דער אַדיוּ־טאַנט.

כ'האָב עס געהאַט אין מיין לינקער הויזן־קעשענע און זיך באַמיט אַרויסנעמען עס מיט דער רעכטער האַנט.

ער האָט עס באַמערקט און מיר צוגעהאָלפן.

ס'האָט געפייפט און געקנאַלט.

ער האָט מיר אויפגעשניטן דעם אַרבל. דאָרט ווו ס'האָט ווי־געטון האָב איך נישט באַמערקט גאָרנישט.

— אַ נישקשהדיק לאָך ! — האָט געזאָגט דער אַדיוּ־טאַנט. — דאָ וועט אַ געוויינלעכער באַנדאַזש נישט העלפן. אָבער לאָמיר אַריינגיין אין גראַנאַטן־טרעכטער !

מיר זענען אַריינגעקראָכן אין אַ ברייטן טרעכטער, ווו מ'האָט געקאָנט זיין מער־ווייניקער זיכער.

— ווו איז די וווּנד, הער לייטענאַנט ?

— נאָענט פון אַקסל. דער שאָס האָט געמוזט קומען פון דער זייט !

— אָבער נישטאָ כמעט קיין שום בלוטיקונג ?

— מיינע לייט ! — האָב פאַביאַן געקריצט מיט די ציין.

— אַזוי, און איצט מוזן מיר ווידער פאַרלייגן דעם אַרבל. דער אָרעם גלאַנצט אַזוי ווייס אין לבנה־שיין, אַז די פראַנצויזן אַקעגנאיבער קאָנען אונז נאָך דערזען.

ער האָט מיר צוגעשפיליעט קרום דעם אַרבל פון העמד און בלוזע.

דאָס ביקסן־פייער האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט.

— ווערט געוויר, וואָס ס'האָט אויפגעטון די פערטע קאָמ־פּאַניע ! — האָט געזאָגט פאַביאַן.

כ'האָב באַמערקט ווי פאַביאַן איז געווען דענערווירט און געזאָגט : — צישע מוז אויך זיין פאַרוווּנדעט.

— אַלע אָרנטלעכע מענטשן זענען פאַרוווּנדעט, נאָר איך נישט ! ווי אַזוי וועל איך זיך בכלל ווייזן פאַר דער קאָמפּאַניע ? כ'בין געווען דאָ פּאָרנט און נישט גענומען קיין אָנטייל אין אָנגריף, ווייל כ'האָב געוואַרט אויף די אַנדערע

גלוסאָנען! דאָס וועט דאָך מיר אָבער קיינער נישט גלויבן!

דער אַדיוטאַנט איז צוריקגעקומען: — די פערטע האָט לגמרי נישט אָנגעהויבן קיין אָנגריף, און דאָס צוליב דעם שטאַרקן פייער פון קעגנער.

— און צוליב דידאָזיקע בהמות האָב איך געטריבן צו דער שחיטה מיינע מענטשן:

— נו, נו! זיי זענען נישט שולדיק דערין. מיר דאַרפן זיך גיכער פרייען, וואָס זיי האָבן נאָר דריי לייכט פאַרוווּנדעטע. אָבער איצט וואָלטן מיר זיך אפשר געדאַרפט אומקערן.

קיין שאָס מער. די רויטע פייערלעך האָבן זיך פאַרלאָשן. מיר האָבן זיך אומגעקערט פאַמעלעך אין שיין פון דער לבנה. נאָר נאָך דריי.

כ'האָב אָנגעהויבן צו ציטערן פאַרן קעלט. דער ווייטיק איז כמעט אַוועק. בײַם ראַנד פון וואַלד זענען געשטאַנען עטלעכע.

— און אָט זענט איר דאָ; — האָט דער לייטענאַנט אייסאָלד אויסגערופן צום אַדיוטאַנט. — מיר גראָבן כסדר, זוכנדיק אייך. דער קאַפּיטאַן האָט אייך געהייסן זוכן.

— וואָס? איז ער אויך דאָ? כ'האָב דאָך אים געזוכט אומעטום.

— כ'האָב געפרעגט עמעצן: — צי האָט איר געזען צישען.

— ער איז פאַרוווּנדערט געוואָרן האַרט הינטער דיר: ס'האָט אים אָפּגעריסן אַ האַלב פּנים.

— לעבט ער נאָך?

— אוודאי... ער האָט צומאָל נישט באַמערקט גאָרנישט.

פּאַרן אָקאָפּ האָט פּאַביאַן זיך אויסגעדרייט צו מיר: — כ'האָב היינט פאַרלוירן די בעסטע מענטשן... ער האָט ווייטער נישט געפונען קיין ווערטער און מיר נאָר געדריקט די האַנט.

— אויף ווידערזען, הער אויבערלייטענאַנט! — האָב איך אויסגערופן.

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: — גייט אין דעם שוצגרוב אײַליין ווּעט אייך אָפּפירן צום סאַניטאַר-פּלאַץ!

עטלעכע שראַפּנעלן זענען אַריין אין וואַלד און געקלאַפּט אָן די ביימער. כ׳האָב זיך אומגעקערט אין טונעל. אין אָקאָפּ איז געלעגן דער אָן פיס, שוין טויט.

איליץ איז אויפגעשפרונגען: — ווו איז דער אויבער־לייטענאַנט?

— געזונט, אין באַטאַליאָן! — ס׳האָט מיך געפרייט, וואָס ער האָט זיך אַזוי געזאָרגט.

— צי האָט מען צוריק אָפּגעוווּנען דעם וואַלד?

— ניין! ס׳איז אפילו קיינער נישט דערגאַנגען צו די פּראַנצויזישע גרובנס.

— און דאָך, איך! — האָט עמעצער געשריגן אויפגערעגט הינטער מיר. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט. זיידעל! — איך בין שוין געווען אינמיטן! — האָט ער געזאָגט, ווי באַוווּסטלאָז. — אָבער הינטער מיר איז נישט געווען קיינער, און ווען כ׳האָב זיך אומגעקוקט, איז אויך נישט געווען קיין פּראַנצויזן. כ׳האָב זיך בכן גערוקט מיטן גרובן אויף רעכטס און זיך צוגעקריגן צו דער ערשטער קאָמפּאַניע. ווו איז דער אויבער־לייטענאַנט?

— אין באַטאַליאָן־שוצגרוב!

ער איז אַרויסגעלאָפן אָן אַ וואָרט.

איליץ האָט מיך געפירט באַם רעכטן אָרעם מיט אומגעוויטיקער פּאָרזיכטיקייט און מיר געהאָלפן אַרויסגיין פון גרובן.

מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב איבערגעלאָזט אין אָקאָפּ די בריוו און אַלע נאָטיצן.

— וואַרט נאָר דאָ אַ ווײַלע! כ׳מוז נאָך עפּעס ברענגען!

כ׳האָב צוריק אַראָפּגעקלעטערט און גרובן און געטאַפּט דורך די טונקעלע קאָרידאָרן.

אין שוצגרוב האָט נאָך געברענט דאָס ליכט. כ׳בין דורכגעקראָכן איבערן טויטן, באַהאַלטן אין קעשענע אַריין די פּאַפּירן און זיך צוריקגעקערט.

נישט אָנטרעפנדיק איליצן אויפן אָרט, ווו כ׳האָב אים פאַרלאָזן, האָב איך שטיל אויסגערופן: — איליץ — — פּאַול!

— — — ס׳איז מיך באַפאַלן אַ פחד. כ׳האָב אַרויסגעקלעטערט מיט שוועריקייט פון דעם גרובן. כ׳האָב נישט באַמערקט קיי־נעם. כ׳האָב זיך געשטרויכלט איבער צווייגן און צעבראָכענע ביימער... און אָט! ער איז געלעגן אויסגעשטרעקט אין דער צווייגן־געדיכטעניש. די לבנה האָט אים געשיינט אין פנים אַריין. איבערן רעכטן אויג איז געווען אַביסל בלוט. ס׳האָט מיך געשווידערט, און כ׳בין אַוועק ווייטער.